STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06945

DI IDISHE GESHIKHTE FAR SHULE UN FOLK

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מתתיהו החשמונאי.

ש. דובנאָוו

די אידישע געשיכטע

פאַר שולע און פאָלק

איבערזעצט פון

חיים ליעבערמאַן

און

מייטע ליוושיץ

מאַקאַבייאישע און תלמוד׳ישע עפּאָכע

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.
MAX N. MAISEL
PUBLISHER

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.
424 GRAND ST.
NEW YORK

אינהאַלטס-פערצייכניס:

די אַלטע צייט און די עפּאָכע פון תלמוד.

§1. פאָרוואָרט. 9—10.

ערשטער קאַפּיטעל.

יהודה אונטער דער גריכישער הערשאַפט.

§2, אַלכסנדר מוקדון; §3, תלמי לאַגוס; §4, תלמי דער צווייטער פילאַדעלפוס; §5, תלמי דער דריטער און פיערטער; §6, שמעון הצדיק און יהושע בן-סירא; §7 דער אָנפאַנג פון דער סירישער הערשאַפט; §8, יאַזאָן און מענעלוים; §9, אַנטיוכוס'עס גזרות. 10—28.

צווייטער קאַפּיטעל

די בעפרייאונגס-מלחמות פון די חשמונאים

§10, מתתיהו חשמונאי; §11, די נצחונות פון יהודה המכבי; §12, חנוכה; §13, אַנטיוכוס'עס טויט, שלום; §14, אלקימוס, יהודה'ס טויט; §15, יונתן חשמונאי; §16, שמעון חשמונאי; §17, די אי-דען אין מצרים. 28—44.

דריטער קאַפּיטעל

יהודה אין דער צייט פון דער חשמונאים-דינאַסטיע

§18, שמעון אַלס נשיא; §19, יו.נן הורקנוס; §20, די פּרושים, צדוקים און אסיים; §21, דער סנהדרין און דער קאַמפף פון די פּאַר-טייען; §22, יהודה אַריסתובול; §23, אלכסנדר ינאי; §24, שלומית אלכסנדרה; §25, דער קאַמפף צווישען הורקנוס דעם 2טען און אַריסתובול דעם 2טען; §26, דאָס אָנקומען פון פּאָמפּעאוס; §27, הורדוס און אַנ-טיגנוס דער 2טער. 44—67.

פיערטער קאַפּיטעל

קעניג הורדוס דער 1טער און זיינע נאָכפאָלגער

§28, הורדוס'עס גרויזאַמע מעשים; §29, מרים'ס טויט; §30, הורדוס'עס נייע איינפיהרונגען; §31, הורדוס'עס לעצטע יאָהרען; §32, אַרכילוס, אינוועניגסטע מהומות; §33, דאָס גייסטיגע לעבען, הלל און שמאי. 67—81.

פינפטער קאַפּיטעל

די הערשאַפט פון די רוימער אין יהודה

§34, די ערשטע רוימישע פערוואַלטער; §35, אימפּעראַטאָר קאַלי־גולא; §36, קעניג אַגריפּאַס דער ערשטער; §37, אַגריפּאַס דער צווייטער און די רוימישע פּראָקוראַטאָרען; §38, דער אָנהויב פון אויפ־שטאַנד. 81—94.

זעקסטער קאַפּיטעל

די מלחמה מיט די רוימער און דער אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה

§39, די פאַרבערייטונגען צו דער מלחמה; §40, די מלחמה אין גליל; §41, די בעלאַגערונג פון ירושלים; §42, חורבן ירושלים; §43, דער אונטערגאַנג פון יהודה. 94—110.

זיבעטער קאַפּיטעל

פון חורבן ירושלים ביז דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא

§44, יוחנן בן־זכאי; §45, רבן גמליאל דער צווייטער; §46, מהומות אין דער צייט פון טראַיאַנוס און האַדריאַן; §47, רבי עקיבא; §48, דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא; §49, האדריאַנ'ס רדיפות. 110—125.

אַכטער קאַפּיטעל

די נשיאים און ישיבות אין ארץ ישראל ביז דער שליסונג פון דער משנה

§50, רבי מאיר; §51, דער נשיא רבי שמעון דער דריטער און רבי יהודה הנשיא; §52, די שליסונג פון דער משנה. 125—135.

נײנטער קאפּיטעל

די אידען אין ארץ־ישראל ביז'ן סוף פון דער הערשאַפט פון די נשיאים

§53, די נשיאים און די ערשטע אמוראים; §54, די קריסטליכע קיסרים פון רוים; §55, דער קיסר יוליאַן און רבי יהודה הנשיא דער צווייטער; §56, די לעצטע נשיאים, דער תלמוד ירושלמי. 126—142.

צעהנטער קאפּיטעל.

די אידען אין בבל ביז דער שליסונג פון תלמוד בבלי

§57, די אידען אין בבל אונטער דער הערשאַפט פון נײ־פּערסיען; §58, רב און שמואל; §60, די אמוראים פון בבל; §61, רב אַשי און דער תלמוד בבלי; §62, די שליסונג פון תלמוד; §63, דער אינהאַלט פון תלמוד. 142—155.

עלפטער קאפּיטעל

די אידען אין מזרח ביז'ן סוף פון די גאונים

§64, מהומות אין פּערסיען, די סבוראים; §65, די אידען אין סיריען און פּאַלעסטינא אונטער דער הערשאַפט פון ביזאַנטיען; §66, די אידען אין אַראַביען און מאַהמעד; §67, די ערשטע קאַליפען, די נײע נשיאים; §68, די עקזילארכען און די גאונים; §69, דער קאַליפאַט פון באגדאד, די סעקטע פון קאראימען; §70, דאָס גײסטיגע לעבען אין דער צייט פון די גאונים; §71, סעדיה גאון; §72, די לעצטע עקזי־לאַרכען און גאונים. 155—177.

אינדעקס .... 179־181

ליסטע פון בילדער:

I. מתתיהו חשמונאי ....פאָרערבילד

II. אנטיוכוס עפיפאַנעס.......................... 26

III. דער גריכישער גאָט צעאוס..................... 33

IV. די פאַרצייטיגע אידישע שוהל אין אַלעקסאַנדריען, מצרים 43

V. יאָזעפוס פלאַוויוס 97

VI. טיטוס'עס טויער אין רוים 106

VII. די רוימישע מטבע אין אָנדענק פון יהודה'ס אונטערגאַנג 109

VIII. פראָצעסיע פון אידישע געפאַנגענע................ 116

IX. אַ חרב'ע שוהל אין מירום.................... 133

X. קברים פון אידישע מלכים..................... 152

XI. אויפשריפטען אויף אַלטע אידישע מצבות אין רוים 164-165

מאַקאַבײאישע און תּלמוד'ישע עפּאָכע

די אַלטע צייט און די עפּאָכע פון תלמוד.

§1*) פּאָרוואָרט. די ערשטע (ביבלישע) עפּאָכע פון זיין געשיכטע האָט דאָס אידישע פאָלק איבערגעלעבט צווישען די פעלקער פון מזרח, אין שכנות מיט מצרים, סיריען, אשור, בבל און פּערסיען**) אין די לעצטע פיער הונדערט יאָהר פון דער דאָזיגער עפּאָכע האָבען אשור, בבל און פּערסיען איינע נאָך דער אנדערער פּערשפּרייט זייער הערשאַפט איבער דער אידישער מלוכה. אשור האָט חרוב געמאַכט איין העלפט איהרע — מלכות־ישראל, בבל האָט אויף א האַלבען יאָהרהונדערט צושטערט די אנדערע העלפט — מלכות־יהודה (גלות בבל), און צולעצט האָט פּערסיען צוויי הונדערט יאָהר געהאַלטען יהודה אונטער איהר אויבער־הערשאַפט. נאָר ענדליך איז געקומען א סוף אויך צו דער פּערסישער ממשלה. דער גרויסער גריכישער קריעגספיהרער אלכסנדר מוקדון האָט חרוב געמאַכט די פּערסישע מלוכה און האָט איינגעשטעלט די גריכישע הערשאַפט אין פאָדער־אַזיען (332 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

פון דיזער צייט הויבט זיך אָן די צווייטע (נאָך־ביבלישע) פּעריאָדע פון דער אידישער געשיכטע, וועלכע פאַלט אוים אין איין צייט מיט דער אַלטער גריכיש־רוימישער פּעריאָדע אין דער וועלט־געשיכטע. בלייבענדיג נאָך אַלץ אין מזרח האָט דאָס אידישע פאָלק זיך שוין איצט געפונען דער עיקר צווישען די געבילדעטע פעלקער פון מערב — די גריכען און רוימער. דאָס אידישע פאָלק פאַלט צום טייל אַרונטער אונטער דעם איינפלוס פון זייער קולטור און ווירקט צוריק אויף די געצענדיענער מיט זיין רעליגיאָן פון ריינעם מאָנאָטעאיזם (אחדות הבורא); ער קעמפּפט מיט דער פּאָליטישער מאַכט פון רוים און אין דעם אונגלייכען קאַמפּף פערלירט ער סוף־כל־סוף די זעלבסטשטענדיגקייט פון זיין מלוכה (70 יאָהר פאַר קריסט. צייטר.)

---

*) מיט קלענערע קיגדער קען מען אויסלאָזען דיזען פּאַראַגראַף, ווי אויך אַלץ וואָס קומט אין איינגעבויגענע שריפט אין דיזען בוך.

**) זעה: דובנאָוו, אידישע געשיכטע, ביבלישע עפּאָכע; פערלאַג מויזעל.

פון יענער צייט הויבט אָן דאָס אידישע פאָלק צו לעבען פאָליטיש אונטער דער ממשלה פון רוים, אָבער אינוועניג בלייבט עס פריי און רעגירט זיך אליין (אויטאָנאָמיע). רעגירט דאָס פאָלק אין זיינע צוויי וויכטיגסטע צענטרען — ארץ ישראל און בבל — האָבען די נשיאים און עקזילארכען. אין דער דאָזיגער עפּאָכע, וועלכע נעהמט ארום די לעצטע יאָהרען פון אלטערטום און דעם אָנהויב פון מיטעלאלטער (1040—70), ווערט בעשאַפען און איינגעפיהרט אין לעבען דער תלמוד — דער צווייטער גייסטיגער יסוד פון יודענטום נאָכ'ן תנ"ך. דערפון האָט די גאַנצע עפּאָכע געקראָגען דעם נאָמען „תלמוד'ישע". אין די לעצטע יאָהרהונדערטען פון דער דאָזיגער עפּאָכע לעבען שוין די אידען פון פּאַלעסטינא און בבל אונטער דער הערשאַפט פון די אראבער, וואָס גלויבען אין דעם מאַחמעדאניזם.

ערשטער קאַפּיטעל.

יהודה אונטער דער גריכישער הערשאַפט.

(167-332 יאָהר פאר קריסטל. צייטר.)

§2. אלכסנדר מוקדון. צוויי הונדערט יאָהר האָט געדויערט די הערשאַפט פון פערסיען אין יהודה און אין גאַנץ פאָדער־אזיען. נאָר ענדליך איז די מעכטיגע פערסישע מלוכה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון כורש'ן, צופאַלען געוואָרען, און די הערשאַפט אין אזיען איז אריבער צו די גריכען. דער גרויסער גריכישער קריעגספיהרער אלכסנדר מוקדון, האָט בעזיעגט די פערסיער און האָט אונטערטעניג געמאַכט אלע לענדער, וואָס זיינען געוועזען אונטערוואָרפען צו זיי. צווישען די דאָזיגע לענדער זיינען אויך געוועזען סיריען און יהודה (332). צוערשט האָבען די אידען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צום גריכישען זיעגער, ניט וועלענדיג ברעכען די שבועה פון טרייהייט וואָס זיי האָבען געגעבען צום פערסישען קעניג. נאָר ווען אלכסנדר איז אונטערגעקומען מיט א מחנה חיל צו ירושלים כדי צו בעשטראָפען איהרע פער'עקשנ'טע איינוואוינער, האָבען די אידען איינגעזעהן אז צו שטעלען זיך גע־

גען דעם מעכטיגען זיעגער וועט זיין אומזיסט, האבען זיי ארויס־
געשיקט שלוחים אנטקעגען אלכסנדר'ן אויסצודריקען איהם זייער
אונטערטעניגקייט. די לעגענדע דערצעהלט, אז דער כהן גדול ידוע
און פיעל אנדערע כהנים, אלע אנגעטהאן אין זייערע פרעכטיגע
כהונה־קליידער, זיינען ארויס פון ירושלים מקבל פנים צו זיין
אלכסנדר'ן. הינטער זיי זיינען געגאנגען די חשוב'סטע לייט פון
שטאדט. אז אלכסנדר האט דערזעהן די אידישע שלוחים איז ער
ארונטערגעגאנגען פון זיין פערד און האט זיך טיעף פערנייגט פאר'ן
כהן־גדול, וועלכער איז געגאנגען פאראויס. ווען איינער פון זיינע
הארען האט איהם געפרעגט ווארום ער האט זיך פריהער גע־
בוקט צום אידישען כהן־גדול, האט דער קעניג געענטפערט: „ווען
איך בין נאך געווען אין מאצעדאניען און האב געטרוימט וועגען
איינגעהמען אזיען, האט זיך מיר איינמאל אין חלום בעוויזען א
געשטאלט, וואס איז זעהר ענליך געווען אויף דעם דאזיגען כהן־
גדול. די געשטאלט האט מיר פאראויסגעזאגט, אז מיין אונטער־
נעהמונג וועט זיך ענדיגען מיט רוהם און נצחון. איצט, דערזעה־
ענדיג דעם אידישען כהן־גדול, האב איך זיך דערמאנט אין מיין
חלום, און איך האב זיך געבוקט ניט צו איהם, נאר צום גאט, וואס
האט איהם געמאכט פאר זיין כהן". די לעגענדע דערצעהלט ווי־
טער, אז אלכסנדר איז אריינגעפאהרען אין ירושלים, בעגלייט
פון דעם כהן־גדול, און האט דארט בעזוכט דעם בית־המקדש, און
האט געבראכט א קרבן צום אידישען גאט.

ווען אלכסנדר מוקדון האט צוגעשלאסען יהודה צו זיין מלוכה
האט ער ניט געשטערט די אינוועניגסטע פרייהייט פון די איינ־
וואוינער. ער האט זיי ערלויבט אבצוהיטען זייער אמונה און זיך
פיהרען לויט זייערע אייגענע געזעצען, אזוי ווי עס איז געווען אין
דער צייט פון דער פערסישער הערשאפט. עס האט זיך דעמאלט
געפיהרט, אז אלע פעלקער וואס זיינען געווען אונטערטעניג צו
אלכסנדר'ן, פלעגען אריינשטעלען זיינע סטאטועס אין זייערע טעמפ־
לען. אבער די אידען האבען ניט געקענט אריינשטעלען אלכסנדר'ס
בילד אין בית־המקדש, ווייל די רעליגיאן האט זיי פערבאטען צו
שטעלען בילדער און געשטאלטען אין בית־המקדש, האבען זיי
אנשטאט דעם אויסגעדריקט זייער אכטונג צום דעם מאצעדאנישען

קעניג דערמיט, וואָס זיי האָבען אַלע איינגלעך, וואָס זיינען ביי זיי געבאָרען געוואָרען אין פערלויף פון אַ יאָהר צייט, אַ נאָמען גע־געבען אַלכסנדר. דער קעניג איז דערפון שטאַרק צופריעדען גע־ווען און האָט נעגעבען די אידען נייע הנחות. ער האָט בעפרייט די איינוואוינער פון צאָלען ערד־שטייער אין די יאָהרען פון שמטה, ווען די פעלדער פלעגען ניט בעאַרבייט ווערען, און די אידישע יונגע לייט וואָס האָבען געדיענט אין זיין אַרמיי, פלעגט ער בע־פרייען פון אַרבייט אום שבת.

אַלכסנדר האָט פעראייניגט יהודה מיט דער פּראָווינץ קעֿ־לעסיריען (נידער־סיריען). פאַר'ן פערוואַלטער איבער דער דאָ־זיגער פּראָווינץ האָט אַלכסנדר בעשטימט זיין שטעל־פערטרעטער אַנדראָמאַכאָס, וועלכער האָט געוואוינט אין שמרון. די שמרונים, די שונאים פון די אידען, זיינען געווען אונצופריעדען מיט דער פערוואַלטונג פון אַנדראָמאַכאָס'ן, און זיי האָבען געמאַכט אַ מרידה געגען איהם און האָבען איהם גע'הרג'עט. ווען אַלכסנדר האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער שטרענג בעשטראָפט די מורדים, האָט זיי פערטריבען פון שמרון, און האָט די שטאָדט בעזעצט מיט מאַ־צעדאָניער. אייניגע שמרונישע לענדערייען האָט ער געשענקט צו די איינוואוינער פון יהודה, וועלכע איז איהם געבליבען טריי.

ווען אַלכסנדר מוקדון האָט איינגענומען מצרים, האָט ער אויפ'ן ברעג פון מיטלענדישען ים געגרינדעט די בעריהמטע האַנ־דעלס־שטאָדט אַלעקסאַנדריען און האָט זי בעזעצט מיט גריכען און אידען. אַ סך איינוואוינער פון יהודה האָבען זיך פריוויליג בע־זעצט אין אַלעקסאַנדריען און האָבען דאָרט גענאָסען אַלע ביר־גערליכע רעכט צוגלייך מיט די גריכען.

§3. תלמי לאַגוס. ניט לאַנג האָט געדויערט די גרויסע מלוכה פון אַלכסנדר מוקדון, וועלכע איז געווען פאַנאַנדערגע־וואָרפען איבער דריי וועלט־טיילען — אייראָפּא, אזיען און אפרי־קע. ווען אַלכסנדר איז געשטאָרבען האָבען זיינע קריעגספיהרער אָנגעהויבען קעמפּפען איינער מיט'ן אַנדערען פאַר דער הערשאַפט איבער די בעזיגטע לענדער. איינער פון אַלכסנדר'ס הויפּט קריעגספיהרער, דער גריכישער תלמי לאַגוס, האָט זיך צוגענומען מצרים ; נאָר ניט בענוגענדיג זיך דערמיט האָט ער זיך אַריינ־

געריסען מיט א גרויסען חיל קיין סיריען און יהודה, איז אריין אין ירושלים און האט אוועקגעפיהרט פון דארט קיין מצרים א סך איינוואוינער. די געשיכטע דערצעהלט אז תלמי האט אזוי גרינג גענומען ירושלים דערפאר, וואס ער איז אנגעפאלען אויף איהר אום שבת, ווען די אידען האבען צוליעב דער הייליגקייט פון דעם רוה־טאג ניט געוואלט זיך פערטיידיגען מיט געוועהר אין די הענד.

נאך לאנג־יעהריגע מהומות זיינען די לענדער פון פאדער־אזיען און דרום־אפריקע צוטיילט געווארען צווישען צוויי גריכי־שע קריעגספיהרער: מצרים און יהודה זיינען געבליבען פאר תלמי, און סיריען, קליין־אזיען און בבל זיינען אנגעקומען דעם הויפטמאן סעלייקוס. תלמי האט געגרינדעט אין מצרים די קעניג־ליכע דינאסטיע פון די „לאגיער" און האט געמאכט אלעקסאנדריען פאר זיין הויפט־שטאדט; און סעלייקוס איז געווארען דער פא־טער פון די גריכיש־סירישע מלכים, וואס זייער הויפט־שטאדט איז געווען אנטיוכיה אין קליין־אזיען. די אידען פון סיריען און בבל וועלכע זיינען אונטערגעפאלען אונטער זיין הערשאפט האבען איינ־געפיהרט א בעזונדער צייט־רעכנונג, אנהויבענדיג מיט'ן יאהר ווען סעלייקוס דער ערשטער איז געווארען קעניג (312 פאר קריסטל. צייטר.) אין פערלויף פון עטליכע הונדערט יאהר האבען זיי בע־נוצט די דאזיגע צייטרעכנונג, דער עיקר אין קאנטראקטען און כתבים (דעריבער רופט זיך עס אין די אידישע ספרים „מנין שטרות") די סירישע הערשער פון סעלייקוס'עס אבשטאמונג הא־בען ניט געקענט רעכט מאכען ביי זיך, אז די שכנ'ישע יהודה, וואס האט אין אמת'ן געהערט צו זיי, זאל נאר אנקומען צו די עגיפטער, און זיי האבען שטענדיג געזוכט א געלעגענהייט אבצור־נעהמען דאס דאזיגע לאנד. נאר די עגיפטישע מלכים האבען נאך לאנג געהאלטען יהודה אונטער זייער ממשלה.

תלמי לאגוס דער ערשטער (383—304) איז זיך בעגאנגען עהר־ליך מיט די פעלקער, וואס ער האט בעזיעגט, און אויך מיט די אי־דען. די געפאנגענע, וואס ער האט אוועקגעפיהרט פון יהודה, האט ער בעזעצט אין זיין הויפטשטאדט אלעקסאנדריען און האט זיי גע־געבען אלע בירגער־רעכט, צוגלייך מיט די גריכען. די פעהיגסטע אידישע קריעגער פלעגט ער מאכען פאר הויפטלייט פון זיין ארמיי

און פלעגט זיי פערטרויען די שמירה פון די פעסטונגען. א סך אי־דען זיינען פרייוויליג געקומען פון יהודה קיין מצרים און זיך דאָרט בעזעצט. נאָר די אמת'ע עגיפּטער האָבען זיך פערהאַלטען צו די אידען מיט פיינדשאַפט, ווייל זיי האָבען געקוקט אויף זיי ווי אויף פרעמדע, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אין לאַנד צוזאַמען מיט די בעזיעגער פון עגיפּטען. אין יהודה גופא האָט תלמי ערלויבט די איינוואוינער די זעלבע פרייהייט פון רעגיערונג ווי זיי האָבען גע־האָט אונטער דער הערשאַפט פון פערסיען. די אינוועניגסטע ענינים האָט פערוואַלטעט דער כהן־גדול פון ירושלים, מיט דער הילף פון א ראַט פון זקנים, אין גריכיש „גערוזיא“. דער כהן־גדול איז געווען דער פאָרשטעהער פון די אידען פאַר דער עגיפּטישער רעגיערונג. ער איז געווען מחויב אריינצוטראָגען אין דער קעניגליכער קאַסע יעדען יאָהר א שטייער פון די אידען, וועלכער האָט בעטראָפען צוואַנציג טאַלאַנטען זילבער (ארום 20,000 דאָלאַר).

§4. תלמי דער צווייטער פילאַדעלפוס. נאָכ'ן טויט פון תלמי דעם ערשטען האָט אין מצרים געקעניגט זיין זוהן, תלמי דער צווייטער פילאַדעלפוס (247—283). אין די צייטען פון דעם דאָזי־גען קעניג איז די לאַגע פון די אידען נאָך בעסער געוואָרען. תלמי פילאַדעלפוס האָט זיך ארומגערינגעלט מיט גריכישע געלעהרטע און דיכטער און האָט זיך בעמיהט צו פערפלאַנצען אין זיין לאַנד ווי־סענשאַפט און קונסט. ביי זיין הויף האָט זיך געפונען דער גרעס־טער מוזעאום אין דער וועלט, וואו עס זיינען געווען אויפגעזאַמעלט ליטעראַרישע און קינסטלערישע ווערק פון אלע פעלקער. די לע־גענדע דערצעהלט, אז ווען תלמי האָט זיך דערוואוסט וועגען די אידישע הייליגע ספרים און זייער הויכען ווערטה, האָט ער געוואָלט זיך בעקענען מיט זיי און קריגען א געטרייע גריכישע איבערזעצונג פאַר זיין רייכער ביבליאָטעק. האָט ער געשריבען א בריעף צום כהן־גדול אליעזר אין ירושלים און געבעטען ער זאָל איהם שיקען קיין אלעקסאַנדריען געלערנטע לייט, וועלכע זאָלען קענען אי־בערזעצען די אידישע ספרים אין דער גריכישער שפּראַך. צוזאַמען מיט'ן בריעף האָט דער קעניג געשיקט רייכע מתנות פאַר'ן בית־המקדש. אליעזר האָט גערן געטהאָן תלמי'ס פערלאַנג און האָט אָוועקגעשיקט צו איהם צוויי־און־זיבעציג געלערנטע לייט, וואָס האָ־

בען געקענט גריכיש אזוי גוט ווי העברעאיש, און וועלכע האבען מיט זיך גענומען א קאפיע פון דער תורה. די איבערזעצער זיינען אויפגענומען געווארען אין אלעקסאנדריען מיט גרויס כבוד. דער קעניג האט מיט זיי א סך פערבראכט און האט בעוואונדערט זייער חכמה. מען האט פאר זיי אבגעלאזט א בעזונדער פאלאץ אויף'ן אינזעל פאראס, נעבען אלעקסאנדריען, און דארט, אין פאלשטענ־דיגער רוה און שטילקייט, האבען זיי געארבייט אויף דער גריכישער איבערזעצונג פון תורת משה. די לעגענדע דערצעהלט, אז מען האט די איבערזעצער צוטיילט אין צוויי־און־זיבעציג בעזונדערע חדרים, כדי זיי זאלען זיך ניט קענען צוזאמענרעדען; יעדער איינער פון זיי האט איבערזעצט פאר זיך, און פונדעסטוועגען, ווען מען האט צום סוף פערגליכען אלע איבערזעצונגען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי שטימען ווארט אין ווארט. דאן האט מען די איבערזעצונג געבראכט פאר תלמי, און דערביי זיינען געווען פערזאמעלט די זקנים פון די עגיפטישע אידען. די זקנים האבען געבעטען ערלויב־ניש ארונטערצונעהמען א קאפיע פון דער איבערזעצונג, כדי זי צו פערשפרייטען אין זייערע קהלות, וואו די אידען האבען גערעדט גריכיש.

אין א שפעטערער צייט זיינען איבערזעצט געווארען אויף גרי־כיש אויך די איבעריגע ספרים פון תנ"ך. פון דער דאזיגער איבער־זעצונג האבען זיך די געבילדעטע גריכען און רוימער בעקענט מיט דער רעליגיעזער ליטעראטור פון די אידען. די גריכישע איבער־זעצונג פון תנ"ך האט געקראגען דעם נאמען „סעפטואגינט", אדער העתקת השבעים, ד. ה. די איבערזעצונג פון די זיבעציג.

§5. תלמי דער דריטער און פיערטער. דער נאכפאלגער פון תלמי פילאדעלפוס איז געווען תלמי דער דריטער אייערגעטעס (247—221). אין זיין צייט האט געשראקען יהודה א גרויסע גע־פאהר. די סירישע מלכים פון דער דינאסטיע סעלייקידען האבען דעמאלט מלחמה געהאלטען מיט מצרים און געוואלט אבנעהמען ביי איהר יהודה. די סיריער האבען געוואונען אויף זייער זייט די ירושלים'ער אריסטאקראטיע און דעם כהן־גדול חוניו דעם צווייטען, און האבען זיי איינגערעדט צו אויפהערען צאהלען צינז דעם עגיפ־טישען קעניג. האט תלמי אייערגעטעס געשיקט א שליח קיין

ירושלים מיט דער שטרענגער פאָדערונג, אז זיי זאָלען באלד איינ־צאָהלען דעם יעהרליכען צינז פון צוואנציג טאלאנטען, און אויב ניט וועט ער די אידען שווער בעשטראָפען און זייער ערד וועט ער צו־טיילען צו גריכען. די איינוואוינער פון ירושלים האָבען זיך צו־שפּאָלטען אין פּארטייען; דער צד וואָס האָט געהאַלטען מיט דער עגיפּטישער הערשאפט איז געווען אונצופריעדען מיט דער אויפ־פיהרונג פון דער אריסטאָקראַטיע און פון דעם כהן גדול. דער פיה־רער פון דער דאָזיגער פּארטיי, דער יונגער פלימעניק פון דעם כהן גדול, יוסף בן־טוביה, איז אוועק קיין אלעקסאנדריען, כדי ווייבער צו מאַכען תלמי'ס צאָרן. מיט חניפה'דיגע רייד און רייכע מתנות איז יוסף'ן געלונגען צו געווינען דעם גוטען ווילען פון דעם קעניג און איהם איבערצייגען אין דער טרייהייט פון אידישען פאָלק.

תלמי האָט געמאכט יוסף'ן פאַר'ן הויפּט זאמלער פון די שטייערען אין פאַלעסטינא. אן אבטיילונג פון צוויי טויזענד סאָלדאטען איז געשטעלט געוואָרען אונטער זיין פיהרערשאפט, צו העלפען איהם ביים זאמלען די צינזען. צוויי־און־צוואנציג יאָהר האָט יוסף געהאַט די אויפזיכט איבער די שטייערען אין פאַלעס־טינא און אין די גרעניץ־לענדער; ער האָט געטריי דערפילט זיין פליכט און האָט בערייכערט די עגיפטישע קעניגליכע קאסע, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אליין אויך רייך געמאכט. אלס דעם קעניג'ס פערטרעטער האָט ער געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף דער רעגירונג אין יהודה. אין זיין צייט זיינען אין לאנד איינגעפיהרט געוואָרען גריכישע מנהגים. די אידען פון די רייכע קלאסען האָבען אָנגעהויבען נאָכמאַכען דעם אַרט לעבען פון די גריכען, זיי האָבען זיך ארייננגעלאָזט אין וואוילטאָג און לעדיג־געהן, און האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערלאָרען די איינפאַכע אי־דישע מדות.

א פיינדליכע שטעלונג צו די אידען האָט זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען אין דער צייט פון דעם קעניג תלמי דעם פיערטען פילאָ־פאַטאָר (205—221). פאַר איהם האָבען די סירישער ווידער גע־פּרובט איינצונעהמען יהודה. דער סירישער קעניג אנטיוכוס דער דריי־טער דער גרויסער, האָט שוין פערכאַפּט דעם גליל און די לענדערייען אין מזרח זייט פון ירדן; נאָר באלד איז געקומען תלמי פילאָפאַ־

טאַר, האָט צושלאָגען די סיריער ביי ראַפּיאַ און האָט אָבגענומען ביי זיי צוריק די בעזיעגטע לענדערייען (217). שליחים פון אידישען פאָלק זיינען געקומען בעגריסען דעם קעניג צו זיין גרויסען נצחון. דער קעניג האָט אויסגעדריקט אַ פערלאַנג צו בעזוכען ירושלים און ברענגען אַ קרבן אין בית־המקדש. אריינגעהענדיג אין פאָדערשטען צימער פון בית־המקדש האָט ער געוואָלט געהן ווייטער, אין קדשי קדשים, וואוהין עס האָט געמעגט אריינגעהן בלויז דער כהן גדול. ניט דאָס בעטען פון די כהנים, און ניט די אונצופריעדענהייט פון פאָלק האָבען געקענט בויגען דעם קעניג פון זיין בעשלוס. אָבער ווי נאָר דער קעניג איז ארויפגעטראָטען אויפ'ן שוועל פון דעם היי־ ליגען צימער, דערצעהלט די לעגענדע, אזוי האָבען זיך איהם אונטער־ געזעצט די פיס און ער איז געפאַלען אין אָהנמאַכט אויף דער ערד. מען האָט איהם געמוזט פון בית־המקדש ארויסטראָגען אויף די הענד. פון דעמאָלט אָן האָט ער פערהאַסט די אידען און זייער אמונה.

ווען פילאָפּאַטאָר האָט זיך אומגעקערט קיין מצרים האָט ער ארויסגעגעבען אַ גזרה, אַז יעדער איינער וואָס וועט ניט אָננעהמען דעם גריכישען געצענדיענסט וועט ניט קענען געניסען קיין בירגער־ ליכע רעכט. דורך דער דאָזיגער גזרה האָבען די אידען אין מצרים פערלאָרען די גלייכבערעכטיגונג, וואָס איז זיי געגעבען געוואָרען בריהער, און זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ נידריגער מדרגה. אָבער דאָס איז נאָך פאַר'ן קעניג ווייניג געווען, האָט ער אויף אַלערליי אופנים געגומען רודפ'ן יענע אידען, וואָס האָבען ניט געוואָלט אָבהיטען די געצענדינערישע מנהגים. איינמאָל האָט ער געהייסען אויפטרייבען אַ מאַסע אידען אויף אַן אָפענעם פּלאַץ און ארויפלאָזען אויף זיי ווילדע העלפאַנדען. נאָר ווען מען האָט די צורייצטע העלפאַנדען ארויסגעיאָגט אויף די צונויפגעטריבענע אי־ דען האָבען זיי אויפגעהויבען אזא שרעקליכען געשריי, אַז די חיות האָבען זיך דערשראָקען און האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף צוריק און האָבען צוטראָטען זייערע וועכטער און אַ סך עגיפּטער, וואָס זיי־ נען זיך צונויפגעלאָפען אָנצוקוקען די סצענע. די לעגענדע דער־ צעהלט ווייטער, אַז די דאָזיגע געשעהעניש האָט אזוי געווירקט

אויפ׳ן קעניג, אז פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו רודפ׳ן די אידען.

§6. שמעון הצדיק און יהושע בן־סירא. אין יענער צייט האָט אין ירושלים געלעבט דער כהן גדול שמעון הצדיק, דער נאָכ־פאָלגער פון דעם אויבענדערמאָנטען חוניו דעם צווייטען. אין דער מסורה איז ער בעריהמט אלס דער בעסטער פון אלע כהנים גדולים. די מסורה דערצעהלט, אז שמעון איז נאָך געווען איינער פון דער כנסת הגדולה אין די לעצטע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ. ניט פיעל פון די כהנים־גדולים האָבען זיך אזוי געזאָרגט וועגען דעם וואוילזיין פון זייער פאָלק, ווי שמעון הצדיק. ער איז געווען ניט נאָר א גייסטיגער פיהרער פון די אידען נאָר אויך א קלוגער, וועלט־ליכער מנהיג. דורך זיין שווערער מיה זיינען ארום ירושלים אויס־געבויט געוואָרען בעפעסטיגונגען צו בעשיצען די שטאָדט פון פיינד, און די צושטערטע טיילען פון בית־המקדש זיינען פעררעכט געוואָרען; פון די קוואלען הינטער דער הויפט־שטאָדט האָט מען דורך אונטער־ערדישע קאנאלען דורכגעפיהרט וואסער אין שטאָדט אריין. זייענדיג דער העכסטער גייסטיגער פיהרער האָט שמעון פערפלאנצט אין פאָלק רעליגיאָן און גוטע מדות. אין די אלטע הייליגע ספרים איז פערבליבען איינע פון זיינע מימרא׳ס: „אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט: אויף תורה, עבודה (גאָטעס־דיענסט) און גמילות חסדים“ (וואָלטהעטיגקייט), דאָס הייסט, ווי־סען, רעליגיאָן און גוטע מדות.

דער אידישער חכם יהושע בן־סירא, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט שמעון הצדיק דערמאָנט מיט ענטציקונג די נאָ־בעלע טהעטיגקייט פון דעם דאָזיגען כהן גדול. דער פרומער יהושע בן־סירא האָט מיט צער צוגעזעהן ווי אזוי אין דעם אידישען לע־בען דרינגען אריין די גריכישע זיטען, ווי אזוי די ריינע אמונה און די מאָראלישע מעלות פון די אידען ווערען אָבגעשוואכט אונטער דער איינפלוס פון דעם גריכישען געצענדיענסט, און כדי צו לער־נען זיינע ברידער דעם ריכטיגען וועג, האָט ער אָנגעשריבען זיינע גלענצענדע משלים, „משלי בן־סירא“, וועלכע זיינען אריין צווישען די נאָך־בּיבלישע ספרים, די אפּאָקריפען. אין דעם דאָזיגען ספר, וואָס איז צונויפגעשטעלט לויט׳ן מוסטער פון „משלי שלמה“. גיט

יהושע קלוגע כללים פאר אלע פאלען פון לעבען. ער ווייזט אויף, אז וואוילטאג און גאוה ברענגען אום דעם מענשען, און אז נאר אן איינפאכעם לעבען, ריינע מדות און פלייסיגקייט פערשאַפען דעם מענשען גליק און רוהה; ער שטעלט אוועק דאָס וויסען אלס דעם קוואל פון העכסטען גליק. ער שילדערט די געשטאלטען פון די מלכים, העלדען און חכמים, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון אידישען פאלק אין די אמאליגע צייטען, און ער ווייזט אן אז די שפעטערע דורות דארפען נעהמען פון זיי א ביישפיעל.

אין די לעהרען פון בן־סירא בעמערקט זיך א שטרעבונג צו ווירקען נעגען דער „העלעניסטישער חכמה" („חכמת יון") וועלכע שטימט ניט מיט די יסודות פון יודענטום. אזוי צום ביישפיעל, איז נעגען דער לעהרע פון די גריכישע פילאזאפען, אז עס איז דא א שיקזאל וואָס בעשטימט די אויפפיהרונג פון די מענשען, שטעלט ארויס בן־סירא די לעהרע, אז דער מענש האט א פרייען ווילען, און איז אליין פעראנטוואָרטליך פאר זיינע מעשים. אט זיינען זיינע ווערטער: „זאג ניט: דורך גאט האָב איך גע־זינדיגט. גאט האָט צוערשט בעשאפען דעם מענשען, און דאן האָט ער איהם איבערגעלאזט צו זיין אייגענעם ווילען. פאר דיר איז פייער און וואסער: קענסט אויסשטרעקען די האנד וואוהין דו ווילסט. פאר'ן מענשען איז לעבען און טויט, און וואָס איהם געפעהלט דאָס וועט איהם געגעבען ווערען". דער מחבר פון די „משלים" לערנט מען זאל ערציהען קינדער שטרענג, געוואוינען זיי צו ארבייט און פליכט, און ניט צו שטיפעריי און פרייליכקייט, אזוי ווי ביי די גריכען. ער גיט אן עצה יעדען איינעם צו זיין איינגעהאלטען אין זיינע פערגעניגענס און צו זארגען פאר זיין געזונד און צו ענטוויקלען זיין פערשטאנד. בן־סירא'ס ספר איז לכתחילה געשריבען געווארען אויף העברע־איש און איז שפעטער איבערזעצט געווארען אין גריכיש. די דאזיגע גריכישע איבערזעצונג איז געבליבען, אבער דער אידי־שער אָריגינאל איז מיט דער צייט פערלאָרען געגאנגען. *)

*) ערשט ניט לאנג צוריק האָט מען צווישען אלטע כתבים אין קאירא געפונען שטיקער פון דעם העברעאישען טעקסט פון „משלי בן־סירא".

§7. דער אָנפאַנג פון דער סירישער הערשאַפט. ווען תלמי פילאָפּאַטאָר איז געשטאָרבען, האָט דער סירישער קעניג אַנטיוכוס דער דריטער דער גרויסער, פון דער סעלייקידען דינאַסטיע, ווידער פאַרקלערט אָבצונעהמען יהודה ביי מצרים. און דאָס מאָל איז איהם געלונגען צו דערגרייכען זיין ציעל. די אידען, וועלכע זיינען געווען אויפגעבראַכט פון פילאָפּאַטאָר'ס גרויזאַמער הערשאַפט, האָבען געשטיצט דעם סירישען קעניג: זיי האָבען צוגעשטעלט שפּייז דעם סירישען חיל, וואָס איז געגאַנגען געגען מצרים, האָבען פערטריבען פון ירושלים דעם עגיפּטישען גאַרניזאָן, און האָבען לייכטער געמאַכט אַנטיוכוס'ן איינצונעהמען דאָס לאַנד. נאָך אַ לאַנגער מלחמה איז יהודה געוואָרען אַ פּראָווינץ פון דער סירישער מלוכה און איז אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון די סעלייקידען (201). אַנטיוכוס דער גרויסער האָט זיך בענומען זעהר פריינדליך צו די אידען. ער האָט זיי ערלויבט זיך צו פיהרען לויט זייערע אייגענע געזעצען אונטער דער אויבערשאַפט פון דעם כהן־גדול און אַ ראַט פון זקנים, ער האָט פערקלענערט די שטייערען וואָס די איינוואוינער האָבען געצאָלט, האָט ערלויבט אָבצובויען די פעסטונגען פון ירושלים וואָס זיינען צושטערט געוואָרען אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה, און האָט בעפעהלען צו געבען יעדען יאָהר פון דער קעניגליכער קאַסע אַ סומע געלט פאַר די בעדערפנישען פון דעם בית־המקדש. אָבער צום אומגליק האָט אַנטיוכוס אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרפיהרט אַ מלחמה מיט דער מעכטיגער רוימישער רעפּובליק און האָט געקראָגען אַ מפּלה. ביים מאַכען שלום האָט ער זיך פערפליכטעט צו בעצאָלען די רוימער אַ גרויסע סומע שטראָף. כדי צו שאַפען דאָס געלד, האָט אַנטיוכוס בעשלאָסען צוצונעהמען די אוצרות, וואָס זיינען געלעגען אין דעם געצענדיענערישען טעמפּעל פון דער שטאָדט עלימאַיר, אין מעסאָפּאָטאַמיען; אָבער די איינוואוינער פון שטאָדט זיינען דערפון שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען און האָבען גע'הרג'עט דעם קעניג און זיינע בעגלייטער (187).

אויפ'ן סירישען טראָהן איז דעמאָלט אַרויפגעטראָטען אַנטיוכוס'עס עלטסטער זוהן סעלייקוס דער פיערטער (175—187). אין יענער צייט איז אין ירושלים געווען כהן־גדול חוניו דער דריטער,

א פרומער מאן, וועלכער האָט שטאַרק געזאָרגט, אַז די אידען זאָלען אָבהיטען זייער אמונה און נישט נאָכטהאָן די היידנישע זיטען פון די גריכען. ער האָט פאַרטריבען פון ירושלים איינעם פון די אויפזעהער פון בית־המקדש, מיט'ן נאָמען שמעון, וועלכער איז געווען אַן אנהענגער פון די גריכישע פיהרונגען, צוזאַמען מיט זיינע חברים, וואָס האָבען געגלויבט ווי ער. האָבען די אַרויסגעטריבענע בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון דעם כהן גדול. און זיי האָבען מודיע געווען דעם סירישען קעניג, אַז אין דעם בית־המקדש אין ירושלים געפינען זיך אונגעהויערע אוצרות. סעלייקוס דער פיערטער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גענויטיגט אין געלד, האָט גלייך אוועקגעשיקט קיין ירושלים זיין קאַסירער העליאָדאָרוס מיט אַ בעפעהל צו פאַרנעהמען די רייכטימער, וואָס זיינען געלעגען אין בית־המקדש. אומזיסט האָט דער כהן־גדול חוניו גע'טענה'ט אַז די קאַסע אין בית המקדש איז ניט זעהר גרויס, און אַז זי בעשטעהט דאָס רוב פון געלדער, וואָס אלמנות און יתומים האָבען דאָרט אַריינגעלעגט צו בעהאַלטען; העליאָדאָרוס האָט געענטפערט, אַז ער מוז טהאָן דעם קעניג'ס בעפעהל. אָבער ווען ער איז צוגעטראָטען אויסצופיהרען זיין בעשלוס, איז פּלוצלינג געשעהן עטוואָס, וואָס האָט איהם געשטערט. אַ פאָלקס לעגענדע דערצעהלט, אַז ווען העליאָדאָרוס איז אַריבערגעטראָטען די שוועל פון דעם הייליגען הויז, האָט ער פּלוצלונג דערזעהן אַ הויכען רייטער אויף אַ פערד, בעגלייט אויף ביידע זייטען פון צוויי וואונדער־שעהנע יונגען. דער פערד איז אַרויפגעפאָהרען אויף העליאָדאָרוס'ן און האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די קאָפּיטעס, און די יונגען האָבען איהם געשמיסען מיט בייטשען. קוים אַ לעבעדיגער פון שרעק איז העליאָדאָרוס אַרויס פון טעמפּעל און איז אַוועק צוריק קיין סיריען. דערווייל האָט דער מוסר שמעון דערטראָגען צו סעלייקוס'ן, אַז דער כהן־גדול איז שולדיג אין העליאָדאָרוס'עס דורכפאַל. חוניו האָט מורא געהאַט פאַר'ן צאָרן פון קעניג און ער איז אַוועק קיין אַנטיוכיאַ, די הויפּטשטאָדט פון סיריען, כדי צו פאַרענטפערען זיך פאַר'ן קעניג. נאָך אויפ'ן וועג האָט ער זיך דערוואוסט, אַ סעלייקוס איז פּלוצלינג געשטאָרבען. אויפ'ן סירישען טראָהן איז אַרויפגעטראָטען סעלייקוס'עס אינגערער ברודער אַנטיוכוס דער פיערטער עפּיפאַנעס.

§8. יאַזאָן און מענעלוים. אין יענער צייט זיינען די מחלוקות צווישען די פערשיידענע פּאַרטייען אין יהודה פערשטאַרקט געוואָרען. די דערנעהנטערונג פון אידען מיט די סירישע גריכען, וואָס האָבען אין אַ גרויסער צאָל געוואוינט אין פּאַלעסטינא, האָט געבראַכט גרויסע ענדערונגען אין דעם אַלטען אידישען לעבען. אַ סך אידען, איבערהויפּט פון די העכערע קלאַסען, זיינען פאַרבלענדט געוואָרען פון דעם פרעהליכען אַרט לעבען און די פרייע זיטען פון די גריכען, מיט זייערע טהעאַטערס און עפענטליכע שפּיעלען, און צוליעב דעם האָבען זיי זיך אָפּט אָבגעזאָגט פון זייערע אייגענע פאָלקס־מנהגים. אין דעם לעבען פון די אַלטע העלענער זיינען צו־זאַמען מיט די חסרונות געווען אויך מעלות, ווי צום ביישפּיעל, די ליעבע צו פרייהייט, צו וויסענשאַפט און צו קונסט; אָבער צווישען די שפּעטערע גריכען, וועלכע האָבען אין דער צייט פון די סעליי־קידען געוואוינט אין סיריען און קליין־אַזיען, זיינען די דאָזיגע בעסערע זייטען געווען גאַנץ שוואַך, און ארויסגעטראָטען זיינען די ערגערע זייטען: אַ גראָבער געצענדיענערישער גלויבען, צולאָזענע זיטען, אַ געיעג נאָך תענוגים און אַ תאוה צו וואוילטאָג. אזעלכע מדות זיינען געווען דערווידער דעם גייסט פון יודענטום. משה'ס געזעצען האָבען געלערנט די אידען צו פיהרען אַן איינפאַכעס לעבען, אָבהיטען די ריינע זיטען, זיך אָבהאַלטען פון לוקסוס, זיך ניט יאָגען נאָך פערגעניגענס און דיענען צו דעם אונזיכטבאַרען איינציגען גאָט, דעם בעשעפער פון דער נאַטור, און ניט צו אָבגעטער, וואָס שטעלען פאָר פערשיידענע קרעפטען פון דער נאַטור. אויף אַזא אופן זיינען יענע אידען, וואָס האָבען נאָכגעמאַכט די גריכישע מנהגים, אָבגעריסען געוואָרען פון זייער אמונה און פאָלק. די דאָ־זיגע אידען האָבען זיך גערופען „העלעניסטען“, ד. ה. ליעבהאָבער פון גריכישען אַרט לעבען.

געגען זיי האָט געאַרבייט די פּאַרטיי פון די פרומע, מיט'ן נאָ־מען „חסידים“. די חסידים זיינען געווען פייערדיגע קנאים פון דער אידישער אמונה און האָבען שטרענג אָבגעהיט איהרע דינים. זיי האָבען זיך ניט ערלויבט קיין שום נאָהנטקייט מיט די געצענדיענער און האָבען אפילו פערבאָטען וועלטליכע בילדונג, וועלכע זיי האָבען אָנגערופען „חכמת יון“. די חסידים, פון זייער זייט, זיינען גע־

גאנגען צו ווייט, און האבען פערשטויסען אפילו די בעסערע זייטען פון דעם העלעניזם און האבען זיך צוריקגעהאלטען פון יעדען מגע ומשא מיט פרעמדע פעלקער.

בראש פון די חסידים איז געשטאנען דער כהן גדול חוניו דער דריטער, און זיין ליבליכער ברודער יהושע איז געוועזען דער פיהרער פון די העלעניסטען. יהושע האט אפילו געענדערט זיין נאמען אויף גריכיש און האט זיך אנגערופען יאזאן. ער האט בעשלאסען צו צונעהמען ביי זיין ברודער חוניו די כהונה גדולה, און איינפיהרען אין יהודה נייע גריכישע ארדנונגען. אין יענער צייט איז אויפ'ן סירישען טראהן ארויף אנטיוכוס עפיפאנעס, א גרויזאמער הערשער, וואס האט געשטרעבט אז אלע פעלקער פון זיין מלוכה זאלען אי־בערנעהמען די גריכישע מנהגים. צו דיזען פערביסענעם געצענ־דיענער און שונא פון די אידען איז יאזאן אוועק און האט איהם אנגעבאטען א גרויסע סומע געלד, כדי דער קעניג זאל איהם, דעם העלעניסט, בעשטימען פאר'ן כהן גדול אין ירושלים, אויף חוניו'ס פלאץ. אנטיוכוס האט גערן געטהאן זיין פערלאנג. ביי חוניו'ן האט מען צוגענומען די כהונה, און יאזאן האט פערנומען זיין פלאץ אלס כהן גדול (174). דעמאלט האט ער זיך גענומען איינפיהרען אין יהודה נייע ארדנונגען. ער האט געענדערט די ערציהונג פון דער אידישער יוגענד אויפ'ן גריכישען שטייגער און האט געגרינדעט אין ירושלים א „גימנאזיע", וואו די יונגע לייט האבען זיך פער־נומען ניט מיט לערנען, נאר מיט גימנאסטישע שפיעלען. אפילו כהנים פלעגען פערלאזען זייער דיענסט אין בית־המקדש און פלעגען אנטייל נעהמען אין די דאזיגע שפיעלען. איינמאל, ווען אין צור זיינען פארגעקומען די געוועהנליכע אלימפישע שפיעלען פון די גריכען אין דער אנוועזענהייט פון דעם קעניג, האט יאזאן אוועק־געשיקט אהין שליחים מיט א גרויסער סומע געלט צו ברענגען קרבנות צום גריכישען האלב־גאט הערקולעס.

די ממשלה פון דעם נייעם כהן גדול האט געדויערט ניט לאנג. אין ירושלים האט געלעבט א ביטרער און כבוד ליעבענדער מענש, פון דער פארטיי העלעניסטען, מיט'ן נאמען מענעלויס. איינמאל האט איהם יאזאן איבערגעגעבען צו אבפיהרען די יעהרליכע שטייע־רען צום קעניג אנטיוכוס. בענוצענדיג זיך מיט דער געלעגענהייט,

האָט מענעלוים דורך חניפה און כיטרעקייט נושא חן געווען ביים קעניג און האָט אויסגעבעטען ביי איהם פאר זיך דעם אמט פון כהן־גדול, און האָט איהם צוגעזאָגט דערפאר צו צאָלען מעהר שטייערען ווי יאזאָן. אנטיוכוס האָט מסכים געווען, האָט צוגענומען ביי יאזאָנ׳ען די כהונה גדולה און האָט געשטעלט אויף זיין אָרט מענעלוים׳ען. כדי צו שאפען פאר׳ן קעניג די פערשפּראָכענע סו־מען האָט דער פעררעטערישער מענעלוים פערנומען פון בית־המקדש טייערע כלים און האָט זיי אוועקגעפיהרט קיין אנטיוכיא. דאָ האָט איהם בעגעגענט דער געוועזענער כהן־גדול, דער אַלטער חוניו, און האָט איהם געכאפּט גנב׳ענדיג די אוצרות פון בית־המקדש. דעמאָלט האָט מענעלוים בעגאַנגען אַ צווייטע רציחה: ער האָט אונטערגעשיקט צו חוניו׳ן איינעם פון זיינע פריינד, אַ גריך, וועל־כער האָט דעם אַלטען מאַן פאַרנאַרט און איהם גע׳הרג׳עט. מענע־לוים׳עס מעשים האָבען שטאַרק אויפגעבראַכט די איינוואוינער פון ירושלים. דער אויפגעבראַכטער המון האָט גע׳הרג׳עט מענעלוים׳עס ברודער, ליזימאַכוס, וועלכער האָט צורויבט די אוצרות פון דעם טעמפּעל. די ירושלימ׳ער איינוואוינער האָבען געשיקט שלוחים צו אנטיוכוס׳ן צו פערקלאָגען מענעלוים׳ן; נאָר דער גרויזאַמער קעניג האָט געהייסען טויטען די שלוחים.

אין גיכען איז אנטיוכוס אוועק מלחמה האַלטען געגען מצרים. אין ירושלים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פאַלשער קלאַנג, אַז דער קעניג איז גע׳הרג׳עט געוואָרען אין דער מלחמה. די ירושלימ׳ער איינ־וואוינער האָבען זיך דערפרעהט, און אונטער דער פיהרערשאַפט פון יאזאָנ׳ען האָבען זיי געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען מענעלוים׳ן און האָבען געטויט אַ סך פון זיינע אָנהענגער. דער דערשראָקענער מע־נעלוים האָט זיך בעהאַלטען אין דער פעסטונג פון ירושלים, בעוואַכט פון סירישע זעלנער. אַז אנטיוכוס האָט דערהערט פון דעם אויפ־שטאַנד, האָט ער זיך באַלד געלאָזט מיט אַ גרויסען חיל פון מצרים קיין יהודה צו בעשטראָפען די אידען פאר דער מרידה. דער צו־רייצטער קעניג האָט זיך אריינגעריסען אין ירושלים, האָט צורויבט דעם בית המקדש, האָט גע׳הרג׳עט אין שטאָדט עטליכע טויזענד איינוואוינער און פיעלע האָט ער פערטריבען אין אנדערע לענדער־ צו פערקויפען זיי פאר קנעכט (169). יאזאָן איז אנטלאָפען אין

לאנד פון די עמונים, און מענעלויס איז ווידער בעשטימט געווארען אלס כהן־גדול.

§9. אנטיוכוס'עס גזרות. ווען אנטיוכוס עפיפאנעס האט איינגעשטילט די מרידה אין ירושלים, האט ער נאך מיט מעהר גרויזאמקייט אנגעהויבען פערפאלגען די אידען. אנטיוכוס האט ניט נאר געהאסט דאס אידישע פאלק, נאר אויך די אידישע אמונה און מאראל. ער האט פערשטאנען אז אזוי לאנג ווי די אידען וועלען זיך האלטען ביי זייערע דינים און מנהגים וועלען זיי בלייבען א בעזונדער פאלק, וואס אונטערשיידט זיך פון די גריכען. דעריבער האט ער בעשלאסען מיט גוואלד צו מאכען די אידען פאר געצענ־דיענער און אויף אזא אופן צונויפשמעלצען זיי מיט די גריכען. האט ער ארויסגעגעבען א גזרה אז אלע אידען מוזען דיענען צו די גרי־כישע אבגעטער און אז זיי זאלען זיך ניט דערוועגען אבצוהיטען די צערעמאניעס פון זייער אייגענער רעליגיאן. איבער גאנץ יהודה האט מען אויפגעשטעלט סטאטוען פון די גריכישע געצען און מזבחות, אויף וועלכע מען האט מקריב געווען חיות, וואס זיינען לויט'ן אידישען דין ניט ריין, בעזונדערס חזירים. פאר האלטען שבת און יום־טוב, פאר היטען כשרות און זיך פערזאמלען אין די שוהלען מתפלל צו זיין, האט מען בעשטראפט מיט'ן טויט. די ספרי תורה פלעגט מען שענדען און בעדעקען מיט בילדער פון די אבגעטער, אדער מען פלעגט זיי אינגאנצען פערניכטען. אויפ'ן הייליגען מזבח פון בית־המקדש האט מען אויפגעשטעלט א גרויסע סטאטוע פון דעם גריכישען הויפט־גאט צעאוס, און דעם 25טען טאג אין חדש כסלו, אין יאהר 168, האט מען אנגעהויבען דיענען צום דאזיגען אבגאט. גריכישע בעאמטע האבען נאכגעשפירט איבער'ן גאנצען לאנד און אכטונג געגעבען, אז דעם קעניג'ס גזרות זאלען שטרענג אבגעהיט ווערען. פיעלע פון די העלעניסטען פלעגען גערן אננעה־מען די גזרות, און די דאזיגע פעררעטער פלעגען בעקומען הויכע שטעלען און רייכע מתנות פון דעם קעניג. אבער דער רוב פון פאלק האט זיך ענטזאגט צו פעררעטען זיין רעליגיאן. די חסידים פלעגען זוכען רעטונג ביי די שכני'שע פעלקער, אדער פלעגען זיך בעהאלטען אין די בערג און אין הייהלען. די מוטיגערע צווישען די חסידים פלעגען ארויסקומען פון די דאזיגע בעהעלטענישען און דורך

אנטיוכוס עפיפאנעס.

הינטערוועגען פלעגען זיי זיך דערשלאָגען צו די שטעדט און דערפער און פלעגען אויפמונטערען דאָס פאָלק, איהם קרעפטיגען אין זיין גלויבען און שטארקען די וואָס האָבען זיך געוואקעלט.

ניט וועניג העלדענטהאטען און זעלבסטאויפאָפפערונג פאַר׳ן גלויבען אין פאטערלאנד איז בעוויזען געוואָרען דעמאָלט אין יהודה. פיעלע האָבען בעסער אויסגעקליבען דעם טויט, איידער זיך אונטער־געבען צו די מורא׳דיגע גזרות פון דעם סירישען מלך. איין פרומען זקן, מיט׳ן נאָמען אליעזר, האָבען די סיריער אָנגערעדט ער זאָל אויפעסען א שטיקעל פלייש פון א חיה, וואָס איז געבראכט געוואָרען פאַר א קרבן צום היידנישען אָבגאָט; אָבער דער אלטער מאַן האָט זיך עקשנות׳דיג ענטזאָגט צו עובר זיין אויף זיין רעליגיאָן, און די גרויזאַמע סיריער האָבען איהם פערפייניגט צום טויט. די לעגענדע דערצעהלט, אַז איין מוטער מיט׳ן נאָמען חנה און איהרע זיבען זיהן, זיינען געזעסען פערשפּאַרט אין תפיסה דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט אָבטרעטען פון דעם אידישען גלויבען. אויפ׳ן קעניג׳ס בעפעהל האָט מען זיי געשלאָגען מיט שטעקענס און בייטשען און זיי געצוואונגען זיך צו בוקען צו די געצען; אָבער ניט די מוטער און ניט די קינדער האָבען געוואָלט פעלשען אין זייער אמונה. ווען דער קעניג האָט געפאָדערט, אַז זיי זאָלען פערזוכען דאָס פלייש פון א חזיר, האָט דער עלטסטער פון די זיבען זיהן אויסגערופען: „מיר וועלען זיך גיכער דערווערגען, איידער ברעכען דאָס געזעץ פון אונ־זערע אבות!“ דער קעניג איז שטארק אין כעס געוואָרען דערפאַר און האָט געהייסען אָבהאַקען דעם מוטיגען יונג די צונג, די הענד און די פיס, און נאָכהער איהם אריינוואַרפען אין א קאָכיגען קעסעל פאַר די אויגען פון זיין מוטער און איבעריגע ברידער. נאָר די ברידער האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען: איינער נאָכ׳ן אַנדערען האָ־בען זיי זיך אָבגעזאָגט פון ערפילען אנטיוכוס׳עס פערלאַנג און זיי־נען אַלע אומגעקומען אויף א שרעקליכען אופן. ווען זעקס ברידער זיינען שוין געווען געטויט און די רייה איז געקומען צום זיבעטען, גאָר דעם קלענסטען, האָט דער קעניג געזאָגט צו זיין מוטער: „רעד איין כאָטש דיעזען זוהן דיינעם ער זאָל מיך פאָלגען און דערמיט רע־טען זיין לעבען!“ אָבער די העלדישע מוטער האָט זיך געווענדט צו איהר לעצטען זוהן מיט די ווערטער: „האָב ניט קיין מורא

פאַר דעם דאָזיגען מערדער, און שטאַרב מוטיג, אזוי ווי עס זיינען געשטאָרבען דיינע ברידער פאַר אונזער גאָט און גלויבען !" דער איינגעל איז אויך געטויט געוואָרען, און באַלד נאָכדעם האָט מען אויך גע'הרג'עט די העלדישע מוטער.

מעהר ווי אַ האַלב יאָהר האָבען געדויערט די דאָזיגע רציחות פון די סיריער אין יהודה. עס האָט אויסגעזעהען אזוי ווי די גרויזאַמע שונאים האָבען בדעה געהאַט איינגאַנצען אומצוברענגען דאָס אידישע פאָלק. נאָר ווען די ליידען פון פאָלק האָבען דערגרייכט די העכסטע שטופע, האָבען זיך צווישען פאָלק בעוויזען העלדישע מענער, וועלכע האָבען בעשלאָסען ארויסצוטרעטען אין אָפענעם קאַמפף מיט'ן שרעקליכען פיינד און בעפרייען זייער פאַטערלאַנד פון קנעכטשאַפט.

צווייטער קאַפּיטעל.

די בעפרייאונגס-מלחמות פון די חשמונאים.

(167—140 פאַר דער קריסטל. צייטר.)

§10. **מתתיהו חשמונאי.** אין אַ קליין שטעדטעל מיט'ן נאָמען מודיעין, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג ניט ווייט פון ירושלים, האָט געלעבט אַ גרייז-גרויער כהן, מיט'ן נאָמען מתתיהו, פון דער פאַמיליע חשמונאים. ער האָט געהאַט פינף זיהן: יוחנן, יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר און יונתן. די דאָזיגע גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט טיעפער פרומקייט און אַ הייסער ליעבשאַפט צו זייער פאַטערלאַנד. איינמאָל זיינען אין מודיעין אָנגעקומען די סירישע בעאַמטע, האָבען דאָרט אויפגעשטעלט אַ מזבח מיט אַן אָבגאָט און האָבען, לויט אנטיוכוס'עס גזרה, גענומען נויטען די איינוואוינער צו דיענען צום געץ. איינינגע אידען, וואָס זיינען געוועזען שוואַך אין זייער אמונה, אָדער האָבען ניט געהאַט גענוג מוט, האָבען זיך אונטערגעגעבען צו די סירישע בעאַמטע, אָבער אַלע איבעריגע האָבען זיך מיט ענטשלאָסענקייט אָבגעזאָגט. דאַן האָבען זיך די בעאַמטע געווענדט צו מתתיהו'ן, אַלס דעם חשוב'סטען

מאַן אין שטאָדט, און האָבען איהם געפּרובט איינרעדען ער זאָל אנטייל נעהמען אין דעם געצענדיענסט, ווארום די גריכישע רעלי־גיאָן, האָבען זיי געזאָגט, מוז אָבגעהיט ווערען פון אלע בירגער פון דער סירישער אימפּעריע, און אלע אנדערע רעליגיען מוזען זיך בייגען פאר איהר. נאָר מתתיהו האָט מיט שטאָלץ געענטפערט: „זאָלען אלע פעלקער, וואָס זיינען אונטערטעניג צו אייער מלך, איהם פאָלגען, און פעלשען אין דער אמונה פון זייערע עלטערען; אָבער איך און מיינע זיהן און מיינע ברידער וועלען ניט עובר זיין אויף דעם געבאָט פון אונזערע אבות. מיר וועלען ניט אָבטרעטען פון אונזער גלויבען רעכטס אָדער לינקס". אָבער באלד נאָך דעם איז אויפ'ן שטאָדטישען פּלאַץ ארויסגעטראָטען א איד, א פעררעטער, און איז צוגעגאנגען צום היידנישען מזבח מיט דער כונה צו ברענ־גען אויף איהם א קרבן. ווען מתתיהו האָט דאָס דערזעהן, האָט ער ניט געקענט איינהאַלטען זיין צאָרן: ער האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויפ'ן געמיינעם פעררעטער און האָט איהם געטויט אויפ'ן אָרט. דערנאָך איז ער צוזאמען מיט זיינע זיהן און מיט א הייפעל העל־דישע אידען בעפאַלען דעם קאָמאנדיר פון דער סירישער מחנה, אפּעלעס, און האָט איהם גע'הרג'עט, און דעם היידנישען מזבח אין מודיעין האָט ער צושטערט (167).

באלד נאָכדעם האָט דער זקן מתתיהו אויסגערופען: „מי לד' אלי! — ווער עס שטעהט פאר גאָט און זיין הייליגער תורה, זאָל געהן נאָך מיר!" אויף דעם דאָזיגען רוף האָבען געענטפערט די קנאים פאר דער אידישער אמונה — די חסידים. ניט זייענדיג אימשטאנד צו פיהרען אן אָפענעם קאמפף געגען דעם פיינד, פלעגען זיך די דאָזיגע מענשען בעהאַלטען אין שפּאַלטען פון בערג, און אין גינסטיגע מאָמענטען פלעגען זיי פון דאָרטען מאכען אומגעריכטע אנפאלען אויף די סיריער, פלעגען זיך ארייינרייסען אין שטעדט און דערפער, טויטען דאָרט די פערעטערישע אידען און צושטערען די געצענדיענערישע טעמפּלען און מזבחות. די חסידים פלעגען זייערע אנהענגער פערזאַמלען אין די שוהלען און פלעגען זיי בעגייסטערען מיט קאפּיטלעך פון דער תורה און די נביאים, וואָס זיי פלעגען פאר זיי לייענען. ווען זיי פלעגען בעגעגנען אויף די וועגען קליינע גרי־כישע מחנות, פלעגען די מורדים זיי פערניכטען; אָבער ווען זיי

פלעגען זיך אָנשטויסען אָן גרעסערע מחנות, פלעגען זיי זיך ווידער בעהאַלטען אין זייערע אונצוטריטליכע הייהלען אין די בערג.

דער אַלטער מתתיהו איז געשטאָרבען אין גיכען נאָך זיין גלענ־צענדער טהאַט. פאַר'ן טויט האָט ער אָנגעזאָגט זיינע זיהן, אז זיי זאָלען פיהרען ווייטער דעם הייליגען קאַמפף פאַר זייער גלויבען און פאַטערלאַנד. דעמאָלט האָט זיך פון צווישען מתתיהו'ס זיהן אויסגעצייכענט דער העלדישער יהודה, וועלכער האָט געקראָגען דעם צונאָמען מכבי (האַמער). יהודה האָט פערמאָגט דעם גייסט פון א קריעגער, און עס האָט געברענט אין איהם דער פערלאַנג צו בע־פרייען זיין פאָלק פון פרעמדען יאָך. ער האָט זיך געשטעלט בראש פון די אידישע העלדען און איז ארויסגעטראָטען אין אָפענעם קאַמפף מיט די סיריער. ווען אַפּאָלאָניוס, דער סירישער פערוואַלטער אין פּאַלעסטינא, האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם אויפשטאַנד פון די אידען, האָט ער זיך א לאָז געטהאָן פון שמרון מיט א גרויסען חיל געגען די מורדים. יהודה מיט זיין מחנה זיינען ארויס געגען דעם פיינד און האָבען געבראַכט אויף איהם א גרויסע מפּלה; אַפּאָלאָניוס אליין איז געפאַלען אין שלאַכט. יהודה האָט ארונטערגענומען פון איהם זיין שווערד און האָט זי צוגעבונדען צו זיין גאַרטעל; פון דעמאָלט אָן האָט ער אין אַלע שלאַכטען זיך בענוצט מיט דער דאָ־זיגער שווערד, זיין ערשטער מלחמה־פאַנג. די אידישע האַנד האָט געשלאָגען מיט'ן גריכישען געוועהר. דעם אַנדערען זיעג איבער די סיריער האָט יהודה געוואונען נעבען בית־חרן, וואו די אידישע קריעגער האָבען זיך געשלאָגען ווי די צורייצטע לייבען. די דאָזיגע ערשטע צוויי נצחונות האָבען צוגעגעבען מוט דעם פאָלק און די מרידה געגען אַנטיוכוס'ן האָט זיך צושפּרייט איבער גאַנץ יהודה.

§11. **די נצחונות פון יהודה המכבי.** אז קעניג אַנטיוכוס האָט דערהערט וועגען דעם אויפשטאַנד אין יהודה איז ער אריינ־געפאַלען אין גרויס צאָרן. ער האָט אַוועקגעשיקט אהין א גרויס חיל מיט'ן בעפעהל — חרב צו מאַכען ירושלים, אומברענגען און פערניכטען די איינוואוינער און בעזעצען דאָס לאַנד מיט פרישע מענשען פון פרעמדע פעלקער. די סירישע ארמיי איז אריינגעטראָ־טען אין יהודה אונטער דער קאָמאַנדע פון די צוויי גרעסטע גריכישע קריעגספיהרער, ניקנור און גאָרגיאַס. די סיריער זיינען געוועזען אזוי

זיבער אין זייער זיעג, אז זיי האָבען שוין געבראַכט צו זיך אין לאַגער רייכע סוחרים, צו פערקויפען זיי די אידען, וואָס זיי וועלען נעהמען געפאַנגען. אַ שרעק האָט ארומגעכאַפּט די אידישע בעפעלקערונג, ווען זיי האָבען דערהערט וועגען דעם אָנקומען פון דעם מורא'דיגען פיינד. דאָס פאָלק האָט זיך פערזאַמעלט אין מצפה, וואו עס איז געשטאַנען יהודה מיט זיין חיל. דאָ האָט מען אָבגעהאַלטען אַ פייערליכען גאָטעסדיענסט; דאָס פאָלק האָט היים מתפלל געווען צו גאָט נאָך הילף. דאָ האָט אויך יהודה געוועקט זיינע קריעגסלייט צום גרויסען קאַמפף פאַר'ן גלויבען און פאָטערלאַנד. ער האָט אוועקגעשיקט פון זיין מחנה אַלע שרעקעדיגע און שוואַכע, און עס זיינען ביי איהם געבליבען בלויז זעקס טויזענד אָבגעקליבענע קריעגסלייט, וועלכע האָבען געדאַרפט ארויסטרעטען געגען אַ פיעל גרעסערער פיינדליכער ארמיי. נאָר די אידישע קריעגער זיינען געווען שטאַרק מיט זייער טיעפען גלויבען און מיט זייער פיהלען, אז זיי קעמפפען פאַר אַ גערעכטער זאַך. די סירישע קאָמאַנדירען האָבען צוטיילט זייער אַרמיי אויף צוויי טייל, כדי אַרומצורינגלען די אידישע מחנה פון צוויי זייטען, און מיט אמאָל זי פערניכטען. נאָר ווען יהודה המכבי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער זיך שנעל אַ לאָז געטהאָן מיט זיינע קריעגער אנטקעגען דער פאָדערשטער אַרמיי פון דעם פיינד. מיט דעם אויסרוף: „מיט אונז איז גאָט!“ האָבען זיך די אידען אַ וואָרף געטהאָן אויף די סיריער און האָבען געבראַכט אויף זיי אַ שווערע ניעדערלאַגע ביי דער שטאָדט חמת. דערווייל איז אונטערגעקומען דער אַנדער טייל פון דער סירישער אַרמיי, אונטער דער פיהרערשאַפט פון גאָרגיאַס. אָבער דערזעהענדיג די מפלה פון דער ערשטער מחנה איז גאָרגיאַס מיט זיין חיל שנעל אָבגעטראָטען (166), און דעם שונא'ס גאַנצער לאַגער מיט אַ סך געוועהר און מיט דעם געלט וואָס די שקלאַפען־הענדלער האָבען אָנגעגרייט צו קויפען די אידישע געפאַנגענע, איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די אידען. דאָס אידישע פאָלק איז געווען אין גרויס פרייד.

נאָכדעם זיינען צו יהודה'ס חיל צוגעשטאַנען אַ סך נייע פרייוויליגע קעמפפער. ווען אין אַ יאָהר אַרום איז געגען די אידען ארויסגעטראָטען פון אַנטיוכיא, דער הויפּט קריעגספיהרער פון סי־

ריען, ליזיאַס, מיט אַן אַרמיי פון זעכציג טויזענד מאַן, האָט שוין יהודה געקענט אַרויספיהרען אויפ'ן שלאַכט־פעלד צעהן טויזענד גוט בעוואָפענטע קריעגער, וועלכע האָבען געדורשט נאָך קאַמפף. מיט די דאָזיגע גבורים איז יהודה מוטיג אַנגעפאַלען אויפ'ן שונא נעבען בית־צור, אין דרום־זייט פון ירושלים, און האָט איהם צו־שלאָגען (165). ליזיאַס איז געצוואונגען געווען זיך אומצוקעהרען קיין אַנטיוכיא, אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט אין גיכען צוזאַמענגעהמען אַ נייעם חיל און וועט איי־נגאַנצען דערשטיקען דעם אויפשטאַנד אין יהודה.

§12. חנוכה. די ערשטע נצחונות האָבען אָבגערייניגט דעם וועג פאַר'ן מכבי'אישען חיל קיין ירושלים. אַהין האָט זיך יהודה אַ לאָז געטהאָן מיט זיין העלדישער מחנה. זיי האָבען אָהן שוועריגקייטען פערכאַפּט די שטאָדט מיט'ן הר־הבית; בלויז די פעסטונג אַקרא, אין וועלכער עס האָט זיך אויפגעהאַלטען דער סירישער גאַרניזאָן, איז געבליבען אין שונא'ס הענד. יהודה האָט געשטעלט אַרום דער דאָזיגער פעסטונג אַ בעוואָפענטע אַבטיילונג חיל און האָט דאָרט נעהאַלטען די סיריער בעלאַגערט, און אַליין האָט ער דערוויל געקענט אונגעשטערט זיך נעהמען אָבצובויען צוריק דעם בית־המקדש אין ירושלים. אַ טרויעריג בילד האָט זיך געעפענט פאַר די אויגען פון די אידישע קריעגסלייט, ווען זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן הר־הבית: זיי האָבען דערזעהען דעם בית־המקדש האַלב חרב און צוריבט, דעם הויפט מזבח פאַרשוועכט פון געצענדיענסט, די טויערען פערברענט, די אינוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש וויסט און די הויפען מיט גראָז פערוואַקסען. דערזעהענדיג דאָס אַלעס האָט יהודה און זיינע חברים זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון ביטערען געוויין; אָבער עס איז קיין צייט ניט געווען זיך אריינצולאָזען אין טרויער וועגען דער פערגאַנגענהייט: מען האָט געדאַרפט אַרבייטען פאַר דער צוקונפט. מען האָט זיך באַלד גענומען אָבצורייניגען און אויפשטעלען דעם בית־המקדש. דעם מזבח צו צעאוס'ן, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן אַלטען מזבח פון יהוה האָט מען אינגאַנצען צושטערט, און די שטיינער האָט מען אַרויסגעוואָרפען אויף אַן „אומריינעם אָרט". דעם אַלטען הייליגען מזבח האָט מען פונאַנדערגענומען און די שטיינער האָט מען צו־



דער גריכישער גאָט צעאוס.

זאַמענגעלעגט אויף אַ בעזונדער פּלאַץ, „ביז עס וועט זיך בעווייזען אַ נביא און בעשליסען וואָס צו טהאָן מיט זיי“. אויף זיין אָרט איז אויסגעבויט געוואָרען אַ נייער מזבח פון שטיינער, „אין וועלכע עס האָט זיך ניט אָנגעריהרט קיין אייזען“. אנשטאָט די אוועקגערויבטע כלים פון בית־המקדש זיינען געמאַכט געוואָרען נייע כלים פון דעם גאָלד און זילבער, וואָס די אידישע קריעגסלייט האָבען געקראָגען אין זייערע אנומעלטיגע מלחמות.

ווען די אינווענייגסטע און אויסוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש זיינען שוין געווען צוגעקליבען ווי געהעריג איז, האָט זיך אָנגעהויבען די צערעמאָניע פון „בענייאונג“, אָדער חנוכה. פינף־און־צוואַנציג טאָג אין חדש כסלו (165), אין יענעם זעלבען טאָג, ווען מיט דריי יאָהר פריהער איז איינגעפיהרט געוואָרען אין בית־המקדש דאָס דיענסט צו צעאוס׳ן, איז פאָרגעקומען אַ פייערליכער גאָטעס־דיענסט מיט קרבנות צום גאָט פון ישראל. אַכט טאָג האָט געדויערט דער יום־טוב פון דער בענייאונג פון דעם הייליגען הויז. יעדען אָבענד זיינען די טויערען פון בית־המקדש געווען אילומינירט מיט אַ סך העלע פייערען. די לעגענדע דערצעהלט, אז יהודה און זיינע חברים האָבען געפונען אין אַ חדר פון בית־המקדש אַ קליין קריגעלע בוימעל, וואָס איז געווען גענוג נאָר אויף איין אָבענד צו ברענען די מנורה, אָבער על פי נס האָט דאָס קריגעלע בוימעל געקלעקט אויף גאַנצע אַכט נעכט. אין אַנדערע שטעדט אין יהודה האָבען די אידען אויך געמאַכט אילומינאַציעס אין זייערע הייזער. פון דעמאָלט אָן איז געבליבען דער מנהג צו פייערען יעדען יאָהר די דאָזיגע אַכט טעג אלס אַן אָנדענקען, אז דאָס אידישע פאָלק איז בעפרייט געוואָרען פון דעם יאָך פון געצענדיענער. דער דאָזיגער יום־טוב, וועלכער ווערט עד היום אָבגעהיט ביי די אידען אין אַלע לענדער, ווערט אָנגערופען חנוכה, ד. ה. דער „יום־טוב פון בענייאונג“. אין די אַכט אָבענדען פון דער חנוכה־וואָך ווערען אין אַלע אידישע הייזער געצונדען חנוכה־ליכטלעך.

§13. אַנטיוכוס׳עס טויט; שלום. אין גיכען נאָכ׳ן חנוכת הבית איז געשטאָרבען דער גרויזאַמער פערפאָלגער פון אידישען פאָלק, דער קעניג אַנטיוכוס עפּיפאַנעס (164). די לעגענדע דערצעהלט, אז ער איז געשטאָרבען אין שרעקליכע ליידען, אין אַן אָנפאַל

פון משוגעת. די אידען, וואָס האָבען אנטיוכוס'ן שטארק געהאסט, האָבען איבערגעמאכט זיין צונאָמען עפיפאנעס (ערהאבענער) אויף עפימאנעס (משוגענער). אויפ'ן סירישען טהראָן איז ארויף זיין מינדיעהריגער זוהן אנטיוכוס דער פינפטער, אופאטאָר, נאָר די מלוכה האָבען געפיהרט אין זיין נאָמען די העכערע בעאמטע. איי־נער פון זיי איז געווען דער הויפט קריעגספיהרער ליזיאס. ליזיאס האָט זיך געגרייט צו א נייער מלחמה מיט יהודה. ער איז אָנגע־קומען אהין צוזאמען מיט'ן יונגען קעניג אופאטאָר, בראש פון אַן ארמיי פון הונדערט טויזענד מאַן. אין סירישען לאַגער האָבען זיך געפונען צוויי־און־דרייסיג גרויסע העלפאנדען, וואָס זיינען געווען געלערענט פיר מלחמה. נעבען דער בעפעסטיגטער שטאָדט בית־צור האָבען זיך ווידער בעגעגענט די אידישע און סירישע חילות. די אידישע העלדען האָבען געקעמפפט מוטיג, אָבער זיי האָבען ניט געקענט ביישטעהן אנטקעגען דעם פיעל גרעסערען פיינד. דעמאָלט האָט איינער פון יהודה'ס ברידער, אליעזר, זיך ענטשלאָסען אויף א פערצווייפעלטער טהאט. דערזעהענדיג פון ווייטען אין דעם שונא'ס רייהען א ריעזיגען און רייך אויסגעפוצטען העלפאנד, אויף וועלכען עס האָט געריטען עפיס א יונגער קריעגספיהרער, האָט אליעזר געמיינט, אז דער יונגער רייטער איז דער קעניג אנטיוכוס דער פינפ־טער. האָט אליעזר זיך דורכגעריסען דורך די סירישע רייהען און האָט גע'הרג'עט מיט זיין שווערד דעם העלפאנד, אָבער ער האָט ניט בעוויזען צו טויטען דעם רייטער. די ריעזיגע חיה האָט א פאל געטהאָן צו דער ערד און מיט איהר משא האָט זי דערשטיקט צום טויט דעם געוואגטען קריעגער. אָבער אזעלכע העלדישע גבורות פון איינצעלנע מענשען האָבען פונדעסטוועגען ניט געקענט ברענ־גען די אידען קיין נצחון. בית־צור האָט געמוזט איבערגעלאָזט ווע־רען צום שונא, און דער אידישער חיל איז געצוואונגען געווען אָבצוטרעטען קיין ירושלים. די סיריער האָבען זיך אין גיכען בעוויזען ביי די ווענד פון ציון און האָבען בעלאַגערט די פעסטונג אויפ'ן הר־הבית. די בעלאַגערטע זיינען געווען אין א גרויסער סכנה. עס האָט זיי אָנגעהויבען אויסצופעהלען שפייז, ווארום גראד אין יענעם יאָהר איז אויסגעפאַלען שמטה, זיינען די פעלדער אין יהודה ניט

בעאַרבייט געוואָרען און די אָנגעגרייטע תבואה אין לאַנד האָט אָנ־געהויבען אויסצוגעהן.

עס האָט אויסגעזעהן, אַז ציון וועט חרב ווערען און אַז צו־זאַמען מיט איהר וועלען פערלאָרען געהן אַלע גלענצענדע זאַכען, וואָס די מרידה האָט געוואונען, און יהודה וועט אויף דאָס ניי אונ־טערפאַלען אונטער דער טיראַניי פון די סירער. נאָר עס איז גע־שעהן אַנדערש. ליזיאַס, וועלכער איז שוין געווען נאָהנט צו אַ זיעג, האָט פּלוצלינג דערהערט, אַז אין אַנטיוכיא קומען פאָר מהומות און אַז אַן אַנדער סירישער קריעגספיהרער האָט אַריינגעכאַפּט די אויבערהערשאַפט אין זיינע הענד. האָט ער גיך געמאַכט שלום מיט די אידען אויף גוטע בעדינגונגען פאַר זיי און איז אַוועק צוריק קיין סיריען (163). לויט דעם אָבמאַך האָבען די אידען געקראָגען אינער־ליכע זעלבסט־פערוואַלטונג, פולע רעליגיעזע פרייהייט, דאָס רעכט אָבצוהיטען אונגעשטערט זייערע דינים און מנהגים, מיט'ן תנאי בלויז, אַז זיי זאָלען אַנערקענען איבער זיך די אויבערהערשאַפט פון סיריען. אַלס צייכען פון אונטערטעניגקייט און פריעדען האָבען די איינוואוינער פון ירושלים געדאַרפט אָבגראָבען די פעסטונגען פונ'ם הר־הבית. דער כהן־גדול — דער פעררעטערישער מענעלוים, וועל־כער איז אָנגעשטעלט געוואָרען פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, און האָט זיך געפונען אין דעם סירישען לאַגער, איז אַרונטערגעזעצט געוואָ־רען פון דער כהונה. לויט אַ היסטאָריקער פון יענער צייט, האָט מע־נעלוים פערלאָרען זיין חשיבות אין קעניגליכען הויף און איז אויפ'ן בעפעהל פון אַנטיוכוס דעם פינפטען, אָדער ליזיאַס, געטויט גע־וואָרען. מיט זיין טויט איז די פּאַרטיי פון די העלעניסטען אָבגע־שוואַכט געוואָרען.

אויף אַזאַ אופן זיינען די רעזולטאַטען פון דעם פינפיעהריגען העלדישען קאַמפּף פון די חשמונאים געווען פאָלגענדע: אַלע גזרות פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען, און עס איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרען דיזעלבע אָרדנונג, וואָס האָט עקזיס־טירט פאַר דער צייט פון די רדיפות.

§14. **אַלקימוס; יהודה'ס טויט.** דערווייל איז אין אַנ־טיוכיא פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין דער מלוכה. דמיטריוס סאָטער, אַ ברודער פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, האָט געוואונען אויף

זיין זייט א טייל פון די סיריער, און נאך דעם ווי ער האט גע־הרג'עט ליזיאס'ן און זיין פלימעניק אנטיוכוס אופאטאר, האט ער זיך ערקלערט פאר'ן קעניג פון סיריען (161). דער נייער קעניג האט ניט אנערקענט די אינערליכע פרייהייט, וואס די אידען האַ־בען געקראגען נאכ'ן פריעדענס־אבמאך מיט ליזיאס'ן און האט זיך גענומען גרייטען צו א קאמפף מיט זיי. די פארטיי פון די העלע־ניסטען אין יהודה, וואס איז אויף א צייט געווען אבגעשוואכט, האט ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ. דער פיהרער פון די מעסיגע העלעניסטען, דער כהן אלקימוס (אויף העברעאיש יהויקים), האט גע־קראגען פון קעניג דמיטריוס דעם טיטול כהן־גדול. אבער די חסידים און די פרייהייטס־קעמפפער פון יהודה המכבי'ס פארטיי האבען ניט געוואלט אנערקענען אלקימוס'עם הערשאפט און האבען איהם ניט אריינגעלאזט קיין ירושלים. דעמאלט האט דמיטריוס געשיקט אלקימוס'ן צו הילף אן אבטיילונג פון סירישע סאלדאטען אונטער דער פיהרערשאפט פון באקכידעס. ווען אלקימוס איז אונ־טערגעקומען צו ירושלים האט ער גענומען פערזיכערען די איינ־וואוינער, אז ער וועט ארבייטען אין דעם גייסט פון די פאטריאָ־טישע חסידים. נאר ווען דאס פאלק האט איהם געגלויבט און האט איהם אריינגעלאזען אין שטאדט אריין, האט זיך אלקימוס ארויסגע־וויזען אין זיין אמת'ער געשטאלט: ער האט גענומען רודפ'ן די חסידים און האט בעפעהלען צו טויטען זעכציג מאן פון זיי.

ווען דער פעררעטערישער אלקימוס איז מיט דער הילף פון די סיריער געווארען כהן־גדול, האט ער איינגערעדט דעם קעניג דמיט־ריוס, אז עס איז נויטיג איינצושטילען די הארטנעקיגע חסידים און זייער פיהרער יהודה. דער קעניג האט ארויסגעשיקט געגען יהודה זיין קריעגספיהרער נקנור. נקנור האט זיך בעריהמט, אז ער וועט פערברענען דעם בית־המקדש. ביים דארף ארסה איז דעם 13טען אדר (161) פארגעקומען א שלאכט, אין וועלכער די אידען האבען ווידער אבגעהאלטען א גלענצענדען זיעג. נקנור איז געפאלען אין דער דאזיגער שלאכט און זיין חיל איז זיך צולאפען. די זיעגער האבען אבגעהאקט נקנור'ן דעם קאפ און האבען עס אויפגעהאנגען ביי די טויערען פון ירושלים. דער טאג פון דעם דאזיגען זיעג, ערב

פּורים, איז נאָכער אַ לאַנגע צייט געפּייערט געוואָרען אין יהודה און האָט זיך אָנגערופען „יום נקנור".

נאָר אין גיכען האָבען די אידען פערלאָרען זייער העלדישען פיהרער. דערוויסענדיג זיך וועגען נקנור'ס מפּלה אין יהודה, האָט דמיטריוס אַוועקגעשיקט אַהין אַן אַרמיי פון צוואַנציג טויזענד מאַן, אונטער דער פיהרערשאַפט פון באַקכידעס. באַקכידעס האָט זיך שנעל דערנעהנטערט צו ירושלים. יהודה האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך צוצוגרייטען, ווייל ער האָט זיך ניט געריכט, אַז דער שונא וועט אַזוי שנעל אָנקומען און דעריבער האָט ער געקענט אַרויס־שטעלען נאָר 3,000 מאַן. דער גרעסטער טייל פון די קריעגער האָ־בען זיך ניט געקענט ענטשליסען אַריינצוטרעטען אין אַן אָפענער שלאַכט מיט די סיריער און האָבען געפאָדערט מען זאָל אָבטרעטען פאַר'ן פיינד, כדי צו צוזאַמענעהמען אַ שטאַרקערע אַרמיי. אָבער דער אונערשראָקענער יהודה האָט אפילו ניט געוואָלט הערען פון אַ שענדליכען צוריקטריט. „אויב — האָט ער געזאָגט — עס איז געקומען די צייט איך זאָל שטאַרבען, לאָמיר שטאַרבען מוטיג פאַר אונזערע ברידער, און ניט בעפלעקען אונזער עהרע!" פון דער גאַנ־צער מחנה האָבען בלויז 800 קריעגער איינגעשטימט צו געהן נאָך איהם. מיט דיעזען הייפעל גבורים איז יהודה בעפאַלען דעם פיינד ביי אדסה. יהודה'ס קליינע אָבער מוטיגע מחנה האָט זיך געשלאָגען פערצווייפעלט, אָבער איהרע רייהען זיינען אַלץ שיטערער געוואָרען. ענדליך איז אין שלאַכט געפאַלען, מיט'ן שווערד אין האַנד, אויך איהר גרויסער פיהרער (אין פריהלינג 160). יהודה'ס ברידער איז געלונגען אָבצוזוכען זיין טויטען קערפּער, וועלכען זיי האָבען אַרי־בערגעפיהרט אין מודיעין און דאָרט מקבר געווען אין דעם פאַמיליען־קבר פון די חשמונאים. גאַנץ יהודה האָט ביטער בעוויינט דעם טויט פון איהר גלענצענדען העלד, דעם רעטער פון דער נאַציאָנאַלער פרייהייט.

§15. **יונתן חשמונאי.** נאָכ'ן טויט פון יהודה המכבי האָט דאָס אידישע חיל אויסגעקליבען אַלס פיהרער זיין ברודער יונתן (159). יונתן איז ניט געווען אַזאַ גרויסער העלד ווי יהודה, נאָר ער האָט פערמאָגט די פעהיגקייטען פון אַ רעגירער און האָט געקענט אויסנוצען יעדע גינסטיגע געלעגענהייט צו דערגרייכען זיין ציעל

— די בעפרייאונג פון זיין פאטערלאנד. בל־זמן אין ירושלים האבען געהערשט דער סירישער פערוואלטער באקכידעס און דער כהן־גדול אלקימוס האט יונתן גארניט געקענט טהאן און האט אומגעוואנדערט מיט זיין מחנה אין מדבר, נעבען טויטען ים. נאר אין גיכען איז אלקימוס געשטארבען. זיין טויט איז געשעהן פלוצלינג, אין דער צייט ווען ער האט זיך גענומען איבערצובויען די אינוועניגסטע וואנד פון בית־המקדש. דאס פאלק האט געזעהן אין דעם גאט'ס שטראף אויפ'ן זינדיגען כהן־גדול. די העלעניסטען האבען פערלארען זייער פיהרער, און יונתן האט זיך דערמיט בענוצט און האט פערשטארקט זיין פארטיי. צונויפקלייבענדיג א בעדייטענדען חיל האט יונתן און זיין ברודער שמעון אנגעהויבען בעאונרוהיגען די סיריער דורך אפטע אנפאלען. דער סירישער קריעגספיהרער באקכידעס איז גע־ווארען מיעד פון די דאזיגע אטאקען און האט אויפגעהערט זיך צו מישען אין דעם אינוועניגסטען קאמפף פון די אידישע פארטייען; ער האט געמאכט שלום מיט יונתנ'ן און האט זיך אומגעקערט קיין סיריען (157). פון דעמאלט אן איז יהודה עטליכע יאהר געבליבען רוהיג, אונטער דער ממשלה פון יונתנ'ן.

צו דער פערשטארקונג פון יהודה האט מעהר פון אלץ גע־האלפען דער קאמפף פאר דער קעניגליכער הערשאפט, וואס האט זיך דעמאלט צופלאקערט אין סיריען. גענגען דעם קעניג דמיטריוס סאטער איז אויפגעשטאנען אלכסנדר באלאס, א געבארענער פון רהאדוס, וועלכער האט זיך ארויסגעגעבען פאר א זוהן פון אנטיוכוס עפיפאנעס און פאר'ן געזעצליכען יורש פון טראהן. אלכסנדר האט זיך ערקלערט פאר קעניג און איז ארוים מיט א גרויסען חיל געגען דמיטריוס'ן. דער דערשראקענער דמיטריוס האט געבעטען יונתנ'ן ער זאל איהם העלפען אין דער מלחמה מיט זיין געגנער, צוזאגענ־דיג איהם דערפאר פערשיידענע הנחות פאר זיין לאנד. נאר אלכסנדר האט נאך מעהר געארבייט צוצוציהען דעם אידישען פיה־רער אויף זיין זייט: ער האט געמאכט יונתן פאר כהן גדול, ד. ה. פאר'ן עלטסטען פון אידישען פאלק און האט איהם געשיקט א מתנה א פורפור מאנטיע און א גאלדענע קרוין. די אידען, וואס האבען נאך געדענקט דמיטריוס'עס רציחות, זיינען אריבער אויף דער זייט פון אלכסנדר'ן, וועלכער האט נאך א לאנגען קאמפף גע־

קראַגען דעם סירישען טראָהן. יונתן איז אָנגעקומען קיין ירושלים אום סוכות און אַלס כהן־גדול האָט ער געפּראַוועט אַ פייערליכען גאָטעסדיענסט אין דעם בית־המקדש (152). אויף אַזאַ אופן האָט די חשמונאים־פאַמיליע, וועלכע האָט אויפגעהויבען די מרידה געגען סיריען, זיך ענדליך דערשלאָגען דערצו, אַז איינער פון זיי איז געוואָרען דער עלטסטער פון אידישען פאָלק מיט דער הסכמה פון דער סירישער רעגירונג. די וייטערדיגע סירישע מלכים האָבען ניט ווילענדיג געמוזט אַנערקענען די חשמונאים־פאַמיליע אַלס די געזעצליכע הערשער פון יהודה.

די שטענדיגע מהומות און דער קאַמפף פאַר'ן טראָהן אין סיריען האָבען איינגאַנצען אָבגעשוואַכט די דאָזיגע מלוכה, און יונתן האָט בעשלאָסען אַז עס איז געקומען די צייט צו מאַכען אַ סוף צו דער סירישער הערשאַפט אין יהודה. יונתן האָט בשתיקה פערגרעסערט זיין ארמיי, האָט בעפעסטיגט ירושלים און עטליכע אַנדערע שטעדט און האָט זיך געגרייט אויסצוקעמפפען פאַר יהודה פאָלשטענדיגע פרייהייט. נאָר דער סירישער קריעגספיהרער טריפאָן האָט זיך דערוואוסט פון דער דאָזיגער פערשווערונג. ער האָט פערנאַרט יונתן מיט אַ קליינער מחנה אין דער שטאָדט עכו און האָט בעפעהלען די דאָזיגע מחנה אומצוברענגען, און יונתנ'ען האָט ער איבערגעלאָזען ביי זיך געפאַנגען.

§16. **שמעון חשמונאי.** אַז יונתן איז גענומען געוואָרען געפאַנגען, האָט זיך זיין ברודער שמעון געשטעלט בראש פון דעם אידישען חיל (143). שמעון האָט אָנגעווענדט אַלע כחות צו רעטען דאָס לעבען פון זיין ברודער, וועלכער האָט זיך געפונען אין תפיסה ביי טריפאָנ'ען, נאָר דאָס איז איהם ניט געלונגען. טריפאָן האָט צוערשט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָבלאָזען דעם געפאַנגענעם, אויב די אידען וועלען איהם געבען אַ גרויסען פדיון און מענשליכע משכנות; אָבער ווען ער האָט שוין דאָס אַלץ געקראָגען פון שמעונ'ען, האָט דער מערדערישער סיריער דאָך בעפעהלען צו טויטען יונתנ'ען. די אידען האָט מען נאָר אומגעקערט דעם טויטען קערפּער פון דעם העלד.

שמעון, דער לעצטער פון די חשמונאים־ברידער, האָט פאַרענדיגט די בעפרייאונג פון דעם פאַטערלאַנד פון דעם סירישען יאָך.

האָבענדיג אַ שטאַרקען און גוט־בעוואָפענטען חיל האָט ער ביס־לעכוויי ארויסגעשטויסען די סירישע גאַרניזאָנען, וואָס זיינען נאָך פערבליבען אין די בעפעסטיגטע שטעדט פון יהודה. ענדליך איז געפאַלען דער לעצטער אָנשפאַר פון דער פרעמדער הערשאַפט אין יהודה: דער סירישער גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ירושלים'ער פעסטונג אַקרא איז בעלאַגערט געוואָרען; שמעון'ס חיל האָט ארומגערינגעלט די פעסטונג און האָט ניט דערלאָזט צו־צופיהרען אהין שפייז. דער הונגער האָט געצוואונגען די סיריער זיך אונטערצוגעבען. די שטאַלצע פעסטונג, וואָס איז לאַנג געווען דער שרעק פון דער אידשער פרייהייט, איז אָבגעריינינגט געוואָרען פון די פרעמדע. דעם 23טען אייר (מאַי 142) זיינען די ירושלים'ער איינוואוינער פייערליך אריינגעטראָטען אין אַקרא און דער דאָזיגער טאָג איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ יעהרליכען נאַציאָנאַלען יום־טוב. די סירישע מלכים, זעהענדיג אַז צו קעמפּפען ווייטער וועט זיין נוצלאָז, האָבען זיי בעפרייט יהודה פון שטייערען, און אַזוי איז יהודה געוואָרען אַ פריי לאַנד. ביי אַ גרויסער פאָלקס־פערזאַמלונג, וואָס איז פערופען געוואָרען אין ירושלים דעם 18־טען אלול (אויגוסט) פון יאָהר 140, איז שמעון ערוועהלט געוואָ־רען פאַר'ן כהן־גדול און נשיא (פירשט, עטנארך) פון דעם בע־פרייטען פאָלק. ער האָט געלאָזט אויסגיסען מטבעות פאַר יהודה, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה. אויף די זילבערנע און קופּערנע מטבעות, וואָס מען האָט דעמאָלט געגאָסען, איז פון איין זייט געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „ירושלים הקדושה (ירושלים די הייליגע) אָדער „שמעון נשיא ישראל" (שמעון דער אידישער פירשט) און אויף דער אַנדער זייט „שנת (דער און דער) של חרותנו" (דאָס יאָהר פון אונזער בעפרייאונג).

אַזוי האָט זיך געענדיגט דער 27־יעהריגער קאַמפּף פון יהודה פאַר איהר זעלבסטשטענדיגקייט. די דאָזיגע בעפרייאונגס־מלחמות ווערען אָנגערופען די „מלחמות פון די חשמונאים" נאָך מתתיהו און זיינע זיהן, אָדער די „מלחמות פון די מאַקאַבייער", נאָכ'ן צו־נאָמען פון דעם הויפּט־העלד יהודה המכבי.

§17. די אידען אין מצרים. בשעת אין יהודה איז פאָרגעקומען דער קאַמפּף פון די חשמונאים מיט די סיריער, האָ־

בען די אידען, וועלכע האָבען געלעבט אין מצרים, גענאָסען פאָל־שטענדיגע רוהיגקייט. זייער צאָהל איז פיעל פערגרעסערט גע־וואָרען דורך די אויסוואנדערער פון יהודה, וועלכע זיינען אנט־לאָפען פון די אכזריות׳ן פון אנטיוכוס עפּיפאנעס. דער קעניג תלמי דער זעקסטער (פילאָמאטאָר) האָט מיט צופרידענהייט אויפגענומען די דאָזיגע אנטלאָפענע און האָט זיי געגעבען שוץ. די אידישע קהלה פון אלעקסאנדריען, די הויפּטשטאָדט פון מצרים, האָט דעמאָלט געקראָגען א גרויסע בעדייטונג. די אי־דען האָבען מעהרסטענטיילס געלעבט אין דעם קווארטאל דעלטא, וואָס איז געלעגען נעבען האפען פון ים. אין דער דאָזיגער „אי־דישער שטאָדט" האָט געקאָכט מיט האנדעל, וואָס איז בעשטאַ־נען פון אריינפיהרען און ארויספיהרען סחורה. האָבענדיג גלייכע בירגער־רעכט, האָבען די אידען פון אלעקסאנדריען אויך גע־האט זעלבסטפערוואלטונג אין זייער קהלה־לעבען. בראש פון זיי איז געשטאנען א בעזונדערער עטנארך, וועלכער האָט פערוואלטעט דאָס פאָלק, גע׳משפט, און האָט אכטונג געגעבען אז די מצוות און דינים זאָלען אָבגעהיט ווערען, אזוי ווי דער עלטסטער פון א זעלבסטשטענדיגער שטאָדט. אין אלעקסאנ־דריען איז געוועזען א פּראכטפולע שוהל. די שוהל איז געוועזען אזוי גרויס, אז אין דער צייט פון דאוונען האָט מען אין די ווייטערע ווינקלען ניט געקענט הערען די שטימע פון חזן; כדי די מתפללים זאָלען וויסען ווען צו ענטפערען „אמן" אויפ׳ן חזנ׳ס ברכות פלעגט מען אין מיטען שוהל יעדען מאָל אויפהויבען פאָר א צייכען א גרויסע פאָהן.

אָבער די אידען פון מצרים האָבען זיך ניט בעגוגענט מיט זייער פּראכטפולער שוהל. זיי האָבען געוואָלט האָבען א גרויסען בית־המקדש, אזוי ווי דער ירושלים׳ער, וואו מען וואָלט געקענט ניט נאָר מתפלל זיין, נאָר אויך ברענגען קרבנות לויט די דינים פון דער תורה. ניט האָבענדיג אזא בית־המקדש, האָבען א סך פרומע אידען פון ירושלים געמוזט פאָהרען אויף די גרויסע ימים־טובים אין דעם ווייטען ירושלים, וואָס עס איז געוועזען זעהר שווער אין די אורוהיגע צייטען פון די מאקאביי־אישע מלחמות. אין יענער צייט איז אנגעקומען פון יהודה



די פאַרצייטיגע אידישע שוהל אין אַלעקסאַנדריען, מצרים.

קיין מצרים חוניו דעם 4טער, א זוהן פון דעם כהן־גדול חוניו דער 3טער, וועלכער איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס׳ן. האַלטענדיג זיך פאַר׳ן געזעצליכען יורש פון דער כהונה גדולה האָט חוניו דער איינגסטער (אָדער אָניאַס, ווי ער האָט געהייסען אויף גריכיש) בעשלאָסען אויפצושטעלען פאַר די עגיפּטישע אידען א בעזונדערען בית־המקדש. דער קעניג תלמי דער 6טער האָט געגעבען דערויף זיין הסכמה. אין דער געגענד פון גאַליפּאָלי איז אויסגעבויט געוואָרען א שעהנער טעמ־פעל, וועלכער איז געווען אויסגעריכט אויף׳ן מוסטער פון דעם ירושלימ׳ער בית־המקדש (160). דעם גאָטעסדיענסט האָבען דאָ געפיהרט אָניאַס און אַנדערע כהנים און לויים, וועלכע האָ־בען זיך אַריבערגעקליבען אהער פון יהודה אין דער צייט פון די מהומות. פאַר די דאָזיגע הייליגע דיענער איז נעבען בית־המקדש אויסגעבויט געווארען א בעזונדער שטעדטעל, וועלכעס האָט זיך גערופען אָניאָן, אויף׳ן נאָמען פון אָניאַס׳ן. דער אי־דישער בית־המקדש אין מצרים איז געשטאַנען מעהר ווי צוויי הונדערט יאָהר.

אין יענער צייט האָט זיך צווישען די גריכען און די אידען פון אַלעקסאַנדריען שטאַרק פערשפּרייט דער תנ״ך אין דער גריכישער איבערזעצונג. די איבערזעצונג פון דעם תנ״ך אויף גריכיש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך פאַר תלמי דעם 2טען (פילאַדעלפוס), איז אָנגעגאַנגען ווייטער פאַר תלמי פילאָמאַ־טאָר. פון דיזער צייט אָן האָבען עס די געבילדעטע געצען־דיענער אָנגעהויבען זיך נעהנטער צו בעקענען מיט די אידישע רעליגיעזע ספרים. און די אידען פון אַלעקסאַנדריען, ווידער, האָבען איבערגענומען די גריכישע וועלטליכע בילדונג. זיי האָ־בען אַרויסגעגעבען פון צווישען זיך א גאַנצע רייהע פילאָזאָפען און דיכטער וועלכע האָבען געשריבען זייערע ווערק אין גריכיש.

דריטער קאפיטעל.

יהודה אין דער צייט פון דער חשמונאים־דינאסטיע.

(37—140 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג)

§18. **שמעון אלס נשיא.** נאך פיעל יעהריגע מלחמות און מהומות איז אין יהודה ענדליך געקומען א צייט פון פרייער און פריעדליכער ענטוויקלונג אונטער דער ממשלה פון די אידישע נשיאים. דער ערשטער נשיא פון דער דינאסטיע חשמונאים, שמעון (140—135), האט זיך דער עיקר אבגעגעבען מיט פערבעסערען דאס אינוועניגסטע לעבען פון די אידען. ער האט איינגעפיהרט ארדנונג און זיכערקייט אין דעם לאנד וואס איז געווען פערוויסט פון מלחמות, האט אויפגעהויבען די ערד־ארבייט און דעם האנ־דעל, און אין יפו, די נאהנטסטע שטאדט צו ירושלים ביים ים, וועל־כע די אידען האבען אבגענומען ביי די סיריער, האט ער אויסגע־בויט א גרויסען האנדעלס־פארט.

דער סירישער קעניג אנטיוכוס סידעטעס, דער זוהן פון דמיטריוס, האט מיט פערדרוס צוגעזעהן ווי יהודה ווערט אלץ שטארקער. האט ער געשיקט צו שמעון'ען שלוחים מיט דער פאר־דערונג, אז ער זאל ענטוועדער אומקערען צו סיריען יפו און די ירושלים'ער פעסטונג, אדער אנשטאט זיי זאל ער בעצאהלען א גרויסע סומע געלד. אזוי ווי דער אידישער נשיא האט ניט גע־וואלט דערפילען די דאזיגע פאדערונגען, האט אנטיוכוס געשיקט זיין קריגספיהרער קענדעבאיוס פון הירקאניא, מיט א שטארקען חיל, צו פערניכטען יהודה. שמעון האט ארויסגעשיקט אנטקעגען איהם א גרויסע ארמיי אונטער דער פיהרערשאפט פון זיינע זיהן יוחנן און יהודה. ניט ווייט פון יפו איז פארגעקומען א שלאכט אין וועלכער שמעון'ס זיהן האבען אבגעהאלטען א פאלשטענדיגען זיעג (137). אין אנדענק פון דעם דאזיגען זיעג איבער קענדע־באיוס פון הירקאניא, האט שמעון'ס עלטעסטער זוהן, יוחנן, גע־קראגען דעם צונאמען הורקנוס. כדי צו פערזיכערען זיך געגען ווייטערע אנפאלען פון אנטיוכוס'ן האט שמעון געשלאסען א בונד

מיט רוים, די מעכטיגסטע מלוכה פון יענער צייט, וועלכע איז גע־וועזן א פיינד פון סיריען.

זעהענדיג, אז אין אָפענעם קאַמפף קען מען ניט בעזיעגען דעם נשיא שמעון, האָט אנטיוכוס בעשלאָסען צו אומבריינגען איהם דורך בעטרוג. ער האָט איינגערעדט שמעונ׳ס איידים, תלמי, וועלכער איז געווען דער פערוואַלטער פון דער פראָווינץ יריחו, צו טויטען זיין שווער און פארנעהמען דעם טראָהן פון יהודה. דער מערדערישער תלמי האָט איינגעלאַדען צו זיך אין געסט אין זיין פעסטונג דאָק, נעבען יריחו, דעם נשיא מיט זיין פאַמיליע און וואך, און האָט פאַר זיי געמאַכט א פרעהליכען מאַלצייט. אין צייט פון דעם מאַלצייט האָבען תלמי׳ס קנעכט, לויט זיין בעפעהל, גע־הרג׳עט שמעונ׳ען, זיינע צוויי זיהן מתתיהו און יהודה, און איי־ניגע מענשען פון דער פירשטליכער וואך (135). דאָס ווייב פון דעם ערמאָרדעטען נשיא, זיין שוויגער, האָט דער מערדער געהאַל־טען געפאַנגען ביי זיך אין פעסטונג, און אין דער זעלבער צייט האָט ער געשיקט רייטער אין שטאָדט גזר, וואו עס האָט זיך גע־פונען דער עלטסטער זוהן פון נשיא, דער יורש פון טראָהן, יוחנן־הורקנוס, כדי צו טויטען איהם אויך. נאָר יוחנן האָט זיך דערפון דערוואוסט, און איז אנטלאָפען פון גזר קיין ירושלים. דאָ האָט דאָס פאָלק און דאָס חיל איהם ערקלערט פאַר נשיא. דאָס פאָלק האָט ביטער בעוויינט דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער בע־פרייער, שמעון חשמונאי. דעם קערפער פון דעם דער׳הרג׳עטען נשיא האָט מען בעהאַלטען אין מודיעין, אין דעם פאַמיליען־קבר פון די חשמונאים, און אויף דעם דאָזיגען קבר האָט מען אויפגעשטעלט א פראַכטפולע מצבה, וועלכע איז געשטאַנען אויף א הויכען פעלז, און מען האָט זי געקענט זעהן ווייט פון ים.

§19. **יוחנן הורקנוס**. ווען יוחנן הורקנוס איז ארויף אויפ׳ן טראָהן פון יהודה (109—135), האָט ער פריהער פון אלץ בע־שלאָסען צו בעשטראָפען די מערדער פון זיין פאָטער. ער איז עטליכע מאָל צוגעטראָטען צו דער פעסטונג דאָק, וואו תלמי האָט זיך בעפעסטיגט, אָבער דער לעצטער האָט יעדען מאָל ארויסגע־פיהרט אויף דער פעסטונגס־וואַנד זיין געפאַנגענע שוויגער, הורק־נוס׳עס מוטער, און האָט געסטראַשעט צו טויטען זי, אויב הורקנוס

וועט מאַכען אַן אַטאַקע. די דאָזיגע איינשרעקונג און די ידיעה אַז דער סירישער קעניג קומט אָן, האָבען געצוואונגען הורקנוס'ן אָבצוטרעטען פון ירושלים.

אַנטיוכוס סידעטעס אַליין האָט זיך געלאָזט קיין יהודה מיט אַ גרויסען חיל און האָט בעלאַגערט די הויפּטשטאָדט. ירושלים איז געווען אַזוי בעפעסטיגט, אַז די סיריער האָבען זי ניט געקענט נעהמען מיט שטורם. דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען צו האַלטען די שטאָדט אין בעלאַגערונג ביז עס וועט גיט אויסגעהן אין איהר די גאַנצע שפּייז. די איינוואוינער פון ירושלים זיינען געווען אין געפאַהר פון אַ הונגער און הורקנוס איז געצוואונגען געווען צו שלי־סען פריעדען. ער האָט זיך פערפליכטעט צו צאָהלען דעם סירישען קעניג שטייערען פאַר יפו און אייניגע אַנדערע שטעדט, און אויך אַרונטערצוגראָבען די בעפעסטיגונגען פון ירושלים. אַנטיוכוס איז אַוועק. דער פעררעטערישער תלמי, וועלכער איז פאַרלאָזען געוואָרען פון זיינע פאַרבינדעטע, די סיריער, איז אַנטלאָפען פון יהודה, נאָר פאַר זיין אַנטלויפען האָט דיזער בלוט־דורשטיגער מענש געהייסען טויטען הורקנוס'עס מוטער.

נאָכ'ן טויט פון אַנטיוכוס סידעטעס האָבען זיך אין סיריען ווידער אָנגעפאַנגען אונרוהען און מהומות. יוחנן הורקנוס האָט זיך בענוצט מיט דער צופאַלונג פון סיריען און האָט זיך איינגאַנ־צען ענטזאָגט צו אַנערקענען איהר אויבערהערשאַפט. ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע כחות צו פערזיכערען די גרעניצען פון זיין מלוכה געגען אַן אָנפאַל פון דעם שונא. דעריבער האָט ער בע־שלאָסען צו אונטערטעניג מאַכען די קליינע פעלקער, וואָס האָבען געלעבט אַרום די גרעניצען און וואָס פלעגען געוועהנליך זיך פער־אייניגען מיט די פיינד פון יהודה און איהר שעדיגען. דער נשיא הורקנוס איז אַרויס מיט אַ גרויסען חיל, אין וועלכען עס זיינען געווען אַ סך געדונגענע סאָלדאַטען פון היידנישע פעלקער. צו־ערשט האָט ער איינגענומען עטליכע שטעדט אין מזרח־זייט פון ירדן; דערנאָך איז ער אַוועק געגען די שומרונים, די אַלטע שונאים פון יהודה. ער האָט צושטערט זייער הייליגע שטאָדט שכם און זייער טעמפּעל אויפ'ן באַרג גריזים. צולעצט האָט ער פאָלשטענדיג אונטערטעניג געמאַכט די אדומים און דערמיט האָט זיך זיין

קריעגס־צוג געענדיגט. ווען הורקנוס האָט צושטערט זייערע פעס־טונגען האָט ער געגעבען די אדומים די ברירה אויסצוקלייבען איינס פון דיביידע: ענטוועדער אָננעהמען די אידישע אמונה אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד. די אדומים האָבען זיך אונטערגעגע־בען און האָבען אָנגענומען די אידישע רעליגיאָן. מיט דער צייט האָבען זיי זיך צוזאַמענגעמישט מיט די אידען: נאָר די דאָזיגע צוזאַמענגיסונג האָט שפּעטער געהאַט טרויעריגע פאָלגען פאַר דער חשמונאים־דינאַסטיע. בלויז די שומרונים האָבען זיך ניט גע־קענט אונטערגעבען צו דער הערשאַפט פון די אידען. ווען זיי זיי־נען צו זיך געקומען פון זייער אָנומעלטיגער מפּלה, האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט די סיריער און מצריים און זיינען ארויסגעטראָ־טען געגען די אידען. הורקנוס איז בעפאַלען די פערבינדעטע און האָט זיי צושלאָגען, און נאָך אַ בעלאַגערונג פון צוועלף מאָנאַטען האָט ער איינגענומען די בעפעסטיגטע שומרון און האָט צושטערט די שטאָדט ביז'ן גרונד. אין דער דאָזיגער מלחמה האָבען זיך בע־זונדערס אויסגעצייכענט הורקנוס'עס זיהן אריסתובל און אנטיגנוס.

אויף אַזאַ אופן האָט יהודה אויסגעשפּרייט איהרע גרעניצען און האָט זיך אויסגעשפּרייט אַזוי ווי אין די בעריהמטע צייטען פון דוד און שלמה; זי האָט געהאַט איהר אייגענעם האַפען (יפו), וואָס האָט געבראַכט דעם לאַנד גרויסע הכנסות, אַ גוט בעוואָפענ־טען חיל און שטאַרקע פעסטונגען, אַזוי אַז קיין איינציגעס פון די שכנ'ישע פעלקער האָט ניט געוואַגט צו געהן מלחמה האַלטען מיט איהר. וואָס מעהר עס האָט זיך אויסגעברייט די אידישע מלוכה אַלץ מעהר איז געוואַקסען דער גלאַנץ פון דער הויפּטשטאָדט. ירושלים איז פארשעהנערט געוואָרען מיט גרויסאַרטיגע געביידען. אויף אַ הויכען אָרט, צו מזרח פונ'ם הר־הבית, איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַ פּרעכטיגער קעניגליכער פּאַלאַץ, וועלכער איז געוועזען פעראייניגט מיט'ן בית־המקדש דורך בריקען. האָבענדיג בעפעס־טיגט זיין הערשאַפט האָט יוחנן הורקנוס בעגייט זיין בונד מיט רוים, וועלכע האָט אָנערקענט פאַר דער אידישער מלוכה איהרע נייע עראָבערונגען.

§20. די פּרושים, צדוקים און אסיים. ווען נאָך פיעל דורות פון אונטערטעניגקייט איז יהודה צוריק געוואָרען אַ פרייע

מלוכה, אזוי ווי אין די אלטע צייטען, איז צווישען די פארשטעהער פון פאלק אויפגעשטאנען די פראגע: אין וואס פאר א גייסט דארף געפיהרט ווערען די דאזיגע בענייטע מלוכה און וואס דארף זיין איהר בעציהונג צו דער רעליגיאן, די בעציהונג פון דער וועלט־ליכער מאכט צו דער גייסטיגער? איינע האבען געזאגט, אז דאס אידישע פאלק דארף לעבען אזוי ווי אלע אנדערע פעלקער, פיהרען מלחמות, איינגעהמען נייע לענדער און זיך פערשטארקען פאלי־טיש. אנדערע האבען גע'טענה'ט, אז די אידען זיינען א בעזונ־דערע גייסטיגע נאציאן, וואס דארף זיך פיהרען לויט איהרע רע־ליגיעזע געזעצען, זיך אבשיידען פון אנדערע פעלקער און שטרעבען בלויז צו פארבעסערען איהר אינערליכען לעבען לויט די געבאטען פון יודענטום. אויך איז אין פערשיידענע קרייזען פון דער גע־זעלשאפט געווען אנדערש דער בליק אויפ'ן יודענטום, ד. ה. אויף די לעהרען, דינים און טראדיציעס, וואס האבען זיך אנגע־קליבען פון די אוראלטע צייטען ביז דער עפאכע פון די חשמונאים. אויף אזא אופן זיינען אין דיזער עפאכע אויפגעקומען אין יהודה דריי פארטייען: די פרושים, די צדוקים און די אסיים.

די פרושים זיינען געווען די נאכפאלגער פון די חסידים, אדער די פרומע. זיי האבען געהאלטען אז יעדער איד בעזונדער און דאס גאנצע פאלק אין איינעם דארפען זיך פיהרען לויט די געזע־צען פון דער אמונה. די פרושים האבען שטרענג אבגעהיט ניט נאר אלע געשריבענע דינים פון תנ"ך נאר אויך אלע מנהגים און פיהרונגען וואס זיינען אויפגעהיט געווארען בעל־פה. אויסער דעם פלעגען זייערע לעהרער שאפען נייע דינים, וועלכע פלעגען ממלא זיין אדער פערבעסערען די אלטע געזעצען כדי צוצופאסען זיי צו די נייע פאדערונגען פון לעבען. זיי האבען פערפעסטיגט אין פאלק איניגע יסודות פון רעליגיאן (דאגמען), וועלכע זיינען גע־ווען ניט גענוג דייטליך ערקלערט אין תנ"ך. די פרושים האבען בעזונדערס פערשטארקט אין פאלק דעם גלויבען, אז גאט בעצאהלט יעדען מענשען נאכ'ן טויט פאר זיינע מעשים; ווייל די מענש־ליכע נשמה שטארבט ניט צוזאמען מיט'ן גוף, נאר לעבט ווייטער אויף יענער וועלט. די נשמות פון די גוטע מענשען געניסען דארט גליק, און די נשמות פון די שלעכטע קומען אב פאר די זינד, וואס

זיי זיינען בעגאַנגען אויף דער ערד. גאָט האָט אויסדערוועהלט דאָס אידישע פאָלק און האָט איהם געגעבען די געבאָטען פון אמת און גוטסקייט. און די דאָזיגע געבאָטען דאַרף דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק זיך האַלטען און ניט נאָכמאַכען די מנהגים פון אַנדערע פעל־קער. די אידען דאַרפען אין זייער לעבען זיך אונטערשיידען, זיך אָבטיילען פון אַנדערע פעלקער, און זיך דערוויטערען פון אַלעם שלעכטען, פון אַלעם וואָס איז היידניש.*) די פּרושים האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ טיעפען גלויבען און מאָראַלישער אויפ־פיהרונג; זיי האָבען געפּרעדיגט בעשיידענקייט און איינגעהאַל־טענקייט אין לעבען און פלעגען העלפען שוואַכע און אָרימע. פון צווישען זיי זיינען אַרויסגעקומען לעהרער פון פאָלק, וועלכע פלע־גען ערקלערען די געזעצען. אָפטמאָל, פונדעסטוועגען, פלעגען זיך טרעפען צווישען זיי אונעהרליכע מענשען, וועלכע פלעגען זיין אויסערליך פרום, אָבער אין האַרצען פלעגען זיי בעהאַלטען שלעכטע כונות. אַזעלכע צוויי־פּנים'דיגע פלעגט מען אין פאָלק רופען צבועים (צבוע'קעס, „געפאַרבטע").

די צדוקים זיינען געווען די נאָכפאָלגער פון די העלעניסטען. זיי האָבען געקוקט אויף די אויפגאַבען פון דער רעגירונג ווי וועלטליכע מענשען און פּאָליטיקער; זיי האָבען געפאָדערט, אַז די רעליגיאָן זאָל זיין אָבגעטיילט פון דער מלוכה. צו דער דאָזי־גער פּאַרטיי האָבען געהערט מענשען פון די העכערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט: מיליטערישע לייט, בעאַמטע, כהנים, און אָב־געשטאַמטע פון גרויסען יחוס.*) די צדוקים האָבען געהאַלטען, אַז אַ איד איז מחויב אָבצוהיטען נאָר יענע געבאָטען, וואָס געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען, אָבער די דינים בעל־פּה און די שפּעטערע מנהגים פון פאָלק זיינען ניט קיין מוז פיר איהם. זיי האָבען ניט געגלויבט אין אַ יענער וועלט, וואָרום עס ווערט דער־פון ניט גערעדט דייטליך אין תורת משה. אין אַלץ האָבען זיי זיך געהאַלטען ניט אָן דעם גערעדט, נאָר אָן דעם בוכשטאַב פון דעם געשריבענעם געזעץ; זייער כלל איז געווען: גאָרניט צו־

---

*) מען רעכענט אַז דער נאָמען „צדוקים" שטאַמט פון דעם נאָמען פון צדוק הכהן, וועלכער איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי.

צולעגען צו די געזעצען פון דער תורה און גאָרניט אראָבנעהמען פון זיי, אַפילו ווען דאָס לעבען פאָדערט עס. פאַר די צדוקים איז די אידישע רעליגיאָן געווען ניט קיין לעבעדיגע, נאָר אַ טויטע לעהרע, וועלכע מען דאַרף נאָר *אויפהיטען* אָבער *ניט ענטוויקלען*. די צדוקים, וועלכע האָבען געהערט צו די פאַרמעגליכע און איינפלוסרייכע קלאַסען, האָבען ליעב געהאַט אַ פריי לעבען און האָבען גע'טענה'ט, אַז עס איז גאָרניט קיין עברה זיך מתקרב צו זיין מיט די געצענדיענער. די צדוקים, וועלכע זיינען געווען די כהנים, פלעגען אָפט האָבען מחלוקות מיט די פיהרער פון די פרושים. צווישען ביידע פאַרטייען פלעגט פאָרקומען אַ שטענדיגער קאַמפף פאַר דער מאַכט אין דער מלוכה.

די דריטע פאַרטיי איז בעשטאַנען פון די אסיים. זיי זיינען געשטאַנען אינגאַנצען אָן אַ זייט פון די געזעלשאַפטליכע און מלוכה ענינים, און האָבען זיך נאָר געזאָרגט צו פערפאָלקאָמען דאָס פערזענליכע לעבען. זיי האָבען געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ קלאַס פון „הייליגע“, און האָבען בעזונדערס שטרענג אָבגעהיט די געזעצען פון קערפערליכער ריינקייט, וועלכע זיינען געווען אַ חוב בלויז אויף די כהנים. מעהרסטענטיילס פלעגען די אסיים אַוועקגעהן אין די מדבריות און דאָרט האָבען זיי געלעבט אין קליינע געמיינדען אָדער ברודערשאַפטען, ווי נזירים (מאָנאַכען). אין די דאָזיגע ברודערשאַפטען פלעגען אריינגענומען ווערען בלויז מענער. די מיטגליעדער פון די דאָזיגע אסי'שע חברות פלעגען טיילען צווישען זיך אויף גלייך זייער פאַרמעגען און האָבען געלעבט ווי ברידער. זיי פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט ערד־אַרבייט, האָבען געגעסען בלויז ברויט און גרינסען און ניט געטרונקען קיין וויין; יעדען טאָג פלעגען זיי זיך באָדען אין טייך כדי צו האַלטען ריין זייער קערפער און האָבען געטראָגען ווייסע קליידער. דאָס פראָסטע פאָלק האָט געהאַלטען די אסיים פאַר הייליגע און בעלי מופת. צו זיי פלעגט מען קומען זיך היילען פון פערשיעדענע קראַנקהייטען און צו טרעפען די צוקונפט.*

---

*) דער נאָמען *אסיים* מיינט „די וואָס וואַשען זיך“ אָדער די „היילענדע“.

§21. דער סנהדרין און דער קאַמפּף פון די פּאַרטייען.
אַזוי ווי זיין פאָטער שמעון, אַזוי איז אויך יוחנן הורקנוס געווען אין דער זעלבער צייט נשיא און כהן גדול, דאָס הייסט אי דער וועלטליכער אי דער גייסטיגער פאָרשטעהער פון יהודה. נאָר אַ גרויסער טייל פון דער הערשאַפט האָט געהערט צו אַ מלוכה־ראַט, אָדער סענאַט, וועלכער האָט זיך גערופען סנהדרין (אויף גריכיש — פערזאַמלונג). דער סנהדרין, וועלכער האָט זיך געפונען אין ירושלים איז בעשטאַנען פון 70 מיטגליעדער און איין פּאָרזיצענדען, אָדער אב־בית־דין. דער סנהדרין פלעגט זיך פערזאַמלען אין איינעם פון די גרויסע חדרים פון בית־המקדש וואו זיי פלעגען פערהאַנדלען די פראַגען פון דער מלוכה, פלעגען אַרויסגעבען געזעצען און פלעגען בעטראַכטען די וויכטיגסטע משפטים. דער נשיא פלעגט ניט אָננעהמען קיינע וויכטיגע בעשלוסען אין די ענינים פון דער מלוכה אָהן דער צושטימונג פון דעם סנהדרין.

די משפטים פון דעם סנהדרין פלעגען פּאָרקומען עפענטליך. די ריכטער זיינען געזעסען אין אַ האַלבען קרייז כדי זיי זאָלען זעהען איינער דעם אַנדערען. צוויי שרייבער זיינען געשטאַנען רעכטס און לינקס און האָבען פערשריבען די מיינונגען פון די ריכטער. צו בעטראַכטען אַ פּראָצעס, האָבען געמוזט זיין אָנוועזענד ניט ווייניגער פון 23 מיטגליעדער („דער קלייגער סנהדרין"). אין קרימינעלע פּראָצעסען איז צו בעפרייען דעם אָנגעקלאָגטען געווען גענוג אַ מעהרהייט פון איין שטימע, און צו פערורטיילען דעם אָנגעקלאָגטען האָט זיך געפאָדערט אַ מעהרהייט פון צוויי שטימען. מעהר פון אַלץ האָט דער סנהדרין געזוכט צו פערזיכערען גערעכטיגקייט און רחמנות אין געריכט. די מיינונגען צי דער אָנגעקלאָגטער איז שולדיג אָדער ניט, פלעגט מען אָנהויבען אויספרעגען פון דעם אינגסטען פון סנהדרין און געהן אַרויף ביז'ן אב־בית־דין. דאָס פלעגט געטהאָן ווערען כדי די מיינונגען פון די עלטערע און חשוב'ע זאָלען ניט בעאיינפלוסען די אינגערע. אויסער דעם האָבען צוערשט געמוזט אַרויסזאָגען זייערע מיינונגען יענע וואָס האָבען געהאַלטען דעם אָנגעקלאָגטען פאַר אונשולדיג, און ערשט נאָכדעם יענע, וואָס האָבען איהם גערעכענט פאַר שולדיג. ווער עס האָט זיך נאָר

איינמאָל אויסגערעדט פאַר בעפרייען דעם אָנגעקלאָגטען, האָט מעהר ניט געקענט נעהמען זיין וואָרט צוריק. ביי אַזעלכע אומ־שטענדען זיינען טויט־שטראָפען געווען אַ זעלטענע זאַך אין דעם סנהדרין.

אין דער ערשטער צייט ווען הורקנוס איז געווען נשיא זיינען אין דעם סנהדרין געווען אַ סך פּרושים, וועלכע האָבען געקראָגען אַ גרויסען איינפלוס אויפ׳ן גאַנג פון דער מלוכה. דאָס האָט שטאַרק בעאומרוהיגט זייערע געגנער, די צדוקים. האָבען די צדוקים אָנגעהויבען איינשמועסען הורקנוס׳ן, אַז די פּרושים זיינען ניט צופריעדען מיט זיין רעגירונג. הורקנוס האָט געוואָלט דער־געהן אויב דאָס איז אמת, האָט ער געמאַכט אַ סעודה און האָט פאַררופען אַ סך חשוב׳ע געסט. אויפ׳ן מאָלצייט האָט זיך הורק־נוס אויפגעשטעלט און געזאָגט: „אויב איינער פון די אַנוועזענ־דע קען בעווייזען אַז איך האָב, אַלס נשיא אָדער כהן גדול, געהאַנ־דעלט געגען געזעץ, דאַן זאָל ער האָבען דעם מוט אויפצושטעהן און מיר ערקלערען“. דעמאָלט איז איין פּרוש אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „אויב דו נשיא, ווילסט זיין עהרליך, דאַן בענוגען זיך מיט דער קרוין פון נשיא, און זאָג זיך אָב פון דער כהונה גדולה, ווארום דיין מוטער איז אַמאָל געווען געפאַנגען ביי געצענדיענער.*) הורקנוס האָט זיך בעליידיגט פון די דאָזיגע ווערטער, נאָר פונ־דעסטוועגען האָט ער בעפעהלט צו מאַכען אַן אויספאָרשונג, אויב דער פּרוש זאָגט אמת. אָבער עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז דאָס איז ניט אמת, האָט הורקנוס געפאָדערט אַז דער סנהדרין זאָל בע־שטראָפען דעם בעליידיגער. אָבער די פּרושים פון סנהדרין האָ־בען ארויפגעלעגט אויף זייער בעשולדיגטען חבר זעהר אַ לייכטע שטראָף. דאָס האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט הורקנוס׳עס חשד אויף דער פּאַרטיי פון די פּרושים און דער נשיא איז אינגאַנצען אריבער אויף דער זייט פון די צדוקים. ער האָט בעזייטיגט די פּרושים פון די וויכטיגסטע שטעלען און האָט איבערגעגעבען די דאָזיגע שטעלען צו די צדוקים, און דאָס האָט ארויסגערופען אַן

---

*) די זיהן פון קריעגסגעפאַנגענע פרויען האָבען ניט געטאָרט זיין כהנים.

אונצופריעדענקייט ביים פאָלק. נאָך אַ הערשאַפט פון דרייסיג־יאָהר איז יוחנן הורקנוס געשטאָרבען (104). ער האָט איבערגע־לאָזען פינף זיהן; פון זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט: יהודה־אריסתובול, אַנטיגנוס און אלכסנדר־ינאי.

§22. יהודה־אַריסתובול. יוחנן הורקנוס האָט פאַר'ן טויט בעשטימט זיין ווייב פאַר דער הערשערין פון דער מלוכה, און די כהונה גדולה האָט ער איבערגעגעבען צו זיין עלטסטען זוהן יהודה, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ גריכישען נאָמען, אריסטובול. אָבער אריסתובול האָט זיך ניט בענוגענט מיט דעם גייסטליכען אַמט וואָס ער האָט געקראָגען. באַלד נאָך זיין פאָטער'ס טויט האָט ער איינגעשפּאַרט זיין מוטער אין געפענגניס (וואו זי איז, לויט אַ לעגענדע, אויסגעגאַנגען פון הונגער) און האָט פערכאַפּט די אויבערהערשאַפט. דער כבוד־זוכענדער אריסתובול האָט זיך אויך ניט צופריעדען געשטעלט מיט'ן טיטול פירשט „נשיא", וועל־כען עס האָבען געטראָגען זיינע פאָרגענגער: ער האָט דער ערש־טער פון די חשמונאים אַנגענומען דעם טיטול קעניג, „מלך", און האָט אַנגעטהאָן אויף זיין קאָפּ אַ קעניגליכע קרוין. אַריסתובול איז געוועזען אַ קרענקליכער און אויפגערעגטער מענש. דריי פון זיינע ברידער האָט ער געהאַלטען אין געפענגניס; ליעב געהאַט האָט ער נאָר איין ברודער, אַנטיגנוס, און האָט איהם געמאַכט פאַר'ן קאָמאַנדיר פון דעם אידישען חיל. אַנטיגנוס האָט איינגע־נומען דעם צפון־טייל פון גליל און האָט געצוואונגען דעם אראַ־בישען שבט יתורים, וואָס האָט דאָרט געלעבט, אָנצונעהמען די אידישע אמונה. מיט זיינע נצחונות איז אַנטיגנוס געוואָרען בע־ריהמט ביים פאָלק, אָבער ער האָט אַרויסגערופען קנאה צווישען די הויפּט־לייט. די קרובים למלכות האָבען געזוכט אויפצוּוועקען אין אַריסתובול'ן אַן אונצוטרוי צו זיין ברודער, און עס איז זיי געלונגען.

פון זיין גלענצענדען קריעגס־צוג האָט זיך אַנטיגנוס צוריק־געקערט קיין ירושלים צום יום־טוב סוכות. אין דער שפּיץ פון דעם חיל איז ער אַוועק אין בית־המקדש צו עפּענען דעם יום־טוב. דאָס פאָלק האָט מיט פרייד בעגריסט דעם העלד. דער רעש האָט זיך דערהערט אין פּאַלאַץ. די הויפּטלייט, וואָס האָבען אַנטיג־

נוס'ען געהאסט, האָבען געזאָגט צו אריסתובול'ן: „אַט הער, ווי דאָס פאָלק בעגריסט דיין ברודער. באלד וועט ער פערכאפּען די הערשאפט אין זיינע הענד און וועט מעהר ניט זיין אונטערוואָרפען צו דיר." אייניגע האָבען נאָך צוגעגעבען אז אנטיגנוס וועט באלד קומען אין פאלאץ פול בעוואפענט, צו פערכאפּען דעם קעניגליכען טראָהן. דאַן האָט אריסתובול געגעבען א בעפעהל צו זיין לייב-וואך צו טויטען יעדען איינעם וואָס וועט פּרובען זיך אריינצורייסען אין הויף מיט וואפען אין די הענד. דאַן האָט ער געשיקט רופען אנטיגנוס'ען, און געבעטען ער זאָל קומען צו איהם אָהן געוועהר. אָבער די הויפטלייט האָבען אָנגעזאָגט דעם שליח ער זאָל איבערגעבען אנטיגנוס'ען פונקט דעם היפך, נעמליך, אז דער קעניג וויל איהם זעהן דוקא פול בעוואפענט. אנטיגנוס האָט עס געגלויבט און איז אוועק אין פאלאץ אין זיינע מיליטערישע קליידער און מיט וואפען אין די הענט. נאָר קוים איז ער צוגעקומען נאָהנט צום פאלאץ, האָט זיך די וואך אויף איהם א וואָרף געטהאָן און איהם געטויט, לויט דעם קעניג'ס בעפעהל. די נאכריכט וועגען דעם טויט פון זיין געליעבטען ברודער האָט אריסתובול'ן צוטרייסעלט: זיין קראנקהייט האָט זיך פערשטארקט — און אין גיכען איז ער געשטאָרבען, נאָך איין יאָהר קעניגען (103), ניט איבערלאָזענדיג קיין קינדער. אין אריסתובול'ס צייט האָט זיך פערשטארקט דער איינפלוס פון די צדוקים אין דער מלוכה, און מען האָט איהם אָנגערופען פ י ל ה ע ל ע נ ו ס, דאָס הייסט א פריינד פון די גריכען.

§23. אלכסנדר ינאי. נאָך אריסתובול'ס טויט האָט זיין אלמנה שלומית-אלכסנדריה בעפרייט זיינע ברידער פון געפענגניס. דער עלטסטער פון זיי, אלכסנדר ינאי, איז געוואָרען קעניג, און נאָך דעם אידישען דין האָט ער חתונה געהאט מיט זיין ברודער'ס אלמנה, וועלכע האָט ניט געהאט קיין קינדער. ווען ינאי איז נאָך געווען א קינד, האָט ער ניט נושא חן געווען ביי זיין פאָטער יוחנן הורקנוס, וועלכער האָט דעריבער איהם ניט געוואָלט האלטען אין זיין הויף און האָט איהם אוועקגעשיקט זיך צו ערציהען אין גליל. דאָרטען האָט דער יונג געקראָגען א גוטע מיליטערישע בילדונג, אָבער ניט יענע בירגערליכע און גייסטיגע ערציהונג וועלכע איז

געווען נויטיג פאַר אַ צוקונפטיגען רעגירער און כהן גדול. דער פריהצייטיגער טויט פון זיינע צוויי ברידער האָט איהם פּלוצלינג אוועקגעשטעלט בראש פון דער מלוכה, און דאָ האָבען זיך אַרויס־געוויזען אַלע חסרונות פון זיין ערציהונג. דער נייער מלך, וואָס איז לויט זיינע נייגונגען געווען מעהר העלענער ווי איד, האָט גע־וואוסט נאָר איין צוועק אין לעבען: אויסצוברייטען די הער־שאַפט פון יהודה איבער גאַנץ פּאַלעסטינא. באַלד ווי ער איז אַרויף אויפ׳ן טראָהן, האָט ער געפּרובט איינצונעהמען די שטאָדט פּטאָלאָמאַידע (עכו) ביים ים, נאָר דערמיט האָט ער אַרויסגערופען אַן אָנפאַל פון די מצרים, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג געגרייט צו קריגען ווידער די הערשאַפט איבער יהודה. ינאַי׳ן האָט זיך איינגעגעבען בלויז צו פערכאַפּען עטליכע שטעדט אויפ׳ן ברעג פון ים פון איין זייט, און פון ירדן אויף דער אַנדערער זייט (96).

דעם פאָלק, וואָס איז געווען מיעד פון די פערניכטענדע מלחמות, זיינען ניט געפעלען געווען די דאָזיגע קריעגסצוגען. די איינפלוסרייכע פּאַרטיי פון זיין לאַנד, די פּרושים, האָבען ניט גע־שעצט יאַנאַי׳ן, ניט אַלס קעניג און ניט אַלס כהן־גדול, ווארום ער איז געווען דער פריינד פון די אַריסטאָקראַטישע צדוקים. איין פּאַ־טירונג האָט פערשאַרפט די בעציהונגען צווישען יאַנאַי און די פּרושים. אין דעם יום־טוב סכות האָט ינאַי געפּראַוועט דעם גאָטעס־דיענסט אין בית־המקדש; מען האָט איהם דערלאַנגט וואַסער אין אַ זילבערנער כלי אַרויפצוגיסען אויפ׳ן מזבח, ווי עס איז גע־ווען דער מנהג, וואָס די פּרושים האָבען געהאַלטען. נאָר כדי צו־פריעדענצושטעלען די צדוקים, וועלכע האָבען ניט אַנערקענט דעם דאָזיגען מנהג, האָט דער קעניג אויסגעגאָסען דאָס וואַסער אויף דער ערד. דער עולם, וואָס איז געווען פערזאַמעלט אין בית־המקדש, איז אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרען פון דער דאָזיגער האַנד־לונג, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען פערוואַרפען דעם קעניג מיט אתרוגים. דער קעניג האָט בעפעהלען זיינע געדונגענע ניט־אידי־שע סאָלדאַטען זיי זאָלען איינשטילען דאָס פאָלק, און זעקס טויזענד אידען זיינען דעמאָלט גע׳הרג׳עט געוואָרען אין הויף פון בית־המקדש.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָט דאָס פאָלק נאָך מעהר פער־

האסט ינאי'ן. און ווען אין גיכען האָט זיך דער קעניג צוריקגע־קערט פון א נייער ניט־געלונגענער מלחמה געגען די אראבער, האָט אין ירושלים אויפגעפלאַקערט אַן אויפשטאַנד. זעקס יאָהר (88—94) האָט זיך געצויגען דער קאמפף פונ'ם פאָלק מיט זיין קעניג. אלכסנדר האָט געקעמפפט געגען די מורדים מיט דער הילף פון געדונגענעם חיל, ניט אָבשטעלענדיג זיך פאַר קיינע גרויזאַמקייטען. אין דעם דאָזיגען זעקס־יעהריגען בירגער־קריעג זיינען אומגעקומען אַרום פופציג טויזענד אידען. ווען דער קעניג איז ענדליך מיעד געוואָרען זיך צו ראַנגלען מיט זיין אייגענעם פאָלק האָט ער פאָרגעלעגט די פרושים א שלום; נאָר זיי האָבען איהם שארף געענטפערט: „בלויז דיין טויט קען מאַכען שלום צווישען אונז". אין זייער פאַרביטערטקייט זיינען די שונאים פון דעם קעניג אַוועק אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען גערופען געגען איהם אין יהודה די סיריער, און מיט זייער הילף האָבען זיי אָבגעהאַלטען א נצחון. ינאי האָט געמוזט אַנטלויפען און זיך וואָגלען אין די בערג. אָבער אין גיכען איז דעם קעניג געלונגען איינצונעהמען איין פעסטונג, וואו א סך פרושים האָבען זיך געהאַט איינגעשלאָסען, און ער האָט זיך אַן זיי נוקם געווען אויף א שרעקליכען אופן. 800 פרושים זיינען אויף זיין בעפעהל געקרייציגט געוואָרען. די איבריגע זיינען אַנטלאָפען קיין סיריען און מצרים. דאָס פאָלק האָט ינאי'ן א נאָמען געגעבען טראַקיער, ד. ה. ווילדער תליון.

דערפיהלענדיג אַז דער טויט איז נאָהנט האָט ינאי חרטה גע־האַט אויף זיינע רציחות. די פיהרונג פון דער מלוכה האָט ער איבערגעגעבען דער קעניגין שלומית־אלכסנדרה און האָט איהר געראָטען שלום צו מאַכען מיט די פרושים. „האָב ניט קיין מורא — האָט ער איהר געזאָגט — ניט פאַר די פרושים, ניט פאַר די צדוקים; האָב נאָר מורא פאַר די צבוע'קעס, וועלכע טהוען אַל־דאָס בייז און שטעלען זיך אַרויס פאַר עהרליכע". אלכסנדר־ינאי איז געשטאָרבען אויפ'ן 27טען יאָהר פון זיין קעניגען, לאָזענדיג נאָך זיך אַן אלמנה און צוויי זיהן.

§24. שלומית־אלכסנדרה. די פיהרונג פון דער מלוכה האָט איבערגענומען די קעניגין שלומית־אלכסנדרה אין איהרע הענד. איהר עלטערען זוהן, דעם שוואַכען און אָבגעלאָזענעם הורקנוס, האָט

זי געמאַכט פאַר כהן־גדול; אָבער דעם קלענערען זוהן, דעם כבוד־ליעבענדען און היציגען אַריסטובול, האָט זי געהאַלטען דערוויי־טערט פון די מלוכה־ענינים. שלומית־אַלכסנדרה האָט רעגירט דאָס פאָלק מיט קלוגשאַפט און האָט געשטרעבט צו פאַרריכטען דאָס בייז, וואָס דאָס לאַנד האָט געליטען דורך דער שטירמישער הערשאַפט פאַר איהר. פאַר די צעהן יאָהר וואָס זי האָט געקע־ניגט האָט יהודה כמעט ניט געליטען פון אַן אָנפאַל פון דרויסען.

די קעניגין האָט צוגערופען צוריק די פרושים צו דער רע־גירונג; די יעניגע פון זיי, וועלכע זיינען אין דער צייט פון אַלכסנדר ינאַי אַנטלאָפען אין פרעמדע לענדער, האָבען זיך אומגע־קערט אין זייער פאַטערלאַנד. צווישען די צוריקגעקערטע זיי־נען געווען די פיהרער פון די פרושים: דער קעניגינ'ס ברודער שמעון בן־שטח און דער געלעהרטער יהודה בן־טבאי. ביידע האָ־בען זיי געלעבט אין גלות אין דער צייט פון ינאַי'ס גרויזאַמקייטען. שמעון איז געווען נע־ונד אין פערשיידענע לענדער און יהודה האָט זיך בעהאַלטען אין מצרים. נאָכ'ן טויט פון איהר מאַן האָט די קעניגין צוריקגערופען קיין ירושלים איהר ברודער שמעון, און דיזער האָט אַרויסגערופען פון מצרים זיין חבר יהודה. שמעון און יהודה זיינען געוואָרען די פאָרזיצענדע (עלטסטע) פון דעם סנהדרין, און פאַר זייער צייט האָבען די פרושים ווידער געקראָגען אַן איינ־פלוס אויף דער רעגירונג. מעהר פון אַלץ האָבען זיי געזאָרגט איינצושטעלען געזעץ און אָרדנונג אין לאַנד. וועגען שמעון בן־שטח פלעגט מען זאָגען, אַז „ער האָט אומגעקערט די תורה צו איהר אַמאָליגען גלאַנץ". ער האָט געמאַכט פאַר אַ חוב אויף די עלטערען צו לערנען זייערע קינדער. זאָרגענדיג וועגען די רעכט פון די פרויען, האָט שמעון אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז דער מאַן זאָל פאַר דער חתונה געבען זיין ווייב אַ כתובה, אין וועלכער ער זאָל פאַר איהר בעשטימען אַ טייל פון זיין פאַרמעגען, אין פאַל ער שטאַרבט אָדער ער גט זיך מיט איהר. די שטרענגע קרימי־נעלע געזעצען, וואָס די צדוקים האָבען איינגעפיהרט אין דער פריהעריגער הערשאַפט, זיינען פאַרביטען געוואָרען אויף מילדערע געזעצען. בכלל זיינען די צדוקים בעזייטיגט געוואָרען פון דער

געזעצגעבונג און פון געריכט, און זיי זיינען געבליבען בלויז ביי די העכערע שטעלען אין דער אַרמיי.

נאָר דער קעניגינ'ס צווייטער זוהן אַריסתובול האָט בעשיצט די פּאַרטיי צדוקים. אַז די קעניגין איז קראַנק געוואָרען, איז אַריסתובול אין דער שטיל אַוועק פון ירושלים, כדי מיט דער הילף פון צדוקי'שע אַרמיי־בעאַמטע צו פערכאַפּען די מאַכט אין זיינע הענד. עס זיינען אַריבער אויף זיין זייט פיעל מחנות חיל און בעפעסטיגטע שטעדט, וואו די עלטסטע זיינען געווען צדוקים. און ווען די קעניגין שלומית־אלכסנדרה איז געשטאָרבען, האָט זיך אין יהודה פאַנאַנדערגעבראָכען אַ בלוטיגער קאַמפף פאַר'ן טראָהן.

§25. דער קאַמפף צווישען הורקנוס דער 2טער און אַריסתובול דער 2טער. נאָכ'ן טויט פון שלומית האָט געדאַרפט ווערען קעניג איהר עלטערער זוהן, דער כהן־גדול הורקנוס דער 2טער. נאָר הורקנוס האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַריינצוטרעטען אין דער ממשלה, ווען זיין ברודער אַריסתובול האָט זיך געלאָזט מיט אַ חיל קיין ירושלים אָבצונעהמען ביי איהם דעם טראָהן. הורקנוס האָט אַרויסגעשיקט אַן אַרמיי געגען זיין ברודער. נעבען יריחו האָבען זיך די אַרמייען פוןביידע ברידער בעגעגענט און עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט. הורקנוס'עס אַרמיי איז געשלאָגען געוואָרען, ווייל אַ גרויסער טייל פון איהר איז בעגייסטערט געוואָרען פון אַריסתובול'ס העלדישקייט און איז אַריבער אויף זיין זייט (67). דער דערשראָקענער הורקנוס האָט זיך פערשפּאַרט אין דער פעסטונג נעבען בית־המקדש. ווען אַריסתובול איז אַריינגעטראָטען אין דער הויפּט־שטאָדט האָט זיך הורקנוס אָנערקענט פאַר בעזיעגט. די ברידער האָבען געשלאָסען צווישען זיך אַ פריעדענס־אָבמאַך, לויט וועלכען הורקנוס האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין קעניגליכען טיטול און האָט איבערגעלאָזען פאַר זיך (לפנים) בלויז דעם אַמט פון כהן־גדול; אָבער אַריסתובול איז ערקלערט געוואָרען פאַר'ן קעניג פון יהודה אונטערן נאָמען אַריסתובול דער 2טער. ביידע ברידער האָבען פאַר די אויגען פון פאָלק זיך דערלאַנגט די הענד און זיך אַרומגענומען. הורקנוס'ן איז אייגענטליך ניט שווער געווען זיך אָבצוזאָגען פון טראָהן, ווייל ער

האט בטבע ליעב געהאט א שטילעס לעבען, און איז ווייניג פעהיג געוועזן צו פיהרען א מלוכה.

ניט לאנג אבער האט אריסטובול דער 2טער געקענט רוהיג קעניגען אין יהודה. אין גיכען איז די מהומה אויסגעבראכען אויף דאס ניי, דורך די אינטריגען פון א געוויסען מענשען. דאס איז געוועזן א נ ט י פ ט ר, וועלכער האט געשטאמט פון יענע אדומים, וואס יוחנן־הורקנוס האט אמאל בעזיעגט און מגיר געוועזן פאר אידען. אנטיפטר איז געוועזן דער קאמאנדיר פון דעם חיל פון אדום, וואס איז געוועזן אונטערטעניג צו יהודה.

ווען הורקנוס איז נאך געוועזן דער קרוין־פרינץ, האט זיך אנטיפטר מיט איהם בעפריינדעט און האט געהאפט, אז ווען הורקנוס, וועלכער האט געהאט א שוואכען כאראקטער, וועט ווערען קעניג, וועט ער איהם מאכען פאר זיין נאהנטסטען ראטגעבער. ווען אבער די הערשאפט איז אריבער צו אריסטובול'ן, איז די דאזיגע האפנונג צורונען געווארען.

אנטיפטר האט ניט געקענט רוהען דערפון. האט ער אנגעווענדט אלע זיינע קרעפטען ארויסצורופען אויף דאס ניי אין הורקנוס'עס הארצען א שנאה צו זיין ברודער, וועלכער האט צוגענומען ביי איהם דעם טראהן. ער האט איינגערעדט הורקנוס'ן אז אריסטובול פלאנעוועט איהם צו הרג'ענען און ענדליך האט ער איהם איינגערעדט צו אנטלויפען קיין אראביען, צום קעניג ארעטעס, און מיט דער הילף פון די אראבער אבצונעהמען צוריק די קעניגליכע הערשאפט. ארעטעס'ען האט אנטיפטר פאר דיעזער הילף צוגעזאגט אבצוגעבען צוועלף שטעדט אין יהודה, און דער אראבישער קעניג האט זיך געלאזט צוזאמען מיט הורקנוס'ן קיין ירושלים, בראש פון א חיל פון פופציג טויזענד מאן (65).

אריסטובול'ס חיל האט ניט געקענט אבשלאגען דעם שטארקען פיינד און אריסטובול און זיינע נאכפאלגער האבען זיך בעפעסטיגט אויפ'ן הר־הבית אין ירושלים. ארעטעס האט זיך אריינגעריסען אין דער הויפט־שטאדט און האט בעלאגערט דעם הר־הבית. צו איהם זיינען צוגעשטאנען א סך אידען, וועלכע זיינען געוועזן אנהענגער פון הורקנוס'ן. אזוי איז געשעהן אז אידען האבען געהאלפען בעלאגערען זייערע אייגענע ברידער. אין דער מחנה פון די

בעלאגערער האט זיך געפונען א הייליגער מאן, מיט׳ן נאמען חוניה. הורקנוס׳עס נאכפאלגער האבען געפאדערט פון חוניה׳ן אז ער זאל בעטען ביי גאט א מפלה אויף אריסתובול׳ן און זיינע מיטהעלפער. נאר דער הייליגער מאן, וועלכער האט היים געליעבט זיין פאלק, האט זיך געשטעלט מתפלל צו זיין און האט אויסגערופען: „א, גאט, אי די בעלאגערטע, אי די בעלאגערער זיינען דיינע קינדער, טהו ניט דעריבער, דאס וואס זיי ביידע ווינשען איינע די אנדערע!“. די קריעגסלייט זיינען אין כעס געווארען אויף חוניה׳ן און האבען איהם פערווארפען מיט שטיינער. דערוויל איז אנגעקומען פסח, און די בעלאגערטע האבען ניט געהאט גענוג פיה אויף צו ברענגען קרבנות אין בית־המקדש, זיינען זיי געצוואונגען געווען צו קויפען פיה פאר א סך געלט ביי זייערע פיינד. יעדען טאג פלעגט זיך פון דער בית־המקדש פעסטונג אראבלאזען אויף אייזערנע קייטען א קארב מיט גאלד, און דערפאר פלעגען די בעלאגערער אויף די זעלבע קייטען ארויפשיקען בהמות. נאר איינמאל האבען זיך די אראבער ערלויבט א בעליידיגענדען שפאס, און אנשטאט א בהמה האבען זיי ארויפגעשיקט א חזיר; דאס האט אריסתובול׳ס מענשען שטארק אויפגערעגט, און די מלחמה האט זיך צופלאקערט נאך מעהר.

§26. דאס אנקומען פון פאמפעאוס. אין דער צייט פון דעם דאזיגען קאמפף צווישען די חשמונאים־ברידער, האבען זיך אויף יהודה אנגערוקט די גרויזאמע חילות פון דער רוימישער רעפובליק אונטער דעם גרויסען קריעגספיהרער פאמפעאוס. די רוימישע מלוכה, וואס איהר צענטער איז געווען איטאליען, האט שוין לאנג געהאט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מאכט. זי האט איינגעשלונגען די געוועזענע בעזיצונגען פון גריכענלאנד אין אייראפא, האט פערהאפט צפון־אפריקע און האט זיך געלאזט צו בעזיעגען אויף פאדער־אזיען. די געוועזענע לענדער פון אשור, בבל און פערסיען זיינען איינס נאכ׳ן אנדערען געפאלען פאר דער אלמעכטיגער רוים. ענדליך איז אונטער דער ממשלה פון די רוימער ארונטערגעפאלען אויך סיריען, וואו איבער צוויי הונדערט יאהר האט געהערשט די דינאסטיע פון די סעלייקידען. ווען פאמפעאוס האט פערענדיגט די ערעבערונג פון סיריען האט ער פון דמשק אוועקגעשיקט אן ארמיי אויף יהודה אונטער דער פיהרער־

שאַפט פון סקוירוס. דאָן זיינען צו סקוירוס'ען געקומען שלוחים פון ביידע קעמפפענדע ברידער, הורקנוס און אריסתובול, יעדער בעטענדיג שטיצע פאַר זיך. אריסתובול האָט אָנגעבאָטען סקוירוס־ען פאַר זיין הילף די ריעזיגע סומע פון פיער טויזענד טאַלאַנטען, און הורקנוס האָט אויך געמוזט צוזאָגען אַזוי פיעל. נאָר דער רוימישער פערטרעטער האָט גערנער אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון אריסתובול'ן, ווייל ער האָט איהם, אַלס פערטיגען קעניג, מעהר געטרויט. ער האָט בעפעהלען ארעטעס'ן תיכף ומיד אָבצוטרעטען פון ירושלים, און אויב ניט, וועט ער איהם ערקלערען פאַר אַ פיינד פון די רוימער. ארעטעס האָט ניט געוואַגט זיך צו שטעלען אנט־קעגען, און האָט באַלד אָראָבגענומען די בעלאַגערונג. דער בעפריי־טער אריסתובול האָט געשיקט צו פּאָמפּעאוס'ן קיין דמשק אַ פּרעכ־טיגע מתנה — אַ וויינשטאָק, קינסטלעריש אויסגעאַרבייט פון הוילע גאָלד.

אין גיכען זיינען פאַר פּאָמפּעאוס'ן אין דמשק ערשינען אַרים־תובול און הורקנוס אַליין, בעטענדיג ער זאָל ענטשיידען זייער סכסוך. יעדער פון די ברידער האָט בעוויזען זיין רעכט אויפ'ן קעניגליכען טיטעל. פּאָמפּעאוס האָט אָבגעלעגט זיין בעשלוס ביז ער וועט אָנקומען קיין יהודה. דער „קעניג פון די קעניגען" (אַזוי האָט מען פּאָמפּעאוס'ן גערופען אין אַזיען) האָט אין אמת'ן ניט געוואָלט העלפען ניט דעם און ניט יענעם פון די אידישע הערשער, ווייל ער האָט גאָר געוואָלט אונטערטעניג מאַכען דאָס לאַנד צו רוים. דער קלוגער אריסתובול האָט זיך אָנגעשטויסען וועגען דער דאָזיגער געפעהרליכער כונה און האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען צו פערטיי־דיגען דאָס לאַנד, נאָר פּאָמפּעאוס האָט איהם ארעסטירט און פער־האַלטען ביי זיין חיל.

דערווייל איז פּאָמפּעאוס'עס ארמיי אריינגעטראָטען אין יהודה, האָט איינגענומען עטליכע שטעדט און איז צוגעטראָטען צו ירושלים. הורקנוס'עס מענשען האָבען אריינגעלאָזען די רוימער אין ירושלים, אָבער די בראַווע נאָכפאָלגער פון אריסתובול'ן האָבען זיך בעפעס־טיגט אויפ'ן הר־הבית און פערטיידיגט דאָס נאַציאָנאַלע הייליגטום. דריי חדשים האָבען די רוימער זיי בעלאַגערט אָהן ערפאָלג. ענד־ליך האָט פּאָמפּעאוס געמאַכט אַ לעצטע אַטאַקע אין דעם טאָג פון שבת (אָדער יום־כפור), ווען די אידען האָבען זיך שוואַך פערטיי־

דיגט. די פעסטונג אויפ'ן הר־הבית איז געפאלען; די רוימער האבען זיך אריינגעריסען אינוועניג און זיינען אריין אין בית־המקדש. גראד דעמאלט איז אין בית־המקדש פארגעקומען דאס יום־טוב'דיגע גאטעס־דיענסט, אבער די כהנים האבען ניט איבערגעריסען די תפלה און האבען רוהיג ערווארטעט דעם טויט. פאמפעאוס איז, ציטערענדיג, אריין אין די אינוועניגסטע חדרים פון בית־המקדש און האט זיך פערוואונדערט, ניט געפינענדיג דארט קיין איינציג בילד פון גאט. ער האט אבער גארנישט אנגעריהרט אין דעם הייליגען הויז.

פאמפעאוס האט ערקלערט יהודה פאר א רוימישער פראווינץ (אין יאהר 63). הורקנוס'ן האט ער געגעבען דעם נאמען עטנארך (פארשטעהער פון פאלק) און כהן־גדול, אבער ער האט איהם ניט ערלויבט זיך אנצורופען קעניג. דער אדומישער אנטיפטר איז בעשטימט געווארען פאר'ן עלטסטען איבער הורקנוס'ן. אבער אריסטובול'ן מיט זיינע קינדער האט ער גענומען געפאנגען און האט זיי אוועקגעפיהרט מיט זיך קיין רוים. אויף אזא אופן איז יהודה, נאך קארגע הונדערט יאהר פון זעלבסטשטענדיגקייט, ווידער אונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון פרעמדע, צוליעב די אינוועניגסטע סכסוכים צווישען די מיטגליעדער פון דעם קעניגליכען הויז. די ערשטע חשמונאים האבען מיט זייער העלדישקייט גערעטעט די פרייהייט פון יהודה, און די לעצטע חשמונאים האבען מיט זייערע מחלוקת'ן פערניכטעט די דאזיגע פרייהייט.

§27. **הורדוס און אנטיגנוס דער 2טער.** פאמפעאוס, וועלכער האט בעזיגט יהודה, איז געווען פון די דריי קריעגספיהרער וועלכע האבען אין יענער צייט צוטיילט צווישען זיך די הערשאפט פון דער רוימישער רעפובליק. אויסער פאמפעאוס'ן זיינען די איבעריגע צוויי פון דעם בונד (טריומווירראט) געווען דער גרויסער קריעגספיהרער יוליוס צעזאר און קראסוס. ווען זיי האבען צוטיילט צווישען זיך די רוימישע פראווינצען איז סיריען און יהודה אנגעקומען אויפ'ן חלק פון קראסוס. זייענדיג דורשטיג נאך געלד, איז קראסוס אריינגעטראטען אין ירושלים און האט ארויסגעפיהרט פון בית־המקדש א סך אוצרות; נאר אין גיכען, אין דער צייט פון זיין מארש אויף פארטיען, איז קראסוס אומגעקומען, און די אידען

האָבען דערין געזעהן גאָט'ס שטראָף פאַר דער בערויבונג פון זייער הייליגטום. צווישען די איבעריגע צוויי פון דעם טריומוויראַט, פּאָמפּעאוס און צעזאַר, האָט זיך צופלאַקערט אַ בלוטיגער קאַמפּף פאַר דער הערשאַפט, און דער זיעגער איז ענדליך אַרויסגעקומען צעזאַר, וועלכער איז געוואָרען דער זעלבסטהערשער פון דער רוימי־שער רעפּובליק. אין דער צייט פון דער דאָזיגער מלחמה איז אין רוים אָנגעקומען דער אַרונטערגעזעצטער קעניג אַריסטובול דער 2־טער. צעזאַר האָט איהם געהאַט בעפרייט פון געפאַנגענשאַפט און האָט איהם געגעבען אַ לעגיאָן סאָלדאַטען ער זאָל זיך שלאָגען געגען פּאָמפּעאוס'ן. אָבער די פריינד פון פּאָמפּעאוס'ן האָבען זיך דערוואוסט דערפון און האָבען אָבגע'סמ'ט אַריסטובול'ן איידער ער איז אַוועק מיט זיין חיל.

אין יענער צייט האָט אין דעם נאָמען פון דעם שוואַכען הורקנוס'ן רעגירט אין יהודה זיין פּראָטעקטאָר אַנטיפּטר, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען צו דיזען אַמט פון פּאָמפּעאוס'ן. נאָכ'ן אונטערגאַנג פון פּאָמפּעאוס'ן און דעם זיעג פון צעזאר'ן, האָט דער כיטרער אַנטיפּטר אויסגעדריקט צעזאַר'ן פולע אונטערטעניגקייט און האָט איהם געהאָלפען אין זיינע אַזיאַטישע מלחמות. דערפאַר האָט יוליוס צעזאַר געמאַכט אַנטיפּטר'ן פאַר זיין פערטרעטער אין יהודה און הורקנוס'ן האָט ער איבערגעלאָזט די פריהערדיגע טי־טלען עטנאַרך און כהן־גדול (47). די וויכטיגסטע שטעלען אין דער מלוכה האָט אַנטיפּטר צוטיילט צווישען זיינע זיהן און קרובים. זיין עלטערן זוהן פּזאל'ן האָט ער געמאַכט פאַר'ן הויפּט איבער ירושלים, און זיין אינגערען זוהן הורדוס'ן האָט ער איבערגעגעבען צו פערוואַלטען די צפון־פּראָווינץ גליל. דעם דאָזיגען הורדוס'ן איז שפּעטער בעשערט געווען צו ווערען קעניג פון יהודה.

הורדוס איז געווען אַ מענש מיט אַן אונטערנעהמערישען גייסט, אַ כיטרער און האָט ליעב געהאַט צו הערשען. פון זיין יוגענד־אָן האָט ער געשטרעבט צו מאַכט, און כדי צו דערגרייכען דיזען ציעל פלעגט ער זיך ניט אָבשטעלען פאַר די ערגסטע מיט־לען. די ליעבע צום אידישען פאָלק איז געווען פרעמד דיזען זוהן פון אַן אדומי; ער האָט אין אַלץ געזוכט נאָר זיינע אייגענע נוצען. כדי געפעהלען צו ווערען די רוימער, האָט הורדוס אַליין געלאָזט

טויטען אין גליל א אידישען פאטריאט מיט'ן נאמען חזקיהו און זיינע חברים, וועלכע האבען אויפגעהויבען צווישען די דארטיגע אדען אן אויפשטאנד געגען די רוימער און האבען געקעמפפט פאר דער פרייהייט פון זייער פאטערלאנד. די אידען האט שטארק פערדראסען וואס הורדוס האט אליין מיט זיין אייגענעם ווילען בעשטראפט די דאזיגע פאטריאטען, ווי פשוט'ע רויבער, און האט זיי ניט פערקלאגט פאר'ן סנהדרין, ווי דאס האט געפאדערט דאס געזעץ. דער סנהדרין האט דעריבער הורדוס'ן אויפגעפאדערט צום משפט. הורדוס איז געקומען, אבער ניט ווי אן אנגעקלאגטער, נאר ווי א זיעגער, בעגלייט פון א מיליטערישער וואך. די מיטגליעדער פון סנהדרין האבען מורא געהאט איהם צו פער'משפט'ן. דעמאלט האט זיך אויפגעהויבען שמעיה הזקן, דער אב־בית־דין, און האט אויסגערופען: „זייט וויסען, אז עס וועט קומען א טאג, ווען דער יעניגער וועמען איהר האט יעצט מורא צו פעראורטיילען, וועט אייך אליין פער'משפט'ן צום טויט". אין דער צייט וואס הורקנוס און דער סנהדרין האבען זיך געקווינקעלט, איז הורדוס דערווייל אנטלאפען קיין סיריען אונטער דעם שוץ פון די רוימער. מיט זייער הילף האט הורדוס נאך זיין פאטער'ס טויט ארייגעכאפט די אויבערהערשאפט אין זיינע הענד, און האט אינגאנצען אונטער־טעניג געמאכט צו זיך דעם שוואכען הורקנוס'ן. ער האט חתונה געהאט מיט הורקנוס'עס אייניקעל, האפענדיג אז דורך דעם שדוך מיט דער חשמונאים־פאמיליע וועט ער דערגרייכען צו דער קעניגליכער הערשאפט. צו דעם דאזיגען געווינשטען ציעל זיינעם איז הורדוס געגאנגען מיט פעסטע טריט און דאס גליק האט איהם צוגעשפיעלט. ווען יוליוס צעזאר איז גע'הרג'עט געווארען אין רוים, און הערשער איבער'ן מזרח איז געווארען דער רוימישער קריעגספיהרער אנטאניוס, האט הורדוס מיט חניפה און כיטרעקייט אריבערגעצויגען אנטאניוס'ן אויף זיין זייט. אנטאניוס האט בע־שטימט הורדוס'ן און זיין ברודער פזאל'ן פאר פערוואלטער איבער יהודה מיט די רעכט פון רוימישע שטעל־פערטרעטער (41).

א בעדייטענדער טייל פון אידישען פאלק איז געוועזען שטארק אויפגעבראכט דערפון, וואס די זיהן פון דעם אדומי אנטיפטר זיי־נען בעשטימט געווארען צו זיין די הערשער פון יהודה, לויט דעם

ווילען פון די רוימער. די אונצופרידענע האבען געוואלט ארויפ־זעצען אויפ׳ן טראהן דעם יונגען אנטיגנוס׳ן, דעם זוהן פון אריס־טובול׳ן דעם 2טען, וועלכער איז געשטארבען אין רוים. פאר דעם צוועק זיינען זיי ארייגגעטראטען אין א בונד מיט די פיהרער פון די פארטיער, א שטארקער שבט פון פערסיען, וועלכער האט אין יענער צייט געמאכט אן אויפשטאנד געגען דער רוימשער הער־שאפט. די פארטיער צוזאמען מיט אנטיגנוס׳עס נאכפאלגער האבען פערכאפט ירושלים, האבען גענומען געפאנגען דעם געוועזענעם קעניג הורקנוס דער 2טער, און פזאל׳ן, און הורדוס׳ן האבען זיי געצוואונגען צו אנטלויפען. פזאל, פאראויסזעהענדיג זיין סוף, האט זיך אליין גענומען דאס לעבען; הורקנוס׳ן האט מען אוועק־געפיהרט געפאנגען קיין פארטיען, און דערביי האט מען איהם, אויפ׳ן בעפעהל פון זיין פלימעניק אנטיגנוס, אבגעשניטען די אויערען, כדי ער זאל מעהר ניט טארען זיין קיין כהן־גדול. (נאכ׳ן דין האט א בעל־מום ניט געטארט זיין קיין כהן־גדול.) אריסתו־בול׳ס זוהן איז געווארען קעניג פון יהודה אונטערן נאמען אנטיג־נוס דער 2טער (40).

פיער יאהר האט געדויערט דאס דאזיגע קעניגען. אנטיגנוס דער 2טער האט ניט געקענט פערפעסטיגען זיין הערשאפט אויף א לענגערער צייט. בשעת ער האט רוהיג געקעניגט אין יהודה, האט הורדוס, וועלכער איז אנטלאפען פון דארטען קיין רוים, צוגעגרייט פאר איהם א מפלה. אין רוים האט מען בעטראכט אנטיגנוס׳ן פאר א מורד במלכות, וועלכער האט אבגענומען די מאכט ביי יענע הערשער, וואס אנטאניוס האט בעשטימט. דעריבער האט דער רוימישער סענאט בעשלאסען אבצונעהמען ביי אנטיגנוס׳ן די מאכט און ערקלערען הורדוס׳ן פאר׳ן מלך פון יהודה. דעמאלט האט הור־דוס, מיט דער הילף פון רוימישען מילטער זיך ארייגגעריסען אין יהודה און ארומגערינגעלט ירושלים. נאך א בעלאגערונג פון דריי חדשים איז ירושלים גענומען געווארען מיט שטורם און די רוימער האבען דארט געמאכט א שרעקליכע שחיטה. אנטיגנוס׳ן אליין האט מען געחאפט. ווען מען האט איהם געבראכט פאר׳ן רוימי־שען קאמאנדיר האט זיך דער געפאנגענער קעניג צואווינט. דער־פאר האבען די רוימער איהם פערעכטליך אנגערופען מיט׳ן נאמען

„אנטיגאָנאָ“ אנשטאט אנטיגנוס. לויט דער פאָדערונג פון הור־רוס׳ן האָט מען אנטיגנוס׳ן הינגעריכטעט (37).

אין מיטען פון אָט אזא שרעקליכער בלוט־פערגיסונג איז ארויף אויפ׳ן אידישען טראָהן הורדוס, אַן אָבגעשטאַמטער פון די אדומים, דער ליעבלינג פון די רוימער, אָבער א פערהאסטער פון אידישען פאָלק.

פיערטער קאַפּיטעל.

קעניג הורדוס דער 1טער און זיינע נאָכפאָלגער.

(37 פאר קריסט. צייטר. און 6 נאָך קריסטל. צייטר.)

§28. הורדוס׳עס גרויזאמע מעשים. נאָכדעם ווי הור־דוס האָט מיט דער הילף פון די רוימער פערהאפט דעם אידישען טראָהן, האָט ער אָנגעהויבען ביטער זיך נוקם צו זיין אַן די נאָכ־פאָלגער פון אנטיגנוס׳ן און פון דער חשמונאים־דינאסטיע. א סך האָט ער פּארטריבען פון יהודה און צוגענומען זייער אייגענטום. צווישען די פארטריבענע זיינען געווען מיטגליעדער פון סנהדרין און זעהר חשוב׳ע ליים. פיהלענדיג אז די אידען האָבען איהם ניט ליעב, האָט זיך הורדוס ארומגערינגעלט מיט גריכען און רוימער, און האָט זיי איבערגעגעבען די וויכטיגסטע שטעלען אין דער מלוכה.

מעהר פון אלץ האָט זיך הורדוס געשראָקען פאר די פערבלי־בענע מיטגליעדער פון דער חשמונאים־דינאסטיע, אז זיי זאָלען ביי איהם ניט ארויסרייסען צוריק די קעניגליכע מאכט. פון דער חשמונאים־דינאסטיע האָבען דעמאָלט געלעבט: דער געוועזענער קעניג און כהן גדול הורקנוס דער 2טער, זיין טאָכטער אלכסנדרה און איהרע קינדער מרים און אריסתובול דער 3טער. מיט מרים׳ען האָט הורדוס חתונה געהאט נאָך איידער ער איז ארויף אויפ׳ן טראָהן, ווייל ער האָט געוואָלט ווערען אַן אייגענער פון דער קע־ניגליכער פאמיליע דורך דעם שידוך. מרים׳ס זיידע הורקנוס דער 2טער, האָט זיך אומגעקערט פון געפאנגענשאפט אין פארטיען.

הורדוס האָט איהם כּלומרשט אויפגענומען פריינדליך, נאָר אין דער שטיל האָט ער געהייסען האַלטען אויף איהם אַן אויג. הורקנוס האָט ניט געקענט ווידער ווערען כהן־גדול, ווארום זיינע אויערען זיינען איהם געווען מיט אַ מום, האָט הורדוס געמוזט בעשטימען פאר כהן גדול זיין איניקעל, דעם 17 יאָהריגען אריסטובול דעם 3טען. דאָס פאָלק האָט שטארק ליעב געהאט דיזען שעהנעם און איידעלען יונג. סכּות ווען אריסתובול האָט צום ערשטען מאָל געפּראַוועט גאָטעסדיענסט אין בית־המקדש, אָנגעטהאָן אין די פּרעכטיגע קליידער פון כהן גדול, האָבען די פערזאַמעלטע איהם בעגריסט מיט פרייד.

דיזע ליעבע פון פאָלק צו אריסתובול'ן האָט הורדוס'ן געקרענקט און געשראָקען; אין דעם יונגען כהן־גדול פון דער חשמונאים־פאַמיליע האָט דער קעניג געזעהן אַ געפעהרליכען געגנער פאר זיך, וועלכער קען מיט דער צייט אָבנעהמען ביי איהם די קרוין. האָט הורדוס בעשלאָסען ביי זיך אומצוברענגען אריסטובול'ן. פאר דיזען צוועק האָט ער איהם איינגעלאַדען קיין יריחו צו די פעסטליכקייטען און מאָלצייטען, וואָס ער האָט דאָרט געמאכט (35). דאָ האָט אריסתובול, באָדענדיג זיך איינמאָל אין קעניגליכען טייכעל צוזאַמען מיט אַנדערע יונגען פון הויף, זיך דערטרונקען אַזוי ווי דורך אַ סבה. אין אמת'ן אָבער האָבען איהם דערטרונקען הורדוס'עס דיענער אויף אַ געהיימען בעפעהל פון דעם קעניג. דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעשטויסען ווער עס איז שולדיג אין דעם דאָזיגען פּלוצלינגען טויט, אָבער קיינער האָט ניט געוואגט איהם אָנצורופען מיט'ן נאָמען. די קעניגין מרים איז שטארק צוטרייסעלט געוואָרען פון דעם טויט פון איהר געליעבטען ברודער, און האָט פון דעמאָלט אָן דערפיהלט אַ טיעפע פעראַכטונג צו איהר מאַן.

§29. מרים'ס טויט. אלכּסנדרה, די מוטער פון אריסתובול דעם 3טען, האָט מודיע געווען דעם רוימישען הערשער אַנטאָניוס וועגען דער ערמאָרדונג פון איהר זוהן און האָט געבעטען ער זאָל אויספאָרשען די זאַך. אַנטאָניוס, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין סיריען, האָט ארויסגערופען הורדוס'ן צו זיך אויף אַן ערקלערונג. הורדוס האָט פאר מורא געפאָלגט און איז גע־

גאנגען. פאר זיין אוועקפאהר האט ער איבערגעגעבען די השגחה איבער'ן הויף צו יוסף'ן, זיין שוועסטער שלומית'עס מאן, און האט איהם בשתיקה אנגעזאגט, אז אויב ער, הורדוס, וועט זיך ניט צוריקקערען קיין יהודה, זאל ער טויטען די קעניגין מרים. דעם דאזיגען שרעקליכען בעפעהל ערקלערט מען דערמיט, וואס דער קעניג, וועלכער האט שטארק ליעב געהאט זיין שעהנע פרוי, האט ניט געוואלט אז נאך זיין טויט זאל זי חתונה האבען מיט אן אנדערען. אין דער צייט ווען הורדוס איז געווען אוועק האט זיך אין ירושלים פארשפרייט א פאלשער קלאנג, אז אנטאניוס האט איהם געלאזט טויטען. אין הויף איז געווארען א טומעל. די קעניגין מרים און איהר מוטער האבען זיך געגרייט צו אנטלויפען פון דער הויפטשטאדט. יוסף האט אויף זיי רחמנות געהאט און האט אפילו אויסגעזאגט דער קעניגין וואס הורדוס האט איהם אין געהיים בעפעהלען וועגען איהר. דערווייל איז הורדוס'ן געלונגען צו דערוועקען ביי אנטאניוס'ן רחמנות צו זיך און ער האט זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים גאנץ. די קעניגין האט איהם ניט בעגעגענט מיט פרייד, נאר מיט שנאה, און הורדוס האט פערשטאנען אז יוסף האט איהר אויסגעזאגט דעם שרעקליכען סוד. הורדוס'עס בייזע שוועסטער שלומית האט פאר'מסר'ט מרים'ן פאר איהר ברודער, בעשולדיגענדיג זי אז זי איז צו שטארק בעפריינדעט מיט יוסף'ן. דער אויפגערייצטער הורדוס האט געהייסען אבהאקען יוסף'ן דעם קאפ.

נאכדעם האט הורדוס'ן אנגעהויבען צו שרעקען א נייע געפאהר. די הערשער פון רוים, אנטאניוס און אקטאוויאנוס אויגוסטוס האבען געפיהרט מלחמה צווישען זיך פאר דער אויבערהערשאפט. אין דער בעריהמטער שלאכט ביי אקציום (31), האט אויגוסטוס צושלאגען אנטאניוס'ן און איז געווארען דער איינציגער זעלבסט-הערשער פון דער רוימישער אימפעריע, און האט אנגענומען דעם טיטעל אימפעראטאר. הורדוס, וועלכער האט אומגעריכט פערלארען זיין בעשיצער אנטאניוס'ן, האט געמוזט באלד זיך ווענדען צו אויגוסטוס'ן אויסצובעטען ביי איהם א בעשטעטיגונג אויף זיין קעניגליכען אמט. פאר'ן אוועקפאהר האט דער גרויזאמער הורדוס געהייסען הרג'ענען דעם אלטען הורקנוס דעם 2טען, כדי עס זאל ניט איינפאלען די רוימער ארויפצוזעצען אויפ'ן טראהן

דיזען לעצטען מענליכען פּאָרשטעהער פון דער חשמונאים־פאַמיליע. די קעניגין מרים און איהר מוטער האָט ער געהייסען פערשפּאַרען אין א פעסטונג און האָט ווידער אין דער שטיל בעפעהלען דעם אויפזעהער פון דער פעסטונג צו טויטעןביידע פרויען אויב עס ווערט מיט איהם טרעפען אַן אומגליק און ער וועט זיך ניט אומקערען צוריק קיין ירושלים. דערנאָך איז הורדוס ערשינען אין רהאָדוס פאַר'ן אימפּעראַטאָר אויגוסטוס ווי אַן אונטערטעניגער בעטלער, און האָט אַנידערגעלעגט פאַר איהם זיין קעניגליכע קרוין. דיזע אונטערטעניגקייט איז געפעלען געוואָרען אויגוסטוס'ן, ער האָט בעשטעטיגט הורדוס'ען אין זיין קעניגליכען אמט, און האָט איהם אפילו געשענקט עטליכע גרעניץ שטעדט וואָס פּאָמפּעאוס האָט אַמאָל אָבגעריסען פון יהודה.

ווען הורדוס האָט זיך מיט טריאומף אומגעקערט קיין יהודה האָט ער ניט בעגעגענט קיין פרעהליכען קבלת־פּנים, ניט פון פאָלק און ניט פון זיין אייגענער פאַמיליע. מרים, דערוויסענדיג זיך פון זיין נייעם מערדערישען בעפעהל, האָט זיך אינגאַנצען אָבגעקערט פון איהר מאַן. דאָ האָט די גיפטיגע שלומית זיך ווידער אריינגעמישט, און, וועלענדיג אומברענגען די קעניגין, האָט זי זיך ענטשלאָסען אויף א שרעקליכער מסירה: זי האָט געזאָגט הורדוס'ן אז מרים האָט געוואָלט אריינטהאָן סם אין זיין וויין. דער צורוייצטער הורדוס האָט געהייסען איבערגעבען מרים'ן צום בית־דין אויף דער בעשולדיגונג, אז זי איז ניט געווען געטריי צו איהר מאַן און האָט איהם געוואָלט טויטען. דאָס געריכט וואָס איז בעשטאַנען פון קעניג'ס פריינד, האָט פער'משפט די אונשולדיגע מרים צום טויט. די נאָבעלע קעניגין האָט אויפגענומען איהר טויט רוהיג, ניט ארויסווייזענדיג קיין שרעק און קיין וויבליכע שוואַכקייט (29).

§30. הורדוס'עס נייע איינפיהרונגען. נאָך מרים'ס טויט האָט הורדוס'ן אָנגעהויבען צו פּלאָגען זיין געוויסען. ער האָט ביטער חרטה געהאַט וואָס ער האָט געלאָזט אומברענגען זיין וואונדער־שעהנע פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געליעבט. דער קעניג איז אריינגעפאַלען אין א שווערער מרה־שחורה, וועלכע פלעגט צייטענווייז אריבערגעהן אין משוגעת. איינמאָל, אין אַזאַ אָנפאַל פון משוגעת, האָט ער בעפעהלען צו טויטען אַלע ריכטער, וועלכע

האבען פאר׳משפט מרימ׳ן צום טויט. פון די דאזיגע שרעקליכע גייסטיגע ליידען איז דער קעניג געפעהרליך קראנק געווארען; אבער ווען ער האט זיך אביסעל ערהאלט האט ער ווידער גענומען זוכען קרבנות צו שטילען זיין ווילדקייט. אזוי זיינען אומגע־בראכט געווארען הורדוס׳עס שוויגער אלכסנדרה, די וייטערע קרובים פון די חשמונאים, און איינינע מיטגליעדער פון בעוואוס־טע אידישע משפחות.

זיינע גייסטיגע ליידען און חרטה־געפיהלען האט הורדוס גע־זוכט צו פארטויבען דורך פיעל ארבייט. ער האט געלאזט בויען גרויסארטיגע געביידען אין דער הויפטשטאדט און אין דער פראָ־ווינץ, האט איינגעפיהרט רוימישע עפענטליכע שפיעלען און פאר־שטעלונגען, און האט בכלל געוואלט צוגעוועהנען די אידען צום רוימישען ארט לעבען. אין ירושלים האט ער אויסגעבויט א פרעכטיגען טהעאטער און הינטערן שטאדט — א צירק, וואו עס פלעגען פארקומען עפענטליכע שפיעלען. די הייליגע שטאדט איז געווארען פול מיט גלאדיאטארען און רייטער, אקטיארען און מוזיקאנטען; אויף די אפענע פלעצער פלעגען פארקומען פער־שיידענע ראנגלערייען, און איבערהויפט געשלעגען פון גלאדיא־טארען מיט ווילדע חיות. מיט די דאזיגע נייע איינפיהרונגען האט הורדוס שטארק אויסגענומען ביי די רוימער, אבער ער האט ארויס־גערופען צו זיך א האס ביי די פרומע אידען, וועלכע האבען מיט פעראכטונג געקוקט אויף די דאזיגע היידנישע גאנגען. צווישען דיזע קנאים האבען זיך געפונען צעהן מוטיגע לייט, וועלכע האבען געמאכט א פארשווערונג געגען הורדוס׳ען, און האבען בעשלאסען צו טויטען איהם אין טהעאטער; אבער די פארשווערונג איז דורך א מסירה ענטדעקט געווארען, און די פארשווערער האבען בע־צאהלט מיט זייערע לעבענס. פון דעמאלט אן האט זיך דער קעניג אנגעהויבען צו ווייזען אין די גאסען ניט אנדערש ווי בעגלייט פון א לייבוואך פון גאלען, טהראציער און גערמאנען.

נאכמאכענדיג דעם רוימישען אימפעראטאר אויגוסטוס, האט הורדוס מעהר פון אלץ געזארגט וועגען דעם אויסערליכען גלאנץ פון דער מלוכה.

ער האט אויסגעבויט עטליכע שעהנע שטעדט אויף די גרע־

ניצען פון יהודה אויפ'ן ברעג פון מיטלענדישען ים, ניט ווייט פון יפו האָט זיך בעוויזען די שטאָדט קסריה (צעזארעיא), וועלכע איז געווען בעזעצט מעהרסטענס מיט גריכען און רוימער. דאָס אַלטע שמרון האָט הורדוס אַ נאָמען געגעבען סעבאַסטע און האָט זי פער־שעהנערט מיט טעמפּלען און דענקמעלער. אַ ריעזיגע סומע געלד האָט ער אויסגעבראַכט אויף אויסבויען אַ נייעם קעניגליכען פּאַלאַץ אין ירושלים. וועלענדיג וויפיעל ניט איז צופריעדען שטעלען דאָס אידישע פאָלק האָט דער קעניג גענומען איבערבויען דעם בית־המקדש, וועלכער איז שוין געווען זעהר אַלט און צו ענג. דער קעניג האָט בעפעהלען אַז דער בית־המקדש זאָל איבערגעבויט ווערען לויט דעם פּלאַן וואָס עס וועלען אָנווייזען די כהנים און די פּרושים. די אַרבייט פון איבערבויען דעם בית־המקדש האָט געדויערט אי־בער צעהן יאָהר. דער בענייטער בית־המקדש האָט אַלעמען אי־בערראַשט מיט זיין פּראַכט. אַ סך חדרים זיינען געווען געבויט פון מירמעלשטיין, און די ווענט בעדעקט מיט גאָלד. אין שעהנ־קייט און אויסשטאַטונג איז דער נייער בית־המקדש ניט אָבגע־שטאַנען אפילו פון שלמה'ס בית־המקדש. פאַר דאָס זיינען די אידען גרייט געווען פיעלעס מוחל צו זיין הורדוס'ן; אָבער מיט די אַנדערע מעשים זיינע האָט דער קעניג אַלץ שטאַרקער אויפ־גערייצט דאָס פאָלק געגען זיך. ער האָט, צום ביישפּיעל, אַוועק־געשטעלט ביים אַריינגאַנג פון בית־המקדש דעם רוימישען הערב — אַ גאָלדענעם אַדלער, און האָט דערמיט בעליידיגט דאָס נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפיהל פון די אידען. גרויס אונצופריעדענהייט האָט אויך אַרויסגערופען דעם קעניג'ס אויפפיהרונג ביים בע־שטימען אַ כהן־גדול. הורדוס פלעג בעשטימען פאַר כהנים־גדולים זיינע פריינד, וועלכע זיינען דאָס רוב ניט ראוי געווען פאַר דיזען הייליגען אמט. ער פלעגט זיי אַזוי אָפט בייטען לויט זיין קאַפּריז, אַז דאָס פאָלק האָט אינגאַנצען פערלאָרען די אַכטונג צום הויכען אמט פון כהן־גדול.

§31. הורדוס'עס לעצטע יאָהרען. די לעצטע יאָהרען פון הורדוס'עס קעניגען האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט נייע רציחות. הורדוס האָט געהאַט אַ סך קינדער פון פערשיידענע ווייבער. פון מרימ'ן האָט ער געהאַט צוויי זיהן, אַלכסנדר און אַריסטובול, וועל־

בע זיינען געווען געראָטען אין זייער מוטער אין שעהנקייט און איי־
דעלקייט. די יונגע פּרינצען האָבען געקראָגען אַ גלענצענדע וועלט־
ליכע ערציהונג אין הויף פון דעם רוימישען אימפּעראַטאָר אויגוס־
טוס. ווען זיי האָבען זיך אומגעקערט קיין ירושלים האָט זיי דאָס
פאָלק בעגעגענט מיט פרייד, אַלס אמת'ע יורשים פון דער קרוין.
אָבער זיי האָבען געהאַט אַ געפעהרליכען געגנער. הורדוס'עס ערש־
טער זוהן פון זיין ערשטער אדומי'שער פרוי, אַנטיפּטר, האָט גע־
האַלטען זיך פאַר'ן געזעצליכען טראָהנפאָלגער און האָט שטאַרק
געהאַסט זיינע ברידער אריסתובול און אלכסנדר, וועלכע זיינע גע־
ווען די ליעבלינגען פון פאָלק. אַנטיפּטר האָט זיך צונויפגערעדט
מיט דעם קעניג'ס שוועסטער, די גרויזאַמע שלומית, און זיי האָ־
בען צוזאַמען אָנגעהויבען זוכען דעם טויט פון מרים'ס זיהן.
שלומית און אַנטיפּטר האָבען איינגערעדט דעם קעניג אַז די צוויי
פּרינצען טראַכטען איהם צו טויטען, כדי צו נעהמען נקמה פאַר'ן
טויט פון זייער מוטער. דער פערדעכטיגער הורדוס האָט געגלויבט
דיזען געמיינעם ליגען און האָט בעשטימט אַ געריכט צו משפּט'ן
זיינע צוויי זיהן. אין געריכט איז ער אליין ארויסגעטראָטען אַלס
בעשולדיגער פון זיינע צוויי קינדער. די ריכטער האָבען ארויסגע־
טראָגען אַ טויט־אורטייל אויף די אָנגעקלאַגטע. אלכסנדר'ן און
אריסתובול'ן האָט געטראָפען דער זעלבער שיקזאַל וואָס זייער מו־
טער: זיי זיינען געטויט געוואָרען אין סעבאַסטע (7 יאָהר פאַר
קריסטל. צייטר.)

צו זיין גרויס פרייד איז דער שרעקליכער אַנטיפּטר בעשטימט
געוואָרען אַלס דער יורש פון טראָהן; אָבער ניט לאַנג האָט גע־
דויערט זיין פרייד. אין ירושלים איז ענטדעקט געוואָרען אַ פער־
שווערונג אין הויף צו פאַר'סמ'ען הורדוס'ן. די פערשווערונג איז
געמאַכט געוואָרען כדי אַנטיפּטר זאָל שנעלער ווערען הערשער;
עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז אַנטיפּטר אליין האָט געהאַט אַ
האַנד אין דער דאָזיגער פּאַרשווערונג געגען זיין פאָטער. אַנטיפּטר
איז פאַר'משפּט געוואָרען צום טויט; אָבער הורדוס האָט זיך ניט
געהיילט אויסצופיהרען דעם טויט־אורטייל, און האָט נאָר געהאַל־
טען דעם פערברעכערישען זוהן אין געפענגניס.

די אַלע צרות האָבען איינגאַנצען אונטערגעגראָבען הורדוס'עס

געזונד. א שווערע קראַנקהייט האָט צוגעשמידט דעם קעניג צום בעט. איינמאָל האָט זיך אין ירושלים פערשפּרייט א פאַלשער קלאַנג, אז דער קעניג איז געשטאָרבען. האָבען צוויי מוטיגע פּרושים, יהודה און מתתיהו, זיך א לאָז געטהאָן מיט א מחנה פון זייערע תלמידים צום בית־המקדש און האָבען פערניכטעט דעם גאָלדענעם רוימישען אָדלער, וואָס הורדוס האָט דאָרט אַוועקגע־שטעלט, און וואָס דאָס פאָלק האָט שטאַרק געהאַסט. ניט קוקענ־דיג אויף זיין שווערער קראַנקהייט, האָט הורדוס בעפעהלען צו כאַפּען די מורדים און זיי ברענגען צו איהם, און מען האָט זיי פערברענט לעבעדיגערהייט.

פינף טעג פאַר זיין טויט האָט הורדוס בעפעהלען צו היג־ריכטען זיין זוהן אַנטיפּטר, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט, אז יענער האָט געפּרובט אונטערקויפען די וואַך און אַנטלויפען פון געפענג־ניס. מען דערצעהלט אז ווען אויגוסטוס האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם טויט פון הורדוס'עם דריטען זוהן, האָט ער אויסגערופען: „עס איז שוין בעסער צו זיין דעם אידישען קעניג'ס א חזיר איידער א זוהן!" (אַן אַנצוהערעניש דערויף וואָס אידען עסען ניט קיין חזיר־פלייש).

די מסורה דערצעהלט, אז פאַר'ן טויט האָט הורדוס פערזאָגט מען זאָל פערנאַרען די חשוב'סטע אידישע בירגער אין דעם צירק פון יריחו און זיי אַלעמען דאָרט הרג'ענען אין דעם טאָג פון זיין טויט, כדי דאָס פאָלק זאָל זיי בעוויינען און דערווייל וועט עס זיך ניט קענען פרעהען וואָס ער איז פּטור געוואָרען פון דעם טי־ראַן.

הורדוס איז געשטאָרבען נאָך א שטירמישען קעניגען פון 33 יאָהר (4 יאָהר פאַר דער ק. צ.) דאָס אידישע פאָלק האָט איהם מיט פעראַכטונג גערופען „אדומי" און „האַלבער איד", אָבער די רוימער האָבען איהם אָנגערופען „הורדוס דער גרויסער".

§32. אַרכילוס; אינווענינסטע מהומות. פאַר'ן טויט האָט הורדוס צוטיילט דאָס אידישע לאַנד צווישען זיינע דריי זיהן: אַרכילוס, הורדוס־אנטיפּאַס און פיליפּוס. איידער זיי האָבען אױ־בערגענומען די הערשאַפט, האָבען די יורשים געדאַרפט קריגען די צושטימונג פון דעם רוימישען אימפּעראַטאָר. נאָך זיבען טעג

טרויער איז דער הויפּט־יורש ארכילוס געקומען אין בית־המקדש און האָט זיך געווענדט צום פערזאַמעלטען פאָלק מיט א בעגרי־סונגס־רעדע. אלס ענטפער אויף זיין בעגריסונג האָבען זיך אין דער פערזאַמלונג דערהערט הויכע פאָדערונגען פאַר רעפאָרמען. דאָס פאָלק האָט געפאָדערט אז דער נייער קעניג זאָל אָבשאַפען די טאַקסען אויף די סאַמע נויטיגסטע בעדערפנישען און בעפרייען אלע פאָליטישע געפאַנגענע וואָס האָבען זיך געמאַטערט אין די תפיסות נאָך פון פאַר הורדוס'ן. ארכילוס האָט צוגעזאָגט צו ערפילען די דאָזיגע פאָדערונגען נאָכדעם ווי דער אימפּעראַטאָר וועט איהם בעשטעטיגען אין זיין קעניגליכען אמט. אָבער דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט וואַרטען און עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען מהומות. מיט'ן אָנקומען פון פסח, ווען טויזענטער אידען זיינען זיך צוזאַמענגעפאָהרען אין ירושלים, זיינען די מהומות נאָך גרעסער געוואָרען. ארכילוס האָט בעשלאָסען צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד ביים סאַמע אָנפאַנג. אויף זיין בעפעהל האָבען זיך די סאָלדאַטען אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן פערזאַמעלטען עולם נעבען בית־המקדש און האָבען געה'רג'עט דריי טויזענד מענשען. די אַנגעפאָהרענע אידען זיינען זיך צולאָפען פון ירושלים נאָך ערב פסח. נאָכדעם איז אר־כילוס, וועלכער איז שטאַרק פערהאַסט געוואָרען ביים פאָלק, אוועק־געפאָהרען קיין רוים צו פועל'ן ביים אימפּעראַטאָר אַ בעשטעטי־גונג אויף זיין קעניגליכען טיטעל. זיינע צוויי ברידער זיינען אויך באלד אוועק אהין, צו ארביימען יעדער פאַר זיך.

צו היטען די אָרדנונג אין ירושלים אין דער צייט פון אר־כילוס'עס אָבפאָהרען, האָט דער רוימישער קריעגספיהרער סאַ־בינוס גענומען אויף זיך. אָבער סאַבינוס'עס גראָבקייט און רשעות האָבען נאָך מעהר צורייצט די איינוואוינער. אין דער הויפּטשטאָדט און איבער'ן גאַנצען לאַנד זיינען אויסגעבראָכען גרויסע מרידות מיט'ן צוועק אראָבצוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון די רוימער און פון די פערהאַסטע „הורדוסיטען“. דער דער־שראָקענער סאַבינוס האָט זיך געמוזט פערשפּאַרען אין קעניג־ליכען פּאַלאַץ צוזאַמען מיט זיינע קריעגסלייט. דעמאָלט איז דער רוימישער פערטרעטער וואַרוס מיט אַ גרויסען חיל געקומען איהם בעפרייען. וואַרוס האָט גרויזאַם בעשטראָפט די אידישע מורדים: צוויי טויזענד פון זיי האָט ער געקרייציגט.

דער אימפּעראַטאָר אויגוסטוס האָט בעשטעטיגט הורדוס'עס יורשים אין זייערע רעכט. אַרכילוס איז בעשטימט געוואָרען אַלס רעגירער פון דרום־יהודה מיט ירושלים אַלס זיין הויפּט־שטאָדט. דערביי האָט ער געקראָגען נאָר דעם טיטעל „עטנאַרך" (דער עלט־סטער פון פאָלק), אָבער ניט קעניג. הורדוס־אַנטיפּאַס איז אַנער־קענט געוואָרען פאַר'ן רעגירער איבער דער צפון־פּראָווינץ גליל, און פיליפּוס האָט געקראָגען אויף זיין חלק די צפון־מזרח פּראָווינצען אויף דער אַנדער זייט ירדן. אָבער אַרכילוס'עס הערשאַפט האָט ניט לאַנג געדויערט. פערלאָזענדיג זיך אויפ'ן שוץ פון רוים האָט ער גרויזאַם געדריקט דאָס פאָלק. אַזוי ווי זיין פאָטער, אַזוי פלעגט ער אויך בעשטימען און איבערבייטען די כהנים גדולים נאָך זיין אייגענעם ווילען, און אָפטמאָל פלעגט ער עפענטליך עובר זיין אויף די דינים פון דער אידישער רעליגיאָן. האָבען די אידען אוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים, וועלכע האָבען זיך בעקלאָגט פאַר'ן אמפּעראַטאָר אויף אַרכילוס'עס אונגעזעצליכע מעשים. דער־מאָלט האָט דער אימפּעראַטאָר אַרויסגערופען אַרכילוס'ן קיין רוים, האָט איהם אַרונטערגעזעצט פון טראָהן און האָט איהם פערשיקט אין דער ווייטער גאַליען. דרום־יהודה מיט ירושלים איז געשטעלט געוואָרען אונטער דער דירעקטער הערשאַפט פון רוים. עס האָבען זי אָנגעהויבען פערוואַלטען „פּראָקוראַטאָרען" אָדער „שטאַטהאַל־טער", וועלכע פלעגען בעשטימט ווערען פון רוימישען אימפּעראַ־טאָר (6 נאָך קריסט. צייטר.)

§33. **דאָס גייסטיגע לעבען; הלל און שמאי.** די הער־שאַפט פון הורדוס און זיינע יורשים האָט אַזוי שווער געדריקט אויפ'ן אידישען פאָלק מעהר פון אַלץ דערפאַר, וואָס די דאָזיגע הערשער האָבען געוואָלט פערפלאַנצען אין יהודה גריכיש־רוימישע זיטען און מנהגים וועלכע זיינען געווען געגען דעם גייסט פון יו־דענטום. די בעסערע מענשען אין יהודה האָבען געזעהן, אז פון די ליעבהאָבער פון די רוימישע מנהגים שרעקט פונקט אַזאַ גע־פאַהר דעם יודענטום ווי אַמאָל פון די העלעניסטען, די ליעבהאָ־בער פון דער גריכישער קולטור. די דאָזיגע בעסערע מענשען, וועלכע האָבען געהערט צו דער פּאַרטיי פון די פּרושים, האָבען געשטרעבט אַרומצוצאַמען דאָס אינוועניגסטע לעבען פון פאָלק אַנט־

קעגען די שלעכטע איינפלוסען פון דרויסען. זיי האָבען געפיהרט די אַרבייט פון דעם וויכטיגסטען געזעץ־אַנשטאַלט — דעם סנהדרין. ווען הורדוס דער ערשטער איז אַרויף אויפ'ן טראָהן זיינען בראש פון דעם סנהדרין געשטאַנען די גרויסע געלערנטע שמעיה און אבטליון. די דאָזיגע גייסטיגע פיהרער האָבען געאַרבייט צו לערנען דאָס פאָלק לייענען, כדי צו פערשפרייטען בילדונג צווישען פאָלק. אונטער זייער אויפזיכט האָבען פעהיגע מענשען געלערנט די תורה שבכתב און תורה שבעל פה. ווען שמעיה און אבטליון זיינען געשטאָרבען, זיינען אַלס פיהרער פון דעם סנהדרין געוואָרען די תנאים פון דער פאַמיליע בני־בתירה; אָבער זיי האָבען ניט פערנומען לאַנג זייערע חשוב'ע פלעצער. איינמאָל, ערב פסח, איז אין דעם סנהדרין פערהאַנדעלט געוואָרען עפּיס אַ שווערע שאלה, וואָס קיינער פון די געלערנטע האָט ניט געקענט פערענטפערן. האָט מען צו דער פערזאַמלונג איינגעלאַדען אַ יונגען געלערנטען פון בבל, וועלכער האָט מיט גרויס שאַרפזין פערענטפערט די געשטעלטע פראַגע, שטיצענדיג זיך אויף דעם וואָס ער האָט געהערט פון שמעיה און אבטליון. די בני־בתירה האָבען געמוזט אָבטרעטען זייער אָנגעזעהענעם אָרט צו דעם יונגען געלערנטען, וועלכער איז אין גיכען בעריהמט געוואָרען צווישען פאָלק אונטער'ן נאָמען הלל.

הלל איז געבאָרען געוואָרען אין בבל, אין אַ מיוחס'דיגער משפחה, וואָס האָט לויט דער טראַדיציע אָבגעשטאַמט פון דוד המלך. אין זיין פריהער יוגענד איז ער אָנגעקומען קיין ירושלים צו לערנען אין דעם בית־מדרש פון שמעיה און אבטליון. זייענדיג אַ פרעמדער אין דער הויפּטשטאָדט, האָט ער דאָרט געליטען גרויס נויט, נאָר זיין חשק צום לערנען האָט בייגעקומען אַלע שוועריגקייטען. אַ לעגענדע דערצעהלט אַז איינמאָל, אין אַ ווינטער־אָוועגד, האָט מען הלל'ן ניט אַריינגעלאָזען צו דער דרשה פון שמעיה און אבטליון, ווייל ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען דעם שמש פאַר אַריינגעהן אין בית־מדר"ש. ניט טראַכטענדיג לאַנג איז הלל אַרויפגעקלעטערט אין דרויסען אויפ'ן וואַנד פון בית־מדרש, האָט זיך צוגעלעגט צום פענסטער, און אין אַזאַ לאַגע האָט ער אויסגעהערט דעם שיעור פון זיינע לעהרער. פערטיעפענדיג זיך

אין די רייד פון די לעהרער האָט ער ניט געפיהלט ווי די קעלט האָט דורכגענומען זיין לייב און ווי דער שניי האָט איהם איינ־גאַנצען פערשאָטען. ערשט פאַרטאָג האָט מען דעם אָרימען הלל געפונען ביים פענסטער שיער דערפראָרען צום טויט, און מען האָט איהם קוים אָבגעמינטערט. הלל האָט זיך ערוואָרבען אַן אונגעהייערען וויסען אין דער תורה שבכתב און שבעל־פה, און ער איז אין גיכען אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ מיטגליעד פון דעם סנהדרין, און שפּעטער איז ער אויך געוואָרען דער פּאָרזיצענדער, אָדער נשיא. ער איז געוואָרען דער גרעסטער תנא פון זיין צייט. פּונקט אַזוי ווי עזרא פון בבל האָט אַמאָל פערשפּרייט אין פאָלק דעם תנ"ך, אַזוי האָט הלל, פון זעלבען לאַנד, פערשפּרייט די תורה שבעל־פה, וועלכע האָט זיך אין שפּעטערע צייטען אויסגעברייט און איז פערשריבען געוואָרען אונטער'ן נאָמען „משנה".

הלל'ס פערדיענסט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט די מינדליכע טראַדיציעס, וועלכע האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין יודענטום (תורה שבעל־פה), צונויפגעבונדען מיט די פערשריבענע געזעצען פון תנ"ך (תורה שבכתב). ער האָט אויך איינגעפיהרט נייע געזעצען, וועלכע ער האָט אַרויסגעדרונגען פון די געדאַנקען און פון די אויסדריקען פון תנ"ך. נאָר איבערהויפּט האָט זיך הלל בעריהמט געמאַכט מיט זיין מאָראַלישער לעהרע, וועלכע ער האָט בעגרינדעט אויף די העכסטע אמת'ן פון ביבלישען יודענטום. הלל האָט בעטראַכט רעליגיאָן אַלס מיטעל פאַר דער מאָראַלישער פאָל־קאָמענקייט פון דעם מענשען. די פליכטען צווישען מענש און מענש (בין אדם לחברו) האָט ער געשטעלט זאָגאַר העכער פון די פליכטען פון דעם מענשען צו גאָט (בין אדם למקום). איינער אַ געצענדיענער האָט געוואָלט אָננעהמען דאָס יודענטום, נאָר ער האָט זיך געשראָקען פאַר די סך אידישע דינים און צערעמאָניעס. האָט ער זיך געווענדעט צו הלל'ן מיט דער בקשה עס זאָל איהם ערקלערען אויף איין פוס (על רגל אחת) דעם תמצית פון דעם אידישען גלויבען. האָט הלל איהם געזאָגט: „כל דסני עלך לחברך לא תעביד, — וואָס דיר איז ניט ליעב, טהו ניט דעם צווייטען, — דאָס איז דער עיקר פון דער תורה, און דאָס איבעריגע איז נאָר אַ פּירוש דערצו. געה, לערען!". וועגען הלל'ס מענשענליעבע

דערצעהלט מען פאָלגענדעס: איינער האָט זיך אמאָל פערוועט, אז איהם וועט געלינגען ארויסצופיהרען הלל'ן פון געדולד און אריינ־ברענגען איהם אין כעס. קומט יענער צו הלל'ן, פונקט ווען הלל האָט זיך געהאַלטען אין באָדען, און רופט איהם ארויס וועגען א זעהר נויטיגער זאַך. הלל האָט איבערגעריסען דאָס באָדען זיך און איז ארויס צום גאסט. האָט דיזער איהם געשטעלט עפּיס א נאַרישע פראַגע, אויף וועלכער דער בעשיידענער לעהרער האָט פון דעסטוועגען געענטפערט זעהר פריינדליך. אין עטליכע מינוט ארום קומט ווידער דערזעלבער גאסט מיט א צווייטער נארישער פראַגע, נאָכער מיט א דריטער, נאָר יעדען מאָל גיט איהם הלל א העכסט ליעבליכען ענטפער. ענדליך האָט דער גאסט פערלאָ־רען די געדולד און האָט אויסגעשריען מיט הארץ: „אזעלכע ווי דו, הלל, זאָלען זיין וואָס וועניגער ביי אידען!“ — „פארוואָס, מיין קינד?“ האָט הלל מילד געפרעגט. „ווייל איך האָב דורך דיר מיין וועט פערלאָרען“ — האָט יענער געענטפערט. „בעסער, אז דו זאָלסט פערלירען דיין וועט — האָט הלל געזאָגט — איידער איך זאָל פערלירען מיין געדולד“.

הלל'ס בעליעבטע שפּריכווערטער זיינען געווען: האָב ליעב שלום און ברענג עס אריין אומעטום; האָב ליעב מענשען און דערנעהנטער זיי צו גאָט'ס תורה. אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו“ — משפּט ניט דיין חבר ביז דו קומסט ניט צו זיין שטאַנד. „אם אין אני לי מי לי, ואם אני לעצמי מה אני?“ — אויב איך בין ניט פאר מיר איז ווער פאר מיר? און אויב איך נאָר פאר מיר אליין, איז וואָס בין איך? „ווער עס וויל בעריהמט מאַכען זיין נאָמען, דער פערלירט זיין נאָמען; ווער עס לערנט ניט קיין נייעס, דער פערלירט דאָס אַלטע“.

אין איין צייט מיט הלל'ן איז נשיא פון סנהדרין געווען א צווייטער גרויסער תנא, שמאי. ער האָט זיך אונטערשיידט פון הלל'ן סיי אין דעם גייסט פון זיין לעהרע, סיי אין זיין כאראַקטער. שמאי האָט ניט דערלאָזען קיינע פערלייכטערונגען אין די דינים, און האָט פארבאָטען א סך אזעלכעס, וואָס הלל האָט מתיר געמאַכט. אין רעליגיאָן האָט ער געשטעלט העכער פון אלץ דאָס שטרענגע אבהיטען פון די דינים און צערעמאָניעס. דערצו איז ער געווע[ן]

זעהר שטרענג און גאוה'דיג אין זיין אומגאנג מיט מענשען. ווען א געצענדיענער, וואָס האָט געוואָלט זיך מגייר זיין, האָט געבעטען שמאי'ן ער זאָל איהם זאָגען אין עטליכע ווערטער וואָס איז דער עיקר פון דער אידישער תורה, האָט דער שטרענגער לעהרער איהם אוועקגעטריבען. הלל אָבער האָט אויפגענומען דעם זוכער פון אמת מיט פריינדשאַפט, און האָט איהם צוגעצויגען צום יודענטום מיט דעם אויבען־דערמאָנטען אויסדרוק, וועלכער פיהרט־צו די גאַנצע רעליגיאָן צום עיקר פון ליעבע צום מיטמענשען. אַן אַנדער גע־צענדיענער — דערצעהלט די לעגענדע — איז געקומען צו שמאי און האָט ערקלערט, אַז ער וויל אָננעהמען דאָס יודענטום, אָבער מיט דעם תנאי ער זאָל אָבהיטען נאָר די תורה שבכתב און ניט די תורה שבעל־פה. שמאי האָט בייז צוריקגעוויזען זיין פאָר־שלאג. אָבער הלל האָט מסכים געווען אריינצונעהמען דעם גע־צענדיענער אין דער אידישער עדה און האָט איהם גענומען לערנען. דעם ערשטען טאָג האָט ער איהם געוויזען דעם אידישען אלף־בית אין גלייכער אָרדנונג, און דעם צווייטען טאָג — דיזעלבע אותיות פאַרקערט. ווען דער תלמיד האָט געפרעגט וואָרום לערנט מען איהם היינט פארקערט ווי נעכטען, האָט הלל געענטפערט: „ניין, עס איז דיזעלבע זאך נאָר אויף אַן אנדער אופן. דאָס זעלבע איז די שייכות צווישען דער תורה שבכתב און תורה שבעל־פה". ווען דיזע צוויי גרים האָבען זיך אין א צייט ארום בעגעגענט האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערען: „שמאי'ס שטרענגקייט האָט אונז שיער ניט פאַרשטויסען פון דער הייליגקייט, אָבער הלל'ס עניוות האָט אונז אַהין אריינגעפיהרט".

נאָכ'ן טויט פון הלל און שמאי (5 יאָהר נאָך דער קריסטל. צייטר.) האָבען זיך זייערע תלמידים צוטיילט אויף צוויי רעליגיעזע פּאַרטייען אָדער שולען. די דאָזיגע שולען פלעגען זיך פאַנאַנדער־געהן אין א סך פראַגען פון געזעץ און אמונה און אין אויסטייטשען די דינים פון דער תורה. „בית הלל" און „בית שמאי" פלעגען האָ־בען אָפטע מחלוקות צווישען זיך. צווישען די עלטסטע תנאים אין סנהדרין איז דעריבער מעהר ניט געווען קיין שלום. די דאָ־זיגע מחלוקות האָבען אָבגעשוואַכט די אחדות פון די פּרושים, אָבער דערפאַר האָבען זיי געגעבען א שטויס פאָרווערטס די גייסטיגע

טהעטיגקייט, וועלכע איז אלץ שטארקער געווארען צווישען די איי־
דען, און האט ענדליך געפיהרט צו דער בעשאפונג פון דעם תלמוד.

פינפטער קאפיטעל.

די הערשאפט פון די רוימער אין יהודה.

(6—66 פון קריסטל. צייטר.)

§34. **די ערשטע רוימישע פערוואלטער.** נאכדעם ווי ארכילוס איז ארונטערגעזעצט און פארשיקט געווארען, זיינען זיינע ברידער הורדוס־אנטיפאס און פיליפוס געבליבען הערשען יעדער אין זיין ממשלה — אין גליל און אין עבר־הירדן. הורדוס־אנטי־פאס האט געמאכט פאר זיין הויפטשטאדט די שטאדט צפורי. נע־בען דעם ים כנרת האט ער אויסגעבויט א נייע שטאדט, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען טבריה, לכבוד טיבעריוס'ן, דעם יורש פון דעם קיסר אויגוסטוס. טבריה איז שפעטער בעריהמט געווארען מיט איהרע היילענדע וואסער־קוואלען. דער הערשער פון דעם עבר־הירדן, פיליפוס, האט זיך אויסגעבויט א פרעכטיגע הויפט־שטאדטביים אורקוואל פון ירדן, און האט זי א נאמען געגעבען קיסריה־פיליפוס (צו אונטערשיידען פון קיסריה ביים ים).ביידע ברידער האבען געהערשט אין זייערע ממשלות ארום דרייסיג יאהר (ביז 34—39 פון קריסטל. צייטר.), אלס וואסאלען (אונטערטעניגע) צום רוימישען אימפעראטאר.

אבער די אינערליכע יהודה, וואס איהר צענטער איז געווען ירושלים, איז פערוואלטעט געווארען פון רוימישע בע־אמטע, וועלכע האבען געטראגען דעם נאמען „שטאטהאלטער" אדער „פראקוראטארען". אזוי ווי יהודה האט זיך גערעכענט פאר א טייל פון דער סירישער פראווינץ, זיינען די שטאטהאלטער פון יהודה געשטאנען אונטער דער אויבערהערשאפט פון די רוימישע פערוואלטער פון סיריען. די שטאטהאלטער פון יהודה האבען גע־וואוינט אין דער שטאדט קיסריה ביים ים, וואס הורדוס דער ערש־טער האט אויסגעבויט. זיי האבען געהאט א ברייטע מאכט :

זיי האָבען אויפגעמאָנט די שטייערען ביי די אידען, האָבען בע־שטימט און אַרונטערגעזעצט די כהנים־גדולים און האָבען רעווי־דירט די פסק־דינים פון דעם סנהדרין. דער ערשטער שטאַטהאַל־טער, נאָך אַרכילוס'עס אַרונטערזעצונג, (6טען יאָהר), איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם פערד־חיל, קאָפּאָניוס, אַ רוימער. אין זיין צייט איז אין יהודה דורכגעפיהרט געוואָרען אַ פאָלקס־צעה־לונג, כדי צו בעשטימען די שטייערען וואָס די איינוואוינער האָ־בען געדאַרפט צאָהלען דעם אימפּעראַטאָר. דער דאָזיגער צענזוס און די שטרענגע אויפמאָנונג פון די שטייערען וואָס איז געקומען נאָכ־דעם, האָבען געגעבען דעם פאָלק צו פיהלען די גאַנצע שווערקייט פון דער רוימישער הערשאַפט. די שטאַטהאַלטער, וועלכע האָבען זיך אָפט געביטען, האָבען געדריקט די בעפעלקערונג מיט די שווערע באַבאַרען, וואָס זיי פלעגען פון איהר אַרויספּרעסען. דער קיסר טי־בעריוס (37—14) האָט בעשטימט פאַר שטאַטהאַלטער אין יהודה וואַלעריוס גראַטוס און האָט איהם בעפעהלען ניט צו דריקען די איינוואוינער. „אַ גוטער פּאַסטוך — פלעגט זאָגען דער אימפּעראַ־טאָר — שעהרט זיינע שאָף, אָבער ער שינדט ניט אַראָב פון זיי די הויט".

נאָך גראַטוס'ן איז פאַר פּראָקוראַטאָר אין יהודה בעשטימט געוואָרען פּאָנטיוס פּילאַטוס, אַ בייזער און גרויזאַמער מענש. ער האָט בעפעהלען אַריינצוטראָגען אין ירושלים רוימישע פאָהנען מיט'ן בילד פון דעם קיסר, צו וועלכען די געצענדיענער האָבען אָבגעגעבען כבוד אַזוי ווי צו אַ גאָט. אָבער די אידען זייענדיג געטריי צום געבאָט פון באַרג סיני זיך ניט צו בוקען צו קיין בילדער, זיינען דערפון שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען, און פּילאַטוס האָט געמוזט צונעהמען די פאָהנען פון דער הייליגער שטאָדט. איינמאָל האָט פּילאַטוס גענומען געלד פון דער קאַסע פון בית־המקדש צו מאַכען אַ וואַסערלייטונג. ווען די ירושלים'ער איינוואוינער האָבען זיך אַרומ־געקליבען אַרום בית־המקדש און האָבען גענומען הויך פּראָטעסטירען, האָט ער אוועקגעשיקט אַהין זיינע סאָלדאַטען אין איבערגעטהאָנענע קליידער, און זיי האָבען געשלאָגען די אידען מיט גראָבע שטעקענס, וואָס זיי האָבען געטראָגען בעהאַלטען אונטער די מלבושים, און זיי האָבען פיעלע געטויט אויפ'ן אָרט.

דער נאָמען פון פּאָנטיוס פּילאַטוס איז פערבונדען מיט נאָך א גרויזאַמער טהאַט. אין יענער צייט איז אין יהודה ערשינען יעזוס קריסטוס און האָט אָנגעהויבען פּרעדיגען זיין לעהרע. דערהערענדיג אז מען רופט יעזוס'ן „דער אידישער מלך", האָט דער רוימישער שטאַטהאַלטער צוזאַמען מיט דעם אונטערטעניגען כהן־גדול פון ירושלים, קאַיאַפו, און מיט'ן סנהדרין, איהם פער־משפּט צום טויט (33טען יאָהר). אָבער אין עטליכע יאָהר ארום איז פּילאַטוס פאר זיינע אונגעזעצליכע מעשים ארונטערגעזעצט געוואָרען פון אַמט און איז פערשיקט געוואָרען קיין גליל.

§35. אימפּעראַטאָר קאַליגולאַ. אין רוים, ביים הויף פון אימפּעראַטאָר טיבעריוס, האָט געלעבט דער זוהן פון דעם הינגעריכ־טעטען אריסתובול, אגריפּאַס, דער אייניקעל פון הורדוס דעם ערש־טען און דער קעניגין מרים. לעבענדיג צווישען דער הויכער געזעל־שאפט פון רוים, האָט זיך דער יונגער אגריפּאַס צוגעוועהנט צו א פרעהליכען און פערשווענדערישען לעבען. ער האָט גע'פטר'ט זיין גאַנצעס געלט און האָט נאָך געמאַכט א סך חובות. מורא האָבענדיג, אז ער וועט פערפאָלגט ווערען פון זיינע קרעדיטאָרען, איז ער אנטלאָ־פען פון רוים און האָט לאַנג אומגעוואַנדערט אין פערשיידענע לענ־דער. ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוים ערשט צום סוף פון טיבע־ריוס'עס קעניגען. אין דיעזער צייט האָט זיך אַגריפּאַ בעפריינדעט מיט קאַיוס קאַליגולאַ, וועלכער איז געוועזן דער יורש פון טראָהן. איינמאָל האָט זיך אַגריפּאַס אויסגעדריקט, אז ער וואָלט שוין גע־וואָלט וואָס שנעלער זעהן קאַליגולאַ'ן אלס אימפּעראַטאָר. ווען טיבעריוס האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אין כעס געוואָרען און האָט געהייסען שמיעדען אַגריפּאַס'ן אין קייטען און אריינוואר־פען אין תפיסה. נאָר אין א האַלב יאָהר ארום איז טיבעריוס גע־שטאָרבען (37). זיין נאָכפאָלגער קאַליגולאַ האָט בעפרייט זיין פריינד פון געפענגניס און האָט איהם געשענקט א גילדענע קייט אלס אָנדענק פון דער אייזערנער קייט, וואָס אגריפּאַס האָט גע־טראָגען אין תפיסה. דער נייער קיסר האָט בעשטימט אגריפּאַס'ן פאר'ן פערוואַלטער איבער'ן עבר־הירדן, וועלכער איז געוועזן אונטער דער הערשאַפט פון פיליפּוס'ן. אין דערזעלבער צייט האָט קאַליגולאַ צוגענומען דעם גליל ביי הורדוס־אנטיפּאַס און עס אויך אָבגעגעבען

אַגריפּאַס׳ן. אויף אַזאַ אופן איז אַגריפּאַס געוואָרען דער הערשער איבער דעם גרעסטען טייל יהודה און האָט אפילו געקראָנען דעם טיטעל קעניג. ער איז אָוועקגעפאָהרען פון רוים דורך אַלעקסאַנד־ריען, די הויפּטשטאָדט פון מצרים, צו איבערנעהמען די הערשאַפט. נאָר אויפ׳ן וועג איז איהם אויסגעקומען בייצואוואָהנען טרויעריגע געשעהענישען.

פון יענער צייט ווען מצרים איז אַריבער פון דער הערשאַפט פון די תלמים צו דער הערשאַפט פון רוים (אין דער צייט פון אימ־פּעראַטאָר אויגוסטוס), זיינען צווישען דער אידישער און דער גרי־כישער בעפעלקערונג פאָרגעקומען שטענדיגע קריעגערייען. אין מצרים האָבען געלעבט אַרום אַ מיליאָן אידען, וועלכע האָבען דורך זייער פלייסיגקייט און ניכטערקייט דערגרייכט צו אַ הויכען מצב. זיי האָבען אָהן אויפהער אויסגעברייט זייער האַנדעל און זיינען אַלע רייכער און רייכער געוואָרען. אין דער צייט ווען אַ טייל פון דער גריכישער בעפעלקערונג איז דורך איהר פוילקייט און צולאָזענעם לעבען אַלץ אָרימער געוואָרען. די אידען האָבען אויך מיט ערפאָלג קאָנקורירט מיט די גריכען אין די וויסענשאַפטען און קונסטען.

די אידישע געלעהרטע פלעגען שרייבען זייערע ווערק אין גריכיש. דער גרעסטער פילאָזאָף פון יענער צייט איז געווען פילון פון אַלעקסאַנדריען. פילון איז געווען אַ נאָכפאָלגער פון דעם אַטהענישען פילאָזאָף פלאַטאָן און האָט געזוכט צו פעראיי־ניגען זיינע מעטאַפיזישע אידעען מיט די רעליגיעזע אַנשויאונגען פון משה און די אידישע נביאים. אין זיינע ווערק „משה׳ס לעבען“, „בריאת העולם“ און אַנדערע האָט ער אויסגעפיהרט טיעפע מאָראַלישע אמת׳ן פון די ביבלישע ערצעהלונגען און דינים. דעריבער פלעגט פילון אָפט טייטשען די אויסדריקען פון תנ״ך אַלעגאָריש און פלעגט אויפדעקען אין זיי, אויסער זייער גלייכען גערדאַנק, אויך בעהאַלטענע פילאָזאָפישע אידעען. דעם תמצית פון זיין לעהרע האָט פילון אויסגעדריקט אַזוי: ווער עס האָט בעפעסטיגט אין זיין נשמה די פאָלגענדע וואַרהייטען: אַז גאָט איז פאַרהאַן, אַז ער איז איינציג, אַז ער האָט בעשאַפען די וועלט, אַז די וועלט איז אויך איינציג און אַז גאָט זאָרגט

אימער וועגען זיין בעשאפונג — יענער וועט פיהרען א גליקליך לעבען.

דער ערפאלג פון די אידען אין אלע צווייגען פון ארבייט האט אויפגעוועקט ביי די גריכען קנאה און פערדרוס, וועלכע פלעגען זיך ארויסווייזען ביי יעדער בעסטער געלעגענהייט. ווען אגריפאס איז אויפ'ן וועג קיין יהודה דורכגעפאהרען אלעקסאנדריען און די דארטיגע אידען האבען איהם אויפגענומען מיט קעניגליכען פאראד, האט א גריכישער המון, פון קנאה, איהם בעגלייט איבער די גאסען מיט זידלעריי און שפאט (38טען יאהר). ניט בענוגענדיג זיך דערמיט, האט דער גריכישער המון זיך אריינגעריסען אין די שוהלען און אוועקגעשטעלט דארט סטאטוען פון דעם רוימישען אימפעראטאר, וויסענדיג, אז דער אידישער דין פארבאט אריינצושטעלען בילדער אין די טעמפלען. דער רוימישער שטאטהאלטער אין עגיפטען, פלאקוס, אנשטאט צו בעשיצען די אידען, איז צוגעשטאנען צו זייערע פיינד. ווען די אידען האבען זיך געפרובט שטעלען אנטקעגען דער ווילדער מאסע, האט פלאקוס געהייסען צונעהמען ביי זיי די וואפען און האט דערמיט ערמוטיגט די גריכען צו גוואלדטהאטען. די סאלדאטען האבען אויף זיין בעפעהל געכאפט אכט־און־דרייסיג חשוב'ע לייט פון דער אידישער קהלה, האבען זיי אוועקגעשלעפט אין טהעאטער און דארט אויף א גרויזאמען אופן דערשלאגען מיט שטעקענס. דעמאלט האבען די אידען פון אלעקסאנדריען אוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים צו בעטען שוץ ביים קיסר. בראש פון די דאזיגע שלוחים איז געשטאנען דער אידישער פילאזאף פילון. די גריכען פון זייער זייט האבען געשיקט שלוחים קיין רוים מיט קלאגען אויף די אידען; דער וויכטיגסטער פון דיזע שלוחים איז געוועזען דער פארביסענער שונא פון יודענטום, דער שרייבער אפיאן. דער קיסר האט אויפגענומען די אידישע שלוחים ניט פריינדליך, ווייל ער איז דעמאלט אין כעס געוועזען אויף די אידען. די אורזאכע פון דיזען כעס איז בעשטאנען אין פאלגענדעם:

דער אימפעראטאר קאליגולא האט פון די ערשטע יאהרען פון זיין קעניגען אנגעהויבען ארויסווייזען סמנים פון משוגעת. ער האט זיך אליין געהאלטען פאר א גאט און האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע פעלקער פון דער רוימישער אימפעריע זאלען

אַריינשטעלען אין זייערע טעמפּלען זיינע סטאַטועו און זיך בוקען
צו זיי. אויף די אידען האָט דער דאָזיגער בעפעהל אַרויפגעיאָגט
אַ שרעק, ווייל זייער רעליגיאָן האָט זיי פערבאָטען צו בוקען זיך
צו אָבגעטער. דערווייל האָט קאַליגולאַ געהייסען דעם סירישען
שטאַטהאַלטער פּעטראָניוס׳ן, ער זאָל אַריינשטעלען אין בית־המקדש
דעם קעניג׳ס סטאַטוע און מיט געוואַלד צווינגען די אידען זיך
בוקען צו איהם. פּעטראָניוס האָט זיך געלאָזט מיט אַ גרויסען חיל
אין יהודה און האָט שטרענג געפאָדערט פון די איינוואוינער, זיי
זאָלען ערפילען דעם קעניגליכען בעפעהל. דאַן זיינען די אידען
אויפגעשטאַנען צו פערטיידיגען זייער גלויבען. אַ גרויסע מאַסע אי־
דען האָט ארומגערינגעלט פּעטראָניוס׳עס וואוינונג אין טבריה, און
אין פערלויף פון גאַנצע פערציג טעג האָבען זיי איהם געבעטען ניט
צו פערשוועכען זייער הייליגטום מיט דעם קעניג׳ס סטאַטוע. פּעט־
ראָניוס האָט זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז אונמעגליך צו ערפילען
דעם קעניג׳ס וואונש אָהן אַ שרעקליכער בלוטפערגיסונג און ער
האָט עס מודיע געווען אין רוים. אַגריפּאַס, וועלכער האָט זיך אומ־
געקערט קיין רוים, האָט זיך אויך בעמיהט צו בויגען קאַליגולאַ׳ן
ער זאָל אומבייטען די גזרה. ווער ווייס מיט וואָס די זאַך וואָלט זיך
געווען ענדיגען, ווען קאַליגולאַ זאָל ניט געווען פלוצלינג שטאַרבען
דורך די הענט פון פערשווערער (41). זיין אָרט האָט פערנומען
דער קיסר קלאַדיוס.

§36. **קעניג אַגריפּאַס דער ערשטער.** ווען קאַליגולאַ איז
געשטאָרבען האָט אַגריפּאַס מיטגעהאָלפען, אַז קלאָדיוס זאָל אויס־
געקליבען ווערען אימפּעראַטאָר פון רוים. אלס בעלוינונג פאַר
דיזער פריינדשאַפט האָט דער נייער אימפּעראַטאָר אָבגעגעבען אַגרי־
פּאַס׳ן אויך דרום־יהודה, חוץ יענע לענדערייען, וואָס ער האָט גע־
קראָגען פריהער. אויף אַזאַ אופן איז אַגריפּאַס געוואָרען קעניג
פון גאַנץ יהודה ווי זי איז געווען אין די צייטען פון די חשמונאי׳שע
מלכים. זיין קורצעס קעניגען (41—44) האָט דערמאָהנט די אידען
אָן די אַמאָליגע גליקליכע צייטען. בעזעצענדיג זיך אין ירושלים
האָט אַגריפּאַס פערלאָזען אַלע זיינע לייכטזיניגע פערגעניגענס פון
דער יוגענד און האָט זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען צו די ענינים
פון דער מלוכה. דאָס פאָלק, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג צוריק גע־

ליטען פון די רוימישע פראָקוראטאָרען, האָט מיט פרייד בעגעגענט דעם נייעם קעניג און האָט איהם גיך ליעב געקראָגען. אגריפּאַס האָט שטענדיג ארויסגעוויזען טיעפע אכטונג צו דער רעליגיאָן פון אידישען פאָלק, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך בעמיהט אויפצוהאַלטען גוטע בעציהונגען מיט די ארומיגע גריכען און רויי־מער. אין זיין רעגירונג האָט זיך אגריפּאַס געשטיצט אויף די פּרושים, צו וועלכע דאָס פאָלק האָט געהאַט מעהר צוטרויען ווי צו די רייכע צדוקים. אגריפּאַס האָט אומגעקערט צום סנהדרין זיינע פריהערדיגע רעכט און פלעגט בעשטימען פּאָר כהנים־גדולים עהר־ליכע און ערענטליכע מענשען. מיט מענשען פלעגט ער זיך בעגעהן זעהר בעשיידען. אום שבועות פלעגט ער, דער קעניג, אליין טראָגען אין בית־המקדש זיין קארב גרינס, לויט דעם מנהג, גלייך מיט די פּראָסטע דאָרפסלייט. איינמאָל האָט אגריפּאַס געלייענט אין בית־המקדש אויפ'ן קול די פּרשות פון ספר דברים. ווען ער איז דער־גאנגען צום פּלאַץ וואו עס זאָגט זיך: „פון צווישען דיינע ברידער זאָלסטו אויפשטעלען אַ קעניג איבער דיר; דו קענסט ניט אויפ־שטעלען איבער זיך אַ פרעמדען" (י"ז ט"ו) — האָט ער זיך פּלוצ־לינג פונאנדערגעוויינט, ווייל ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער אליין איז פון אדומי'שער אַבשטאַמונג פון דעם צד פון זיין זיידען הורדוס דעם 1טען. די אַנוועזענדע, צווישען זיי אויך פּרושים, זיינען זעהר גערירט געוואָרען דערפון און האָבען אויסגערופען: ניט האָב קיין צער, אגריפּאַס! דו ביסט אונזער ברודער! אין אגריפּאַס'ן, וועלכער איז געוועז דער זוהן פון דעם הינגעריכטעטען אריסתובול און פון דער חשמונאי'שער מרים, האָט דאָס פאָלק ווירקליך געזעהן גיכער אַ חשמונאי איידער אַ הורדוס.

אגריפּאַס האָט גענומען בויען ארום ירושלים אַ הויכע פעסטונג, כדי צו פערזיכערען די שטאָדט געגען פיינדליכע אַנפאַלען. נאָר דער רוימישער שטאַטהאַלטער אין סיריען האָט דערטראָגען וועגען דעם צו קלאַדיוס'ן און האָט נאָך צוגעלעגט, אַז דער אידישער קעניג וויל וואהרשיינליך זיך אָברייסען פון רוים. דאַן האָט אגריפּאַס גע־מוזט אָבשטעלען די ארבייט. אין גיכען איז אגריפּאַס געשטאָרבען פּלוצלינג, בשעת ער איז געוועזען אויף די עפענטליכע שפּיעלען אין קיסריה. די אידען האָבען הייס בעוויינט זייער קעניג; אָבער די

גריכען און רוימער פון קיסריה האָבען זיך געפרעהט מיט זיין טויט און האָבען געמאַכט אַ פרעהליכען מאָלצייט דעריבער.

אין דער צייט פון אגריפאַס דעם ערשטען איז בראש פון דעם סנהדרין געשטאַנען גמליאל דער ערשטער, אַן אייניקעל פון דעם גרויסען תנא הלל. גמליאל האָט מיט גרויס חכמה גע־פיהרט די אַרבייט פון דעם סנהדרין. ער פלעגט זוכען צוצו־פאַסען די דינים צו די בעדערפנישען פון לעבען. איינער פון גמליאל'ס תלמידים איז געווען שאול פון תרשיש, וועלכער האָט זיך שפּעטער אָבגעזאָגט פון יודענטום און איז געוואָרען דער הויפּט אַפּאָסטאָל פון קריסטענטום, אונטער'ן נאָמען פּוילוס. אין יענער צייט האָבען אַ סך געצענדיענער אָנגעהויבען גלויבען אין אַן איינציגען גאָט. אייניגע האָבען אָנגענומען דעם דאָזיגען גלויבען, לויט דער קריסטליכער לעהרע, אַנדערע לויט דער אידי־שער. אין סיריען און קליין־אַזיען האָבען אַ סך געצענדיענער, מעהרסטענס פרויען, זיך בעקערט צום יודענטום. אין דער קליינער מלוכה אדיאַבען, אין מעסאָפּאָטאַמיען, האָבען זיך מגיר געווען די קעניגין העלענאַ און איהרע זיהן איזאַטוס און מאָנאָבאַר; זייער ביישפּיעל האָבען נאָכגעפאָלגט די איבעריגע מיטגליעדער פון דער דאָזיגער קעניגליכער פאַמיליע. העלענאַ איז אַוועק קיין ירושלים מתפּלל צו זיין צום גאָט פון ישראל. אין דער הויפּטשטאָדט האָט דעמאָלט געבושעוועט אַ הונגער און העלענאַ האָט געשענקט אַ סך געלט צו קויפען ברויט פאַר דער הונגעריגער בעפעלקערונג. ווען העלענאַ און איזאַטוס זיינען געשטאָרבען, האָט מען זייערע קערפּער אַריבערגעפיהרט קיין ירושלים און בעהאַלטען אין אַ בעזונדער מערה. זייערע קינדער און קינדס־קינדער האָבען זיך בעזעצט אין יהודה און האָבען דאָרט געלעבט ביז דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה.

§37. אַגריפּאַס דער צווייטער און די רוימישע פּראָ־קוראַטאָרען. אגריפאַס דער ערשטער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ זיבעצעהן־יעהריגען זוהן, אַגריפּאַס דעם צווייטען, און דריי טעכ־טער, פון וועלכע בערעניקאַ איז בעזונדערס בעריהמט געווען פאַר איהר שעהנקייט. קלאַדיוס האָט געוואָלט בעשטימען פאַר'ן קעניג פון יהודה דעם יונגען אַגריפּאַס דעם צווייטען, וועלכער האָט זיך

אויפגעצויגען אין רוים; אָבער די איינפלוסרייכע הויפלייט האָבען אָבגעערעדט דעם קיסר דערפון, אונטער'ן אויסרייד, אז אגריפּאַס איז נאָך צו יונג. אויף אַזאַ אופן האָט יהודה ווידער אָנגעהויבען רעגירט צו ווערען דורך פּראָקוראַטאָרען.

דאָס פאָלק, וואָס האָט אין פערלויף פון עטליכע יאָהר זיך אָבגעוועהנט פון פרעמדער הערשאַפט, האָט זיך ווידער דערפיהלט אומגליקליך. די נייע רוימישע פּראָקוראַטאָרען האָבען מיט זייער שטרענגקייט נאָך מעהר פערשטאַרקט די אונצופריעדענהייט פון פאָלק. דער שטאַטהאַלטער פאַדוס האָט גרויזאַם געשטיקט יעדע שטרעבונג צו פרייהייט צווישען די אידען. ער האָט געהייסען קע־פּען דעם אגיטאַטאָר תאודה, וועלכער האָט זיך ארויסגעגעבען פאַר אַ נביא און בעפרייער פון יהודה. דער היידנישער פאַדוס פלעגט זיך אריינמישען אפילו אין די גייסטיגע ענינים פון די אידען: ער פלעגט בעשטימען אַ כהן־גדול און פלעגט האַלטען ביי זיך די יום־טוב'דיגע קליידער פון די כהנים. אָבער צולעצט האָט דער אימ־פּעראַטאָר געגעבען אגריפּאַס'ן דעם צווייטען דאָס רעכט צו בעשטי־מען אַ כהן־גדול און פערוואַלטען דעם בית־המקדש. אגריפּאַס האָט געקראָגען אונטער זיין ממשלה די פּראָווינץ כאַלדייע, אין סיריען. אויף אַזאַ אופן איז דער אָבגעשטאַמטער פון די אידישע מלכים גע־וואָרען בלויז דער העלפער פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרען, וועל־כע האָבען רעגירט אין יהודה. אליין צו רעגירען האָט אגריפּאַס ניט געהאַט ניט די פעהיגקייטען און ניט דעם ווילען. ער האָט בעסער אויסגעקליבען אַ פרעהליך לעבען אין רוים, מיט דער יוגענד פון הויף פון זיין גלייכען, איידער צו דיענען זיין פאָלק.

און אין אידישען פאָלק איז די אונצופריעדענהייט מיט די רוימער אַלץ שטאַרקער געוואָרען. דער נייער פּראָקוראַטאָר קומאַ־נוס (48—52) האָט צושטעלט רוימישע סאָלדאַטען ארום דעם בית־המקדש צו היטען די אָרדנונג אין די גרויסע ימים־טובים. די אַנ־וועזענהייט פון די געצענדיענער אין דעם הייליגען הויז האָט בע־ליידיגט דאָס רעליגיעזע געפיהל פון די אידען. איינמאָל האָט אַ סאָלדאַט בעגאַנגען אַ מיאוס'ע טהאַט נעבען הייליגטום, פאַר די אויגען פון אַ גרויסער מאַסע אידען, וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט אין דעם טאָג פון פסח. די אויפגעבראַכטע אידען האָבען גענומען

וואַרפֿען שטיינער אויף די רוימישע סאָלדאַטען און זידלען דעם שטאַטהאַלטער. דעמאָלט האָט קומאַנוס אַרויסגערופֿען נאָך אַן אַבטיילונג חיל. די סאָלדאַטען האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער אונבעוואָפֿענטער מאַסע, וועלכע האָט זיך געלאָזט לויפֿען איבער די דערבייאיגע שמאָלע און קרומע גאַסען. די מענשען האָבען גע־שטויסען און געשטיקט איינע די אַנדערע און טויזענדער אידען זיי־נען שפּעטער געפֿונען געוואָרען אין די גאַסען דערשטיקטע. אַ סך פֿאַמיליען האָבען בעוויינט זייערע אומגעקומענע קרובים, און דער יום־טוב איז פֿאַרקערט געוואָרען אין אַ גרויסען טרויער־טאָג. אַזעל־כע צוזאַמענשטויסען פֿלעגען פֿאַרקומען אָפֿט, און דער שטאַטהאַל־טער פֿלעגט געוועהנליך נעהמען די געצענדיענער אונטער זיין שוץ. פּונקט אַזוי פֿיינדליך האָבען זיך בענומען מיט די אידען די פּראָקור־ראַטאָרען, וואָס זיינען געקומען נאָך קומאַנוס'ן.

דער נייער רוימישער אימפּעראַטאָר נירון, דער נאָכפֿאָלגער פֿון קלאַדיוס (54—68), האָט אויך ניט בעשיצט די אידען פֿון די נגישות. איינמאָל האָט זיך אין קיסריה צופֿלאַקערט אַ קריעג צווי־שען די אידען און די גריכען וועגען זייער טרייהייט צו רוים. ביידע צדדים האָבען זיך געווענדעט מיט קלאַגען צו נירונ'ען. אָבער דער קעניג האָט נאָכגעגעבען די גריכען, אָבוואָהל זיי זיינען געווען אומ־גערעכט. דעמאָלט האָט זיך אַ טייל פֿון דעם אידישען פֿאָלק גע־נומען גרייטען צו אַן אויפֿשטאַנד. אין פֿערשיידענע ערטער האָבען זיך צונויפֿגעזאַמעלט אידישע פֿרייוויליגע מחנות צו קעמפֿפֿען מיט די רוימער. בראש פֿון די דאָזיגע מחנות זיינען געשטאַנען מענ־שען, וועלכע האָבען היים געליעבט זייער פֿאָטערלאַנד און זיינען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פֿאַר איהר בעפֿרייאונג. די דאָזיגע מענשען האָבען זיך גערופֿען קנאים אָדער זעלאָטען. צוזאַמען מיט די זעלאָטען, וועלכע האָבען געאַרבייט אָפֿען, האָבען זיך בעוויזען געהיימע מורדים, וועלכע האָבען זיך גערופֿען סיקאַריער אָדער „מע־סערניקעס". די סיקאַריער פֿלעגען טראָגען אונטער זייערע מאַנט־לען קינזשאַלען און ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט פֿלעגען זיי טויטען די רוימער, און אפֿילו זייערע ברידער־אידען, וועלכע האָבען זיך גע'חבר'ט מיט די רוימער.

§38. דער אָנהויב פֿון אויפֿשטאַנד. די געדולד פֿון אי־

דישען פאָלק האָט איינגאַנצען געפּלאַצט, ווען אַלס פּראָקוראַטאָר פון יהודה איז בעשטימט געוואָרען דער רוימער גהעסיוס פלאָריוס, וועלכער איז ערשינען „אזוי ווי א תליון" (66—64). פלאָרוס האָט אָהן אַ ברעקעל געוויסען גערויבט די איינוואוינער פון יהודה, אויס־צאַפּענדיג געלט ביי אָרים און רייך, און איז בעגאַנגען אַלערליי אונגעזעצליכע מעשים. די געצענדיענער, וואָס האָבען געלעבט אין לאַנד, צוזעהענדיג דאָס, האָבען געמיינט, אַז דאָס געזעץ בעשיצט שוין ניט מעהר די אידען, און אַז מען קען זיי פערפאָלגען אונבע־שטראָפט. אין קיסריה־ביים־ים, וואו עס האָט געוועהנליך גע־וואוינט דער רוימישער פּראָקוראַטאָר, האָבען זיך געשטאַרקט די אַמאָליגע מחלקות צווישען די גריכען און די אידען. האָפענדיג אויף דער שטיצע פון פלאָרוס'ן האָבען די גריכען פון קיסריה אָנ־געהויבען צו פערפאָלגען די אידען אויף טריט און שריט. די פרעכע געצענדיענער פלעגען זיך פערזאַמלען נעבען דער שוהל און מיט זייערע קולות און שפּאָט שטערען די אידען אין זייער תפלה. די דאָזיגע בעליידיגונגען האָבען אויפגערעגט די אידישע בעפעלקערונג. עס איז געקומען צו אַ האַנד־געשלעג אין די גאַסען, און די אידען זיינען געשלאָגען געוואָרען. דאַן האָבען זיי פערלאָזען קיסריה אום שבת, צונעהמענדיג מיט זיך די הייליגע ספרים און זיינען אוועק אין אַ שכנ'ישען שטעדטעל. פון דאַנען האָבען די פערטרעי־בענע געשיקט שלוחים צו פלאָרוס'ן, בעטענדיג איהם ער זאָל זיך איינשטעלען פאַר זיי; אָבער פלאָרוס האָט די שלוחים אויסגעהערט און האָט געהייסען אריינוואַרפען זיי אין געפענגנים.

די נאַכריכט וועגען דיזער גוואַלדטהאַט האָט אין ירושלים ארויסגערופען גרויס צאָרן, וועלכער האָט זיך נאָך מעהר צוגעוואַקסען ווען פלאָרוס האָט געשיקט צום פערוואַלטער פון בית־המקדש אַ בעפעהל — ארויסצוגעבען איהם פון דער קאַסע פון בית־המקדש 17 טאַלאַנטען געלד. די חוצפה'דיגע פאָדערונג פון דעם שטאַט־האַלטער איז ענטזאַגט געוואָרען; דאָס פאָלק האָט אָפען געזידעלט און געשאָלטען פלאָרוס'ן: אייניגע אידען זיינען ארומגעגאַנגען אין די גאַסען מיט פושקעס אין די הענד און האָבען אויף חוזק געבעטען ביי די פאַרבייגעהער אַ נדבה פאַר'ן „אָרימען, אומגליק־ליכען פלאָרוס". ווען פלאָרוס האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט

ער זיך מיט גרויס רציחה אריינגעריסען אין ירושלים מיט א בעוואַפענטען חיל, און האָט געפאָדערט מען זאָל איהם ארויסגעבען דאָס געלט און די מענשען וואָס האָבען איהם בעליידיגט. די אידען האָבען איהם ענטזאגט. דאַן האָט ער געהייסען זיינע סאָלדאַטען צו רויבען דעם אזוי גערופענעם „אויבערשטען מארק“, וואו עס האָבען זיך געפונען די הייזער פון די רייכע. עס האָט זיך אָנגעהויבען א שרעקליכע שחיטה. אומזיסט האָט אגריפאַס'עס שוועסטער, בעַרעניקא, זיך געבעטען ביי פלאָרוס'ן ער זאָל אָבשטעלען דעם פּאָגראָם; דער פּראָקוראַטאָר איז געבליבען אונגעריהרט. נאָר דאָ האָט זיך דאָס פאָלק אליין געשטעלט פאר זיך. ווען פלאָרוס האָט אריינגעפיהרט אין דער הויפּטשטאָדט פרישען חיל, כדי צו פערכאַפּען דעם בית המקדש, האָט זיך די בעפעלקערונג גענומען פאר די וואַפען. די צורייצטע אידען האָבען זיך ווי א כוואַליע א גאָס געטהאָן אויף די גאַסען, וועלכע האָבען געפיהרט צום הר־הבית, האָבען ארויסגעשטופּט פון דאָרט די רוימישע סאָלדאַטען, שיסענדיג אויף זיי פון די דעכער, און ענדליך געצוואונגען פלאָרוס'ן אוועקצוגעהן מיט א טייל פון זיין חיל פון ירושלים צוריק קיין קסריה.

פונדעסטוועגען זיינען אין אָנפאַנג ניט אלע אידען צוגעשטאַנען צו דער מרידה. דעם קאַמפּף מיט די רוימער האָבען געפיהרט דער עיקר די אָרימסטע קלאַסען פון פאָלק און די הייסע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען זיך גערופען „זעלאָטען“. בראש פון די זעלאָטען איז געשטאַנען אליעזר בן־חנניה, פון דער משפחה פון די כהנים־גדולים. אָבער די רייכע, וואָס האָבען מורא געהאַט פאר זייער פערמעגען, זיינען געשטאַנען פאר פריעדען מיט די רוימער; דער פיהרער פון דער פריעדליכער פּארטיי איז געווען אגריפּאַס דער צווייטער. ווען עס איז פאָרגעקומען דער אויבערבעשריבענער צוזאַמענשטויס צווישען די אידען און פלאָרוס'ן, האָט דער הויפּט־פּראָקוראַטאָר פון סיריען, צעסטיוס גאַלוס, אוועקגעשיקט קיין ירושלים א שליח אויסצופאָרשען די אורזאַכען פון דעם אויפשטאַנד. אין דער אָנוועזענהייט פון דעם דאָזיגען שליח האָט אגריפּאַס פאר א פאָלקס־פערזאַמלונג געהאַלטען א לאַנגע רעדע און האָט שטאַרק איינגערעדט די אידען, אז זיי זאָלען ניט אָנפאַנגען קיין געפעהרליכע מלחמה מיט דער מעכ־

טיגער רוים. די רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די צוהערער; זיי האָבען זיך ערקלערט גרייט אונטערצוגעבען צום רוימישען אימפּעראַטאָר און ווידער צאָהלען שטייערען. אָבער ווען אַגריפּאַס האָט ווייטער פאָרגעלעגט, אַז דאָס פאָלק זאָל אַנער־קענען אויך די הערשאַפט פון דעם פערהאַסטען פלאָרוס'ן, זיי־נען די צוהערער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען. די אויפגע־בראַכטע מאַסע האָט אָנגערופען אַגריפּאַס'ן פעררעטער און האָט איהם געצוואונגען צו אנטלויפען. די קריעגערישע פּאַרטיי האָט געקראָגען די אויבערהאַנד, און דער אויפשטאַנד האָט זיך ווידער צופלאַקערט. די כהנים האָבען אויפגעהערט ברענגען דעם טעג־ליכען קרבן פאַר'ן רוימישען קיסר — וואָס האָט בעדייט אַ ריס מיט רוים. די פריעדליכע פּאַרטיי האָט קריטיקירט די אויפ־פיהרונג פון די זעלאָטען און האָט אפילו אָנגעהויבען מיט זיי אַ קאַמפּף. זיבען טעג האָט געדויערט דער פערצווייפעלטער קאַמפּף צווישען אַגריפּאַס'עס מחנות און די זעלאָטען, ביז די לעצטע האָ־בען ענדליך געזיעגט. די צעווילדעטע זעלאָטען (סיקאַריער) האָבען פערברענט די פּאַלאַצען פון אַגריפּאַס און בערעניקא און האָבען גע'הרג'עט אַ סך אידען, וואָס זיי האָבען חושד געוועזן אין פריינדשאַפט צו די רוימער.

ווען דער הויפט פּראָקוראַטאָר פון סיריען, צעסטיוס גאַלוס, האָט זיך דערוואוסט וואָס עס טהוט זיך אין ירושלים, איז ער אַליין אַוועק אַהין מיט אַ גרויסען חיל איינצושטילען די מרידה. פערוויס־טענדיג אַלץ אויף זייער וועג, איז דאָס חיל אונטערגעקומען צו ירושלים אין די טעג פון סוכות (66). צוליעב דער נאָהנטער גע־פאַהר האָט זיך די אַרמיי פון די זעלאָטען שטאַרק פערגרעסערט. איהר הויפט פיהרער איז געוועזן דער גביר שמעון בר־גיורא. צו־ציהענדיג צו זיך אַ גרויסען טייל פון פאָלק, זיינען די זעלאָטען אַרויס פון ירושלים געגען צעסטיוס'עס לעגיאָנען און מיט אַ פער־אייניגטער אַטאַקע האָבען זיי געבראַכט אַ שרעקליכע צומישונג אין די פיינדליכע רייהען. די רוימער זיינען אָבגעטראָטען פון ירושלים, נאָר אין עטליכע טעג אַרום זיינען זיי ווידער אונטערגע־קומען און האָבען אָנגעהויבען אַ בעלאַגערונג. זיי האָבען פערנומען די אויסערליכע ניט בעפעסטיגטע טיילען פון שטאָדט, אָבער זיי

האָבען ניט געקענט בייקומען די אידען, וועלכע האָבען מוטיג פער־טיידיגט די אינערליכע שטאָדט. דאַן האָט צעסטיוס בעפעהלען ארונטערצונעהמען די בעלאַגערונג און אָבטרעטען פון שטאָדט. דער־הערענדיג, אַז דער שונא געהט אוועק, האָבען די אידישע קריעגער איהם גענומען נאָכיאָגען און געבראַכט אויף איהם אַ שרעקליכע מפּלה. צעסטיוס איז מיט חרפּה אנטלאָפען מיט דעם רעשט פון זיין חיל. דער דאָזיגער זיעג איבער דעם רוימישען הויפּט־קאָמאַנ־דיר האָט צוגעגעבען מוט די אידען. צו דער פּאַרטיי פון די זעלאָטען זיינען אריבער אפילו אַ סך געלאַסענע מענשען, וועלכע האָבען מורא געהאַט פאַר אַ מלחמה מיט רוים. אויף אַזאַ אופן איז דאָס רוב פון פאָלק צוגעשטאַנען צו דער מרידה — און אַן ענטשיידענדע מלחמה מיט די רוימער איז געוואָרען אונפערמיידליך.

זעקסטער קאַפּיטעל.

די מלחמה מיט די רוימער און דער אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה.

(66—70)

§39. די פאָרבערייטונגען צו דער מלחמה. די מורדים האָבען פאָראויסגעזעהן, אַז דער רוימישער אימפּעראַטאָר וועט אין גיכען שיקען אַ גרויסען חיל איינצושטילען דאָס הארטנעקיגע פאָלק, האָבען זיי זיך דעריבער גענומען שטאַרק גרייטען צו פערטיידיגען זייער פאַטערלאַנד. עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ צייטווייליגע רעגירונג פון אריסטאָקראַטען און פּרושים. דער סנהדרין, בראש פון וועלכען עס איז דעמאָלט געשטאַנען שמעון בן־גמליאל (הלל׳ס אור־אייניקעל), האָט אויסגעאַרבייט אַ קלאָרען פּלאַן ווי אַזוי צו פערטיידיגען יהודה אין פאַל דער שונא וועט קומען. אלס הויפּט־בעאַמטע פון ירושלים האָט דער סנהדרין בעשטימט יוסף בן־גוריון און דעם כהן־גדול חנניה. זיי האָבען טיכטיג בעפעסטיגט די הויפּט־שטאָדט, האָבען געזאַמעלט זעלנער, און האָבען אָנגעגרייט געגוג געוועהר און עסענוואַרג. מען האָט גערעכענט, אַז די רוימער ווע־

לען אונטערקומען ניט דורך דער נעהנטסטער האפען־שטאָדט, נאָר זיי וועלען זיך לאָזען פון סיריען מיט א טרוקענעם וועג דורך גליל. דעריבער האָט מען זיך דאָ מעהר ווי איבעראל געגרייט פאר דער פערטיידיגונג. אלס קאָמאנדיר פון דעם חיל אין גליל איז געשטעלט געוואָרען יוסף בן־מתתיהו, וועלכער איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען אלס היסטאָריקער אונטער'ן נאָמען יוסיפוס פלאוויוס. אונטער זיין פיהרערשאפט זיינען די וויכטיגסטע שטעדט פון גליל שטארק בעפעסטיגט געוואָרען און זיינען בעזאָרגט געוואָרען מיט גענוג חיל און וואפען.

כדי די אלע הכנות זאָלען ברענגען צום געווינשטען ציעל, איז נויטיג געווען, אז צווישען אלע טיילען פון פאָלק זאָל הערשען פאָלשטענדיגע אחדות. נאָר צום אומגליק האָט זיך ביים פאָלק און ביי די פיהרער ארויסגעוויזען א געפעהרליכע צוריסענקייט. אין סנהדרין אליין איז איין צד געשטאנען פאר אן ענטשיידענער מלחמה מיט די רוימער, ביז דאָס פאָטערלאנד וועט אינגאנצען בעפרייט ווערען, און דער אנדערער צד, פאָראויסזעהענדיג אז אזא מלחמה וועט זיין נוצלאָז, איז גרייט געווען צו מאכען שלום מיט דער הערשאפט פון די רוימער, אבי נאָר די אידען זאָלען האָבען די פרייהייט פון אינערליכען, גייסטיגען לעבען. אין פאָלק האָבען געקעמפפט צוויי פּארטייען: די רעוואָלוציאָנערע זעלאָטען און די אָנהענגער פון פריעדען. דער קאָמאנדיר פון גליל, יוסף בן־מתתיהו, איז אין הארצען אויך געווען א געגנער פון מלחמה, אבוואָהל צוליעב אנדערע געפיהלען. ער האָט אבגעשטאמט פון די כהנים און אין דער יוגענד האָט ער געקראָגען זיין ערציהונג אין דער שולע פון די פרושים. נאָר ווען ער איז אלט געווען זעקס־און־צוואנציג יאָהר איז ער אוועק קיין רוים, און דאָרט, אין דער געזעלשאפט פון די געבילדעטע רוימער, האָט ער אין פיעלעס געביטען זיינע איבערצייגונגען. ער האָט איינגעזעהן, אז נאָר אין רעליגיאָן און מאָראל שטעהען די אידען העכער פון די רוימער, אבער אין רעגירונג און אין וועלטליכער בילדונג שטייגען די רוימער איבער די אידען. יוסף האָט גערעכענט, אז יהודה, אזוי ווי די אנדערע קליינע מלוכות פון מזרח, קען נאָך געווינען דערפון, וואָס זי וועט זיך געפינען אונטער דער הערשאפט פון אזא שטארקער מאכט ווי רוים. צו האלטען מלחמה מיט רוים

האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַלס געפעהרליך, ווייל אין דעם דאָזיגען אונגלייכען קאַמפף וועט די קליינע יהודה מוזען פאַלען און איהר פאָלק וועט צושפּרייט ווערען איבער אַלע לענדער. מיט אַזעלכע איבערצייגונגען האָט יוסף ניט געקענט שטרענג דערפילען זיין פליכט אַלס קאָמאַנדיר פון דער גליל'ער ארמיי. דאָס האָט פערשטאַנען איינער פון די הויפּטפיהרער פון די זעלאָטען אין גליל, יוחנן, פון דעם שטעדטעל גוש־חלב, וועלכער איז געווען אַ העלדישער מענש און איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ גרויסער ליעבע צום פאַטער־לאַנד און מיט האַס צו איהרע אונטערדריקער. יוחנן האָט בע־מערקט אין דער אויפפיהרונג פון יוסף'ן אַ נייגונג ניט צו קאַמפף, נאָר צו שלום מיט די רוימער. ער האָט באַלד געלאָזט וויסען דעם סנהדרין, אַז עס איז געפעהרליך צו פערטרויען די פערטיידיגונג פון גליל צו אַזאַ מענשען ווי יוסף. נאָר יוסף האָט זיך ריינגעוואַשען פאַר'ן סנהדרין און האָט בעוויזען, אַז יוחנן'ס מורא האָט נישט קיין שום גרונד. ער איז געבליבען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער גליל'ער ארמיי — און דאָס האָט אין גיכען געפיהרט צו זעהר אַ טרויעריגען סוף.

§40. **די מלחמה אין גליל.** דער אימפּעראַטאָר נירון האָט געקראָגען די נאַכריכט וועגען דעם אויפשטאַנד פון די אידען, אין דער צייט ווען ער האָט פערבראַכט אין גריכענלאַנד ביי די אָלימפּישע שפּיעלען און האָט דאָרט אָבגעהאַלטען פרעהליכע פעסטען. ער האָט באַלד אַוועקגעשיקט דעם בעסטען פון זיינע קריעגספיהרער, וועס־פּאַסיאַנוס'ען, איינצושטילען די מרידה. אין אָנהויב פון יאָהר 67 האָט וועספּאַסיאַנוס צוזאַמענגעצויגען צו די גרעניצען פון יהודה אַלע רוימישע חילות, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ'ן מזרח. זיין ארמיי האָט בעטראָפען ביז זעכציג טויזענד מאַן. אין דער דאָזיגער ארמיי האָט זיך געפונען, אַלס רוימישער וואַסאַל, אַגריפּאַס דער צווייטער מיט זיין חיל, און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז אַן אָבגע־שטאַמטער פון די אידישע מלכים האָט געדאַרפט ארויסטרעטען גע־גען זיין אייגענעם פאָלק. מיט אַגריפּאַס'ן אין לאַגער איז געווען זיין שוועסטער, די שעהנע בערעניקא. דאָ האָט זי זיך בעקענט מיט וועספּאַסיאַנוס'עס זוהן, טיטוס, וועלכער האָט קאָמאַנדירט עטליכע פאָלקען, און זי האָט איהם בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט.

יאָזעפוס פלאַוויוס.

עס איז געוואָרען אַ נאָהנטע פריינדשאַפט צווישען דער אידישער פּרינצעסין און דעם יעניגען, וואָס איז געשיקט געוואָרען צו דער־לאַנגען דעם לעצטען קלאַפּ דער אידישער מלוכה.

וועספּאַסיאַנוס האָט אָנגעהויבען דערמיט, וואָס ער איז מיט אַן אָבגעקליבענער אַרמיי אַריין אין גליל, וועלכע ער האָט געמוזט איינגעהמען, איידער ער האָט געקענט געהן אויף ירושלים. אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט די איינוואוינער פון גליל, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ גרויסע פיינדליכע אַרמיי. יוסף בן־מתתיהו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערשראָקען פאַר דער מאַכט פון די רוימער. ער איז אָבגעטראָטען צו טבריה, אין דער צייט ווען דער שונא איז געגאַנגען פאָרווערטס און האָט איינגענומען איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער. די איינוואוינער פון דיזע שטעדט האָ־בען אַרויסגעשטעלט אַ פערצווייפעלטען ווידערשטאַנד, אָבער זיי האָבען דאָך ניט געקענט ביישטעהן געגען וועספּאַסיאַנוס'עס ריע־זיגע מחנות. בלויז די שטאָדט יודפת, וואָס איז געווען בעפעסטיגט פון דער נאַטור אַליין און וואָס יוסף האָט פערוואַנדעלט אין אַן אונ־צוטריטליכער פעסטונג, האָט אָבגעשטעלט אויף אַ צייט דעם גאַנג פון די רוימער. יודפת איז געשטאַנען אויף אַ הויכען פעלז, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט טיפע טאָלען, און די איינציגע זייט, פון וועלכער עס איז מעגליך געווען צוצוגעהן, איז געווען פער־צאַמט מיט גראָבענס און טהורמס. דאָ האָט זיך עס יוסף פאַר־שפּאַרט מיט אַ גרויסען טייל פון זיין חיל. וועספּיאַסאַנוס האָט צונויפגעזאַמעלט זיין אַרמיי אַרום דער דאָזיגער פעסטונג און האָט אַליין געפיהרט די בעלאַגערונג.

די רוימער האָבען אָהן אויפהער געוואָרפען אין שטאָדט אַריין פיילען, שטיינער און שטיקער ברענענדיגע האָלץ; נאָר די בעלאַ־גערטע פלעגען זיך געשיקט אַרויס'גנב'ענען פון שטאָדט און פלעגען אָבטרייבען דעם שונא'ס מחנות און פערניכטען זייערע בעלאַגערונגס־מאַשינען. ווען די רוימער האָבען צוגערוקט צו דער פעסטונג די „טאַראַנען" (מאַשינען צו ברעכען ווענט), האָבען די בעלאַגערטע אַרונטערגעלאָזט אַרום די פעסטונגס־ווענד זעק מיט שטרוי, כדי אָבצושוואַכען די קלעפּ פון די דאָזיגע געוועהר, און דערוויל האָבען זיי געוואָרפען אויף די סאָלדאַטען ברענענדיגע שייטער האָלץ און

געגאָסען אויף זיי שוועבעל און זודיגע סמאָלע. אָבער אַלע אָנ־שטרענגונגען פון די פערטיידיגער זיינען געווען אומזיסט. די שטאָדט האָט זיך זעהר געגויטיגט אין וואסער. די אידישע קריגער, אויסגעמאַטערטע פון דורשט, וועלכע האָבען בעוואכט די פעסטונג, זיינען איינמאָל פּאַרטאָג איינגעשלאָפען. אַן אריבערגעלאָפענער אידישער קריגער האָט עס מודיע געווען דעם שונא. זיינען די רוימער באַלד צוגעקומען שטיל צו דער פעסטונג און האָבען ארויפ־געקלעטערט אויפ'ן וואַנד — און איידער די וואך האָט צייט גע־האַט צו קומען צו זיך, איז יודפת געווען גענומען (יולי, יאָהר 67). די צובייזערטע רוימישע סאָלדאַטען האָבען געמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה אין שטאָדט. טויזענדער אידען זיינען אומגעקומען אין יודפת, פיעל פרויען און קינדער זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען און זיינען פערקויפט געוואָרען אין קנעכטשאַפט. דער קאָמאַנדיר יוסף אַליין האָט זיך עטליכע טעג בעהאַלטען אין אַ הייהל מיט פער־ציג חברים. ווען זייער בעהעלטעניש איז ענטדעקט געוואָרען, האָ־בען יוסף'ס חברים בעשלאָסען בעסער צו דערשטעכען איינער דעם אַנדערען, איידער זיך אונטערצוגעבען צו די רוימער. אָבער יוסף איז ארויס פון דער הייהל און איז ערשינען פאַר וועספּאַסיאַנוס'ן און איהם אויסגעדריקט אונטערטעניגקייט. וועספּאַסיאַנוס האָט לכתחילה געהייסען האַלטען יוסף'ן אונטער וואַך, אָבער נאָכדעם האָט ער איהם אָנגעהויבען בעהאַנדלען גוט און האָט איהם געלאָזט אין זיין סוויטע. די נאַכריכט אַז יודפת איז געפאַלען, האָט ארויס־גערופען גרויס טרויער אין ירושלים. דערוויסענדיג זיך אַז יוסף האָט זיך אונטערגעגעבען צו די רוימער, האָט איהם דאָס פאָלק פערשאָלטען אַלס פעררעטער צום פאָטערלאַנד.

נאָכדעם ווי יודפת איז געפאַלען, האָט וועספּאַסיאַנוס בעזיעגט דעם גאַנצען גליל. איידער ער האָט זיך געלאָזט געהן אויף ירושלים, האָט ער געלאָזט זיינע אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטען זיך אויסרוהען און האָט זיי פונאַנדערגעשטעלט אויף ווינטערדיגע קווארטירען, נעבען קיסריה־ביים־ים.

§41. די בעלאַגערונג פון ירושלים. די אידען וואָס האָ־בען זיך געראַטעוועט פון דער שחיטה אין גליל, און די זעלאָטען פון אַנדערע טיילען פון לאַנד, האָבען זיך צונויפגעקליבען אין

ירושלים. די הויפּטשטאָדט איז פאַרוואַנדלט געוואָרען אין אַ קריעגס־לאַגער. אהער האָבען זיך פאַרזאַמעלט די מוטיגסטע פעד־טיידיגער פון פאַטערלאַנד. ירושלים איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסע, שעהנע און גוט בעפעסטיגטע שטאָדט. פון דריי זייטען איז זי געווען בעשיצט מיט הויכע פעלזען, וואָס זייערע זייטען זיינען געווען כמעט גלייך ווי אַ וואַנד, און דערצו מיט אַ קינסטליכען וואַל. איהר איינציגע אָפענע זייט איז געווען בעפעסטיגט מיט אַ דרייענדיגער שטיינערנער וואַנד, מיט אַ סך טהורמס. דער באַרג מוריה, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דער בית־המקדש, איז געווען אַן אונצוטרעטליכע פעסטונג. ביי אַזעלכע אומשטענדען וואָלט די שטאָדט זיך געקענט לאַנג וועהרען געגען דעם שונא, ווען עס וואָל־טען אין איהר ניט פאָרגעקומען קיין מחלוקות צווישען די פערשיי־דענע פּאַרטייען. די קריעגערישע זעלאָטען האָבען גערענקט, אַז כדי צו געווינען די מלחמה איז נויטיג צו בעזייטיגען פון דער פּיה־רערשאַפט אַלע ליעבהאָבער פון שלום, וועלכע האַלטען דעם קאַמפּף מיט רוים פאַר געפעהרליך. אַזעלכע פריעדענס־ליעבהאָבער זיינען געווען אַ סך, סיי אין דעם סנהדרין, סיי צווישען די ירושלים'ער בירגער. צווישען זיי און די זעלאָטען האָט זיך צופלאַקערט אַ קריעג.

כדי צו ארייננעהמען די שטאָדט אין זייערע הענד, האָבען די זעלאָטען פערכאַפּט דעם בעפעסטיגטען בית־המקדש און האָבען זיך דאָרט פאַרזעצט. די פריעדענס־ליעבהאָבער פון דער פּאַרטיי פון דעם כהן־גדול חנניה האָבען ארומגערינגעלט דעם הויף פון בית־המקדש און האָבען בעלאַגערט די זעלאָטען. דעמאָלט האָבען די אָנהעגגער פון די זעלאָטען אריינגעלאָזט ביינאַכט אין שטאָדט אריין אַ מחנה אדומים און מיט זייער הילף זיינען זיי בעפאַלען דעם סנהדרין. די בעסטע מיטגליעדער פון סנהדרין זיינען גע'הרג'עט געוואָרען, צווישען זיי אויך דער שטאָדט־בעאַמטער יוסף בן־גוריון און דער כהן־גדול חנניה, אויך אַ סך פון דער פריעדענס־פּאַרטיי זיינען היינגעריכטעט געוואָרען. די זעלאָטען האָבען פערבאָטען די איינוואוינער, אונטער טויט שטראָף, צו פערלאָזען די שטאָדט. נאָר אַז די זעלאָטען האָבען בעזיעגט די פריעדענס־פּאַרטיי זיינען זיי אליין צופאַלען געוואָרען אויף פּאַרטייען, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון מעסיגע און עקסטע. די מעסיגע זעלאָטען האָבען אויסגעקליבען

פאר זייער פיהרער אליעזר בן־שמעון; די וועניגער שארפע צווישען די גליל'שע זעלאטען האבען זיך געפונען אונטער דער פיהרערשאפט פון יוחנן פון גוש־חלב; אבער די סאמע עקסטע פאטריאטען זיינען געשטאנען אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם אונערשראקענעם העלד שמעון בן גיורא. אנשטאט וואס דיזע אלע פארטייען זאלען זיך פעראייניגען צו א קאמפף מיט דעם אלגעמיינעם שונא, האבען זיי געפיהרט א פערביטערטען קאמפף איינע מיט די אנדערע. אין דער צייט פון דיזע צוזאמענשטויסען זיינען פערניכטעט געווארען די ריעזיגע אוצרות תבואה, וואס די ירושלים'ער גבירים האבען אנגעגרייט און וואס וואלט געקלעקט צו שפייזען די איינוואוינער א לאנגע צייט. אויף אזא אופן האבען די פערטיידיגער פון פאטערלאנד, מיט זייערע מחלוקות, בלויז פארשנעלערט זיין אונטערגאנג.

דערווייל זיינען אין רוים פארגעקומען וויכטיגע ענדערונגען. דער בלוטדורשטיגער אימפעראטאר נירון איז געשטארבען און אין רוים האט זיך אנגעפאנגען א קאמפף פאר'ן טראהן צווישען די פיהרער פון דער ארמיי. נאך צוויי יאהר פון מהומות איז אלס אימפעראטאר פון רוים אויסגעקליבען געווארען דער קריעגספיהרער וועספאסיאנוס, וועלכער האט זיך דעמאלט געגרייט צו בעלאגערען ירושלים. וועספאסיאנוס איז אוועק קיין רוים און פאר'ן קאמאנדיר איבער דעם חיל, וואס איז געווען אין יהודה, האט ער געמאכט זיין זוהן טיטוס. אין פסח פון יאהר 70 האט טיטוס א רוק געטהאן זיין חיל אויף ירושלים. אין דעם שרעק פאר דער מעכטיגער ארמיי און פאר די מורא'דיגע בעלאגערונגס־מאשינען, איז די שנאה צווישען די פארטייען אין דער הויפטשטאדט איינגעשטילט געווארען, אבוואהל עס איז שוין געווען צו שפעט. אלע פארטייען האבען זיך פעראייניגט צו פערטיידיגען די הייליגע שטאדט און דעם בית־המקדש. ווען טיטוס האט פארגעלעגט, אז די שטאדט זאל זיך אונטערגעבען מיט גוטען, האבען די איינוואוינער שארף ענטזאגט און די בעלאגערונג האט זיך אנגעפאנגען.

די אידישע סאלדאטען פלעגען מאכען אפטע אויספאלען פון שטאדט אויף דעם שונא'ס לאגער און פלעגען דארט אנמאכען א חורבן. איינמאל האבען זיי שיער ניט געפאנגען טיטוס'ן אליין, וועלכער האט זיך קוים געראטעוועט. די דאזיגע אפטע אנפאלען

פון די אידישע העלדען האָבען געשטערט די רוימער צו־צופיהרען צום שטאָדט זייערע גרויסע בעלאַגערונגס־מאַשינען. נאָר ענדליך, נאָך שווערע פערלוסטען, איז די רוימער געלונגען ארומצורינגלען די שטאָדט מיט הויכע וואַלען און אוועקשטעלען אויף זיי מאַשינען צו ווארפען פיילען. פון די דאָזיגע וואַלען פלעגען זיי שיסען אין שטאָדט אריין און פערשפרייטען טויט און פערוויסטונג צווישען דער בעפעלקערונג. אין דערזעלבער צייט זיינען צוגערוקט געוואָרען צו ירושלים גרויסע אייזערנע טאראַנען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו שמעטערען די שטאַרקע וואַנד ארום שטאָדט. די בעלאַגערטע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון יוחנן פון גוש־חלב, פלעגען זיך ווידער אַלע מאָל ארויסכאַפּען פון שטאָדט, פלעגען צוברעכען די בעלאַגערונגס־מאַשינען, פערניכטען דעם שונא׳ס קליינע מחנות און בכלל זיך שלאָגען מיט אונגעוועהנליכער העלדישקייט. אָבער זיי האָבען דאָך ניט געקענט ביישטעהן די מיליטערישע טאַקטיק און די שטאַרקערע מאַכט פון די רוימער. אין מאַי האָט דער שונא גענומען די אויסערליכע וואַנד פון שטאָדט, און שפעטער, נאָך א בלוטיגער שלאַכט פון פינף טעג, איז געפאַלען אויך די צווייטע אינוועניגסטע וואַנד.

אָבער דאָס שווערסטע איז נאָך געקומען שפעטער. דער שונא האָט נאָך געדאַרפט נעהמען די שטאַרק בעפעסטיגטע העכערע שטאָדט און דעם הר־הבית. אנטקעגען די דאָזיגע צוויי פונקטען האָט טיטוס געהייסען אויפשיטען פיער וואַלען און ארויפשטעלען אויף זיי שטורם־בעק. פיער לעגיאָנען האָבען געארבייט אָהן אויפהער אויף די דאָזיגע פּאָזיציעס. נאָר די בעלאַגערטע זיינען אויך ניט געזעסען מיט צונויפגעלעגטע הענד. די פערטיידיגונג פון דער אויבערשטער שטאָדט האָט געפיהרט שמעון בר־גיורא, און דעם הר־הבית האָט פערטיידיגט יוחנן פון גוש־חלב. זיי האָבעןביידע געשאָסען אויף די רוימער פון זייערע שליידער־מאַשינען און געשטערט די ארבייט פון אָנשיטען די וואַלען. טיטוס האָט נאָכאמאָל געפּרובט צו איבעררייידען די אידישע העלדען זיי זאָלען זיך אונטערגעבען און האָט געשיקט צו זיי יוסיפוס פלאוויוס׳ן, דעם געוועזענעם גליל׳ישען קאָמאַנדיר. יוסף האָט זיך געשטעלט אויף א הויכען וואַל געגען דער פעסטונג און האָט פון דאָרט געהאַלטען א

רעדע צו די בעלאגערטע און האט זיי איינגערעדט זיך אונטערצו־געבען צו טיטוס'ן און דערמיט כאטש רעטען דעם בית־המקדש פון חרב ווערען. אבער די אידען האבען ניט געפאלגט יוסף'ן, וועלכען זיי האבען געהאלטען פאר א פעררעטער; זיי האבען זיך ווייטער געשלאגען מיט'ן פעסטען בעשלוס צו זיגען אדער שטארבען.

§42. חורבן ירושלים (אין יאהר 70). דערווייל איז דער הונגער אין ירושלים געווארען אלץ שרעקליכער. די אנגעגרייטע תבואה איז שוין לאנג אויסגעגאנגען. די רייכע פלעגען אבגעבען זייערע אוצרות, די ארימע — זייער לעצטען פארמעגען פאר א שטי־קעל ברויט. אין זכרון פון פאלק זיינען געבליבען שוידערליכע מעשות פון דיזער צייט. מרתא, די רייכע אלמנה פון דעם כהן־גדול יהושע בן־גמליאל, וואס אמאל ווען זי פלעגט געהן אין בית־המקדש פלעגט מען איהר וועג אויסשפרייטען מיט פרעכטיגע טע־פיכען, האט געמוזט שטילען איהר הונגער מיט ארויסגעווארפענע שטיקלעך, וואס זי פלעגט אויפקלייבען אין גאס; אן אנדער רייכע פרוי איז דורך דעם הונגער געבראכט געווארען דערצו, אז זי האט געקוילעט און אויפגעגעסען איהר אייגען קינד. די גאסען זיינען געווען בעדעקט מיט טויטע קערפערס, אדער מיט פער'חלש'טע מענשען. עס איז קיין צייט ניט געווען צו בעגראבען די טויטע. די טויטע קערפער, וואס האבען זיך געוואלגערט אומעטום, האבען פאר־פעסט די לופט. הונגער, מגפה און דעם שונא'ס פיילען האבען אלע צוזאמען געמאכט א חורבן אין די רייהען פון די פערטיידיגער, אבער די איבערגעבליבענע האבען נאך אלץ ניט פערלארען זייער מוט. די דאזיגע העלדישקייט און עקשנות פון די אידען האבען איבערראשט אפילו די העלדישע רוימער.

ענדליך האט דער שונא געווענדט זיינע בעלאגערונגס־מאשינען געגען די פעסטונגען פון בית־המקדש. ווען די רוימער האבען איינ־גענומען דעם הויפט טהורם, אנטאניא, האבען זיי פלוצלינג דער־זעהן פאר זיך גראבע ווענד, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם הויף פון בית־המקדש. אזוי ווי דורכצוברעכען דיזע וואנד איז געווען אונמעגליך, האט טיטוס ארויסגעגעבען א בעפעהל אונטערצוצינדען די אויסערליכע טויערען, פון וועלכע עס האט זיך געצויגען א רייהע זיילען ביז'ן סאמע בית־המקדש. די שלאכט האט זיך צוברענט

אין דעם ברייטען הויף פון בית־המקדש; די אידישע קריעגער האָ־בען זיך געשלאָגען ווי די לייבען, און יעדער טריט אויפ׳ן וועג צום בית־המקדש האָט געקאָסט דעם שונא טייכען בלוט. פּלוצלינג האָט אַ רוימישער סאָלדאַט געכאַפּט אַ ברענענדיגען שייט האָלץ און האָט אָם אַריינגעוואָרפען אינוועניג אין בית־המקדש, דורכ׳ן פענסטער. די הילצערנע טיילען אין די חדרים פון בית־המקדש האָבען זיך באַלד אָנגעצונדען און אין גיכען איז דער גאַנצער בית־המקדש איינגעווי־קעלט געוואָרען אין פלאַמען. טיטוס, וועלכער האָט זיך באַלד אַ יאָג געטהאָן אַהין, האָט הויך געשריען צו די סאָלדאַטען זיי זאָלען איינלעשען די שרפה און ראַטעווען דעם פּראַכטפולען בנין; נאָר צוליעב דעם בעטויבענדען קראַכען פון די פאַלענדע געביידעס, די פערצווייפעלטע געשרייען פון די בעלאַגערטע און צוליעב דעם קלאַנג פון די געוועהר איז אונמעגליך געווען צו הערען דעם קול פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר. די צעווילדעטע רוימער האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אין די חדרים וואָס האָבען נאָך ניט געברענט, כדי צו רויבען די אוצרות וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, אָבער זיי האָבען גע־קענט אַריינדרינגען אַהין בלויז איבער די קערפּער פון די אידישע קריעגער, וואָס האָבען געפיהרט מיט זיי אַ פערצווייפעלטען קאַמפּף אינמיטען דער שרפה. דאָ האָבען די געפיהלען זיך שוין פאַנאַנ־דערגעשפּיעלט און די זיעגער האָבען פריינעלאָזט זייער צאָרן. אַלטע לייט, פרויען און קינדער האָט מען אָהן רחמנות גע׳הרג׳עט; אַ סך אידען האָבען געפונען זייער טויט אין פייער, אין וועלכען זיי האָ־בען זיך אַליין אַריינגעוואָרפען. דער בית־המקדש, דער שטאָלץ פון יהודה, איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הורבע אש; ער איז חרב געוואָרען אין דיזעלבע טעג (ניינטען און צעהנטען אָב), אין וועלכע עס איז אַמאָל חרב געוואָרען דער ערשטער בית־המקדש דורך נבוכדנאצר׳ן. פון די כלים פון בית־המקדש זיינען גאַנץ גע־בליבען בלויז די מנורה, דער הייליגער טיש (שולחן הפנים) און אַ ספר־תורה. טיטוס האָט זיי געהייסען צונעהמען און היטען אַלס אַנדענק פון דעם זיעג.

דערמיט האָט זיך נאָך ניט געענדיגט די עראָבערונג פון ירושלים. אין איין קווארטאַל פון שטאָדט, וועלכע האָט זיך אָנגערופען די „אויבערשטע שטאָדט“, האָבען זיך פאַרשפּאַרט

די העלדען יוחנן פון גוש־חלב און שמעון בן־גיורא מיט דעם רעשט פון זייערע מחנות. זיי האבען ערקלערט, אז זיי וועלען נאר דעמאלט אונטערגעבען דיזען טייל פון שטאדט צו טיטוס'ן ווען מען וועט זיי ערלויבען ארויסצוגעהן פון דארטען פריי מיט די געוועהר אין די הענד. טיטוס האט דערויף ניט מסכים גע־ווען און די מלחמה האט זיך בעגייט. די אויבערשטע שטאדט איז גענומען געווארען פון די רוימער און איז חרב געווארען. די פיהרער יוחנן און שמעון, וועלכע האבען זיך בעהאלטען אונטער דער ערד זיינען פון דארט ארויס אויסגעמאטערטע פון הונגער, און זיינען אריינגעפאלען אין די הענד פון די רוימער. מען האט זיי אוועקגעפיהרט קיין רוים געשמידעט אין קייטען.

§43. דער אונטערגאנג פון יהודה. מיט'ן חורבן פון ירושלים איז אינגאנצען געפאלען די אידישע מלוכה. דער דאזי־גער זעלטענער קאמפף אין דער געשיכטע, דער קאמפף פון א קליי־נער מלוכה מיט דער גרעסטער אימפעריע פון דער וועלט — האט פערשלונגען אונגעהייער פיעל קרבנות: ארום א מיליאן אידען זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה מיט די רוימער (70—66) און ארום הונדערט טויזענד זיינען אוועקגעפיהרט געווארען גע־פאנגען. פון די דאזיגע געפאנגענע זיינען אייניגע געטויט גע־ווארען, אנדערע זיינען פערשיקט געווארען אויף שווערע ארבייט אדער זיינען פערקויפט געווארען אין קנעכטשאפט אויף די מערק פון אזיען און אפריקא. די געזינטערע און שעהנערע פון זיי האט מען איבערגעלאזט צו ראנגלען זיך מיט די ווילדע חיות אין די רוימישע צירקען און אויך צו בעגלייטען טיטוס'ן ביי זיין פייער־ליכען אריינפאהר אין רוים. ווען טיטוס האט געפייערט די גע־בורטסטעג פון זיין פאטער און פון זיין ברודער, האט ער געמאכט מיליטערישע שפיעלען און גלאדיאטארישע געשלעגען, ביי וועלכע מען האט א סך געפאנגענע אידען געווארפען צו די ווילדע חיות, צוריסען צו ווערען, כדי צו אונטערהאלטען דעם עולם. נאכדעם האט טיטוס זיך אומגעקערט קיין רוים מיט פיעל רויב און א מאסע אידישע געפאנגענע. דא האט דער אימפעראטאר וועספאס־יאנוס געמאכט א פייערליכע פראצעסיע איבער'ן שטאדט לכבוד דעם זיעג איבער יהודה. פאראויס פון דעם אימפעראטאר און זיי־



טיטוס'עס טויער אין רוים אין אָנדענק פון זיין זיעג איבער ירושלים.

נע צוויי זיהן, טיטוס און דאמיציאנוס, זיינען געגאנגען אין קיי־טען די געפאנגענע אידען; דא האט מען אויך געפיהרט די הייליגע כלים, וועלכע זיינען צוגענומען געווארען פון בית־המקדש. ווען די פראצעסיע איז צוגעקומען צום טעמפעל פון יופיטער, האט מען פון צווישען די אידישע געפאנגענע ארויסגעפיהרט דעם קאמאנדיר שמעון בן־גיורא, מען האט ארויפגעווארפען אויף איהם א שטריק און איהם אריינגעשלעפט אין געפענגניס, נעבען דעם פארום, און דארטען האט מען הינגעריכט דעם אידישען העלד. דער עולם אין דרויסען האט מיט פרייד־געשרייען אויפגענומען די נאכריכט פון זיין טויט. דער אנדערער פיהרער יוחנן פון גוש־חלב איז פעראורטיילט געווארען אויף לעבענסלענגליכע געפענגנים. אין אנדענק פון דעם זיעג, האבען די רוימער אויסגעגאסען בעזונדערע מטבעות מיט דעם בילד פון א פרוי, געשמיעדט אין קייטען און אונטערגעשריבען: „יודעא קאפטא, יודעא דעוויקטא“, די געפאנגענע יהודה, די בעזיעגטע יהודה.

נאכ׳ן חורבן פון ירושלים זיינען אין יהודה געבליבען דריי פעסטונגען. די שטארקסטע פון זיי, מסדה, (נעבען טויטען ים) האבען די רוימער גענומען אין דריי יאהר ארום נאך טיטוס׳עס אוועקגאנג (73). די העלדישע פערטיידיגער פון מסדה האבען זיך געשלאגען ביז׳ן לעצטען טראפען בלוט פאר דיזער לעצטער שטיצע פון פאטערלאנד. אלע אידישע קריעגער וואס האבען זיך געפונען אין פעסטונג (ארום טויזענד), האבען, בעגייסטערט פון א רעדע פון זייער פיהרער אליעזר בן־יאיר, דערשטאכען מיט שווערדען זייערע ווייבער און קינדער, און דערנאך זיך אליין, כדי ניט אריינצופאלען אויף שפאט אין די הענד פון דעם שונא. ווען די רוימער זיינען אריין אין מערה, האבען זיי געפונען לעבעדיג נאר צוויי פרויען מיט פינף קינדער.

דאס גאנצע לאנד יהודה איז ערקלערט געווארען פאר׳ן אייגענטום פון די רוימישע קיסרים. שטיקער לאנד זיינען טיילוויז צוטיילט געווארען צו רוימישע סאלדאטען וואס האבען זיך דארט בעזעצט, און טיילוויז זיינען זיי פערקויפט געווארען צו אנדערע געצענדיענער, בלויז א קליינע פראווינץ איז אבגעטיילט געווארען פאר די געבליבענע אידען צום וואוינען. דעם שטייער פון א האל־

בען שקל, וואָס פריהער האָט יעדער איד געצאָהלט פאַר׳ן בית־המקדש, האָט מען איצט בעפעהלען אויפצומאָנען פאַר׳ן טעמפעל פון יופיטער אין רוים.

די איבערגעבליבענע פון דער זעלאָטישער פּאַרטיי, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון יהודה, האָבען געפונען רוה אין מצרים, זייענדיג דורכגעדרונגען מיט אַ האַס צו רוים האָבען דיזע „לעצטע קנאים" אויפגעמונטערט די עגיפּטישע אידען צו אַן אויפשטאַנד נעגען די רוימער אָבער די דאָזיגע אונטערנעהמונג האָט זיך ניט איינגעגעבען. וועספּאַסיאָנוס האָט דעם אויפשטאַנד שנעל דערשטיקט. בדי צוצונעהמען ביי די אידען זייער לעצטעם היילינטום, האָט ער בעפעהלען צו פערניכטען דעם בית המקדש, וואָס זיי האָבען געהאַט אין מצרים (73).

אגריפּאַס דער צווייטער, דער זוהן פון דעם לעצטען קעניג פון יהודה, האָט אויפגעהיט זיין קליינע סירישע קעניגרייך, און האָט געלעבט אמאָל אין רוים און אמאָל אין זיין מלוכה. וועספּאַסיאַנוס האָט איהם רייך בעלוינט פאַר זיין געטריישאַפט צו רוים און פאַר זיין הילף צו בעזיעגען גליל. אגריפּאַס׳עס שוועסטער בערעניקא האָט געלעבט ביי טיטוס׳ן אין פּאַלאַץ אין רוים. טיטוס האָט מיט איהר ניט חתונה געהאַט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די רוימער וועלען זיין אונצופריעדען אויב ער וועט זיך משדך זיין מיט אַ אידישער פרוי; בערעניקא האָט זיך אַן ענטוישטע אומגעקערט קיין פּאַלעסטינא.

יוסיפוס פלאַוויוס האָט געלעבט ביים רוימישען הויף ביז זיינע לעצטע טעג. ער איז געווען אַן אונפעהיגער קריעגספיהרער, אָבער ער איז בעריהמט געוואָרען אַלס היסטאָריקער פון זיין פאָלק. דעם נאָמען פלאַוויוס האָט ער געקראָגען פון וועספּאַסיאַנוס׳עס פאַמיליען־נאַמען — פלאַוויוס, אַלס אויסדרוק פון קעניגליכען דאַנק. וועספּאַסיאַנוס האָט געשענקט יוספ׳ן גרויסע שטרעקען לאַנד אין יהודה, און האָט איהם אָבגעטראָטען צום וואוינען איינע פון זיינע הייזער אין רוים. דאָ האָט יוסף אָבגעלעבט ארום צוואַנציג יאָהר, און האָט געשריבען זיינע בעריהמטע ווערק — די געשיכטע פון אידישען פאָלק. ער האָט דערצעהלט אויספיהרליך וועגען יענע מלחמות, אין וועלכער

ער אליין האט אנטייל גענומען און האט זיי אליין צוגעזעהן. זיין געשיכטע „די אידישע מלחמות“, איז לכתחילה געשריבען געווארען אין העברעאיש, אבער צו אונז איז זי דערגאנגען בלויז אין איהר גריכישער איבערזעצונג. דערנאך האט יוסיפוס פלאוויוס אנגעשריבען אויף גריכיש א ווערק פון צוואנציג ביכער אונטערן נאמען „אידישע אלטערטימער“, וועלכע ענטהאלט די געשיכטע פון אידישען פאלק פון די אוראלטע צייטען ביז די לעצטע רוימיש-אידישע מלחמות. די היסטארישע ווערק פון



די רוימישע מטבע אין אנדענק פון אונטערגאנג פון יהודה.

יוסיפוס פלאוויוס צייכנען זיך אויס מיט אן אויסערגעוועהנ־ליכער שעהנקייט פון סטיל און מיט אן אנציהענדער ערצעה־לונגס-פארמע. אבער דער פערפאסער איז אפטמאל פאר־טייאיש ווען ער ערקלערט די פאסירונגען פון זיין צייט. ער שטעלט פאר, צום ביישפיעל, אלע זעלאטען פאר שלעכטע מענ־שען, און גיט אפט די רוימער גערעכט פאר זייער אויפפיה־רונג. צו אונז זיינען אויך דערגאנגען א רייהע ווערק אין גרי־

כיש, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען פון אידען אין יהודה אָדער מצרים, אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר פון דער אי־דישער מלוכה, און וועלכע זיינען ענג פערבונדען מיט דער ביב־לישער ליטעראַטור. די דאָזיגע ווערק זיינען בעוואוסט אונטערן נאָמען אפּאָקריפען, אָדער „בעהאַלטענע שריפטען“.

די אפּאָקריפען בעשטעהען פון: 1) ספר השמונאים, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען די מלחמות פאַר יהודה׳ס בעפרייאונג פון סירישען יאָך; 2) משלי יהושע בן־סירא; 3) יהודית, וואו עס ווערט בעשריבען די העלדענטהאַט פון אַ אידישער פרוי יהודית, וועלכע האָט גע׳הרג׳עט דעם באַבילאָנישען קריעגספיה־רער האָלאָפערנעס און האָט דערמיט געראַטעוועט יהודה; 4-5) מאָראַלישע ערצעהלונגען טוביה און שושנה; 6) חכמת שלמה און אייניגע אַנדערע ספרים. אַ טייל פון די דאָזיגע ווערק איז געשריבען געוואָרען לכתחילה אין העברעאיש, נאָר שפּעטער זיינען די העברעאישע אָריגינאַלען פערלאָרען געגאַנגען און עס זיינען געבליבען נאָר די גריכישע איבערזעצונגען פון זיי. איי־ניגע אפּאָקריפען זיינען מיט זייער גייסט זעהר נאָהנט צום תנ״ך (צום ביישפּיעל, די ערשטע טיילען פון „חשמונאים“ און „משלי בן־סירא“), נאָר די חכמים האָבען זיי ניט אריינגענומען צווישען די הייליגע שריפטען, ווייל זיי זיינען געשאַפען געוואָ־רען אין אַ שפּעטערער צייט.

זיבעטער קאַפּיטעל.

פון חורבן ירושלים ביז דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא

(70—138 יאָהר)

§44. **יוחנן בן־זכאי.** ווען די אידישע מלוכה האָט נאָך עקזיסטירט און האָט נאָך געקעמפּפט מיט רוים פאַר איהר זעלבסט־שטענדיגקייט, האָבען די ווייטזיכטיגע גייסטיגע פיהרער פון פאָלק פאָראויסגעזעהן אַז דאָס פאַטערלאַנד וועט שנעל אונטערגעהן. פונדעסטוועגען האָבען זיי ניט פערלאָרען דעם מוט און האָבען גע־

גלויבט, אז דאס אידישע פאלק וועט ניט אונטערגעהן אפילו ווען עס וועט פערלירען זיין מלוכה. די דאזיגע מענשען האבען פערשטאנען, אז די אמת'ע קראפט פון א פאלק בעשטעהט ניט אין רעגירונג אדער אין מיליטערישער מאכט, נאר אין דעם גייסט, אין דער אינוועניגסטער אחדות, וועלכע קומט ווען דאס פאלק איז פעראייניגט אין זיינע געפיהלען, אין זיין גלויבען און אין זיינע זיטען און מנהגים. דעריבער האבען זיי געארבייט צו פערשטארקען אין די אידען דעם רעליגיעזען און נאציאנאלען גייסט. דער וויכטיגסטער צווישען זיי איז געווען דער תנא ר' יוחנן בן זכאי, איינער פון די חשוב'סטע מיטגליעדער פון סנדהרין, דער פיהרער פון בית־הלל. ר' יוחנן איז געווען דער פיהרער פון דער פריעדליכער פארטיי און האט פאראויסגעזעהען דעם אונטערגאנג פון יהודה. ער האט דעריבער בעשלאסען צוצוגרייטען א פלאץ וואוהין צו רעטען די גייסטיגע פיהרער פון פאלק ווען ירושלים וועט חרב ווערען. נישט לאנג פאר דער בעלאגערונג פון ירושלים, ווען די סאלדאטען האבען פערשפארט די טויערען פון דער הויפטשטאדט און קיינעם ניט ארויסגעלאזט, האט זיך ר' יוחנן מיט זיינע תלמידים ארויסגע'גנב'עט פון שטאדט אויף א כיטרען אופן: די תלמידים האבען אנגעטהאן דעם גרייז־גרויען יוחנן אין תכריכים, האבען איהם אריינגעלעגט אין אן ארון און איהם ארויסגעפיהרט פון שטאדט אזוי ווי א מת. ווען זיי זיינען שוין געווען הינטער'ן שטאדט איז יוחנן אויפגעשטאנען און איז געקומען צום רוימישען קריעגספיהרער וועספאסיאנוס און האט איהם געזאגט: „ערלויב מיר זיך בעזעצען מיט מיינע תלמידים אין דער שטאדט יבנה און גרינדען דארט א ישיבה" (יבנה איז ניט ווייט פון יפו). וועספאסיאנוס האט פריינדליך אויפגענומען דעם אידישען תנא, וועלכער איז געשטאנען פאר שלום מיט די רוימער, און האט דערפילט זיין בקשה.

אין גיכען נאכדעם ווי יוחנן האט זיך בעזעצט אין יבנה, איז אנגעקומען אהין די שרעקליכע ידיעה אז ירושלים און דער בית־המקדש זיינען חרוב געווארען. לאנג האבען דער לעהרער און די תלמידים געוויינט אויפ'ן גרויסען אומגליק, וואס האט געטראפען זייער פאטערלאנד. די תלמידים האבען געדענקט, אז נאכדעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געווארען און עס האבען אויפגעהערט

די קרבנות, וועט די אידישע אמונה מוזען אונטערגעהן. אָבער יוחנן האָט זיי געטרייסט, דערמאָנענדיג זיי די ווערטער פון די נביאים, אז דאָס אמת'ע דיענען צו גאָט בעשטעהט ניט אין ברענגען קרבנות, נאָר אין עהרליכקייט און גוטע מעשים. „פאַר גאָט — האָט ער געזאָגט אין די ווערטער פון תנ"ך — זיינען ליעב גוטע מעשים, און נישט קיין קרבנות. אזוי ווי פריהער האָט פעראייניגט אַלע אידען דער בית־המקדש, אזוי דאַרף זיי איצט פעראייניגען די אמונה און איהרע מצוות". צו לערנען תורה האָט יוחנן געגרינדעט די ישיבה אין יבנה, און אויף אַכטונג צו געבען אז אַלע דינים זאָלען אָבגעהיט ווערען האָט ער אין דערזעלבער שטאָדט געגרינדעט אַ בית־דין, וואָס איז געוועזן אַ נייער סנהדרין, אויף דעם אָרט פון דעם אונטערגעגאַנגענעם סנהדרין אין ירושלים. אונטער דער פיהרערשאַפט פון ר' יוחנן, האָט דער יבנה'ר סנהדרין גענומען ברענגען אין אָרדנונג די גייסטיגע ענינים פון די אידען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ נייער מין גאָטעסדיענסט, אָהן קרבנות, נאָר איניגע צערעמאָניעס פון בית־המקדש זיינען אויפגעהיט געוואָרען אַלס אָנדענק פון דער פערגאַנגענהייט (צום ביישפיעל דאָס דוכענען, ד. ה. די צערעמאָניע ביים ענדע פון דאַווענען ווען די כהנים בענשען דאָס פאָלק, דאָס שופר בלאָזען, און אַ לולב און אתרוג אום סכות א. אַ. וו.)

ניט לאַנג אָבער האָט ר' יוחנן בן־זכאַי געפיהרט די גייסטיגע ענינים פון די אידען. ער איז שוין געוועזן זעהר אַלט און איז געשטאָרבען אין עטליכע יאָהר אַרום נאָכ'ן חורבן ירושלים (80). פאַר'ן טויט האָט ער געבענשט זיינע תלמידים און האָט זיי געזאָגט: זאָל די מורא פאַר גאָט (גייסטיגע דיסציפלין) זיין אויף אייך אזוי שטאַרק ווי די מורא פאַר מענשען (מלוכה־דיסציפלין).

§45. רבי גמליאל דער צווייטער. נאָך ר' יוחנן בן־זכאַי'ס טויט איז דער עלטסטער פון דעם סנהדרין אין יבנה געוואָרען גמליאל דער צווייטער, דער זוהן פון שמעון דעם צווייטען, דער לעצטער נשיא פון דעם סנהדרין אין ירושלים. שמעון איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג פון ירושלים און יוחנן בן זכאַי האָט גענומען זיין יונגען זוהן צו זיך צו ערציהען. יוחנן האָט געהאָדעוועט און געלעהרנט דעם אינגעל אין יבנה און האָט איהם געגרייט צו זיין זיין נאָכפאָלגער. נאָכ'ן טויט

פון זיין ערציהער און לעהרער, איז גמליאל געוואָרען דער ראש פון סנהדרין. ביז דעמאָלט איז דיזער אַמט איבערגעגאַנגען בירושה אין הלל'ס פאַמיליע. די רוימישע הערשער האָבען בעשטעטיגט גמליאל'ן אין זיין אַמט און האָבען איהם געגעבען דעם טיטעל נשיא, אָדער פּאַטריאַרך, ד. ה. דער עלטסטער פון די אידען אין פּאַלעסטינא. דער יונגער גמליאל האָט זיך אויסגעצייכענט ניט נאָר אַלס גוטער לעהרער נאָר אויך אַלס פעהיגער פיהרער. אויסער זיין טיעפען וויסען אין דער תורה האָט ער גוט געקענט די רוימישע און גריכישע שפּראַכען, וועלכע זיינען געווען נויטיג אין זיינע בעציהונגען מיט די קעניגליכע פּראָקוראַטאָרען און אַנדערע בע־אַמטע.

אין יענער צייט איז אימפּעראַטאָר אין רוים, נאָך טיטוס'ן, געווען זיין ברודער דאָמיציאַן (81—96). דאָמיציאַן, וועלכער איז געווען אַ גרויזאַמער מענש און די רוימער אַליין האָבען איהם גע־האַסט, האָט זיך געהאַלטען צו די אידען זעהר פיינדליך. אין זיין צייט האָבען די רוימישע בעאַמטע אין יהודה שטאַרק געדריקט די איינוואוינער און אַרויפגעלעגט אויף זיי אַ שווערע לאַסט פון שטייערען. די אידישע אמונה איז דעמאָלט אויך געווען אין סכנה, ווארום צווישען די אידען האָבען זיך בעוויזען סעקטען, וועלכע האָבען אָנגענומען די נייע קריסטליכע לעהרע. כדי צו פערפעס־טיגען די אינוועניגסטע איינינגקייט פון פאָלק, האָט רבי גמליאל בע־שלאָסען צו פערגרעסערען די מאַכט פון סנהדרין צו מאַכען דינים. דאָס איז געווען זעהר שווער. פון יוחנן בן זכאי'ס ישיבה זיינען אַרויסגעקומען גרויסע תנאים, ווי צום ביישפּיעל יהושע בן־חנניה און אליעזר בן־הורקנוס, וועלכע האָבען געגרינדעט אין פערשיי־דענע ערטער זייערע אייגענע ישיבות. יעדע ישיבה האָט אויסגע־טייטשט די דינים און די טראַדיציעס פון יודענטום אויף איהר אייגענעם שטייגער; עס האָבען זיך אָנגעהויבען אויף ס'ניי די אַל־טע מחלוקות צווישען בית־הלל און בית־שמאי. כדי צו מאַכען אַ סוף צו די מחלוקות פון די געזעץ־לעהרער, האָט גמליאל הנשיא ערקלערט, אַז דער סנהדרין דאַרף יעדען מאָל בעשליסען מיט אַ מעהרהייט פון שטימען, וועלכע אויסטייטשונג פון אַ דין איז די ריכטיגע. יענע תנאים, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט אונטער־

וואַרפען צו די בעשלוסען פון דער מעהרהייט אין סנהדרין פלעגט רבי גמליאל איינגאַנצען ניט אַריינלאָזען אין דער ישיבה. אַזאַ מין שטראָף האָט געקראָגען אפילו אליעזר בן־הורקנוס, וועלכער איז געווען זעהר געשעצט ביים פאָלק.

דיזע שטרענגקייט האָט אַרויסגערופען אונצופרידענקייט געגען רבי גמליאל. צווישען די תנאים האָט זיך געגרינדעט אַ פיינדליכע פאַרטיי געגען דעם נשיא, וועלכע האָט זיך ענטזאָגט איהם צו פאָלגען, און האָט אויסגעקליבען אויף זיין אָרט אַן אַנדער נשיא פון סנהדרין, דעם יונגען תנא אליעזר בן־עזריה. רבי גמליאל האָט זיך אָהן טענות אונטערגעגעבען און איז פערבליבען זיצען אין סנהדרין אַלס געוועהנליכער מיטגליעד. דעמאָלט האָבען אַלע פערשטאַנען, אַז רבי גמליאל איז זיך בעגאַנגען אַזוי שטרענג ניט פון גאוה, נאָר ווייל ער האָט באמת געוואָלט מאַכען אַ סוף צו די געפעהרליכע רעליגיעזע מחלוקות. איז גמליאל צוריק ערוועהלט געוואָרען פאָרזיצענדער פון סנהדרין, און אליעזר בן־עזריה איז געבליבען אַלס זיין העלפער. רבי גמליאל האָט מסדר געווען די אָרדנונג און דעם אינהאַלט פון די טעגליכע תפלות: שחרית (מאָרגען־תפלה), מנחה (פאַרנאַכטיגע תפלה) און מעריב (ביינאַכטיגע תפלה). ער האָט אויך איינגעפיהרט די וויכטיגסטע תפלה פון טאָג, שמונה עשרה, וועלכע בעשטעהט פון אַכטצעהן ברכות. אין דיעזער תפלה איז יעדער איד מתפלל ניט נאָר פאַר זיין אייגענעם וואוילזיין, נאָר אויך פאַר דער ווידער־אויפלעבונג פון ירושלים און פון דער אידישער מלוכה. כדי די איבעראַל־צושפּרייטע אידען זאָלען וויסען די ריכטיגע צייט פון די ימים־טובים, פלעגט דער יבנה'ר סנהדרין יעדען מאָל מודיע זיין וועגען דעם די פערוואָרפענע קהלות דורך בעזונדערע שלוחים. כדי אויסצומיידען טעות'ן, פלעגען די אידישע קהלות אין חוץ לארץ פייערען פסח, שבועות, סוכות און ראש־השנה מיט אַ טאָג מעהר ווי אין ארץ־ישראל. דערפון האָבען זיך גענומען די „אַנדערע טעג“ פון די ימים־טובים.

אין יענע צייטען, ווען דאָס קריסטענטום האָט זיך געהאַלטען שטאַרק אין פערשפּרייטען, זיינען אויך געווען פעלען, וואָס געצענדיענער פלעגען אָננעהמען די אידישע אמונה. אַזעלכע זיינען געווען איינינע נאָהנטע קרובים פון דעם קיסר דאָמיציאַן,

וועלכע האָבען אָבגעהיט די מהגים פון דער אידישער רעליגיאָן. דער גרויזאמער קעניג האָט דערפאַר נאָך מעהר פערהאַסט די אי־דען. איין געלעהרטער גריך פון קליין־אַזיען, מיט'ן נאָמען עקילס, האָט זיך מגייר געווען און האָט זיך בעפריינדעט מיט רבי גמליאל הנשיא און מיט די אידישע תנאים. אונטער זייער השגחה האָט עקילס געמאַכט אַ ווערטערליכע גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך, אַנשטאַט דעם אַלטען, צוקאַליעטשעטען „תרוגם השבעים" (אי־בערזעצונג פון די זיבעציג). אָבער עקילס'עס איבערזעצונג איז צו אינז ניט דערגאַנגען, עס איז נאָר געבליבען אַן אַראַמעאישע איבערזעצונג פון דער תורה וואָס איז געמאַכט געוואָרען לויט זיין איבערזעצונג, מיט'ן נאָמען „תרגום אונקלוס" (די איבערזעצונג פון אונקלוס, ד. ה. עקילס).

§46. **מהומות אין דער צייט פון טראַיאַנוס און האַ־דריאַן.** אין דריי יאָהר אַרום נאָך דעם טויט פון דאָמיציאַן, איז קיסר פון רוים געוואָרען טראַיאַנוס (98). ער האָט געפיהרט לאַנגע מלחמות מיט די פּאַרטיער, וועלכע האָבען געלעבט אין די אַמאָליגע לענדער פון בבל און פּערסיען. אין דיזע לענדער האָבען אויך גע־לעבט אַ סך אידען. אין די גרויסע שטעדט, ווי נהרדעא און נציב האָבען זיך געפונען רייכע אידישע קהילות. דערהערענדיג אַז טראַיאַנוס'עס חיל קומט אָן האָבען די אידען אין בבל זיך אָנגע־הויבען שרעקען, אַז די גרויזאַמע רוימער וועלען ביי זיי צונעהמען זייער פריינהייט, אַזוי ווי זיי האָבען זי צוגענומען ביי די אידען פון פּאַלעסטינא. דעריבער זיינען זיי אַרויסגעטראָטען געגען דעם רוימישען חיל מיט געוועהר אין די הענד (115). טראַיאַנוס האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד, אָבער די מרידה איז אויסגעבראָכען אין אַנדערע ערטער. די אויפרעגונג געגען רוים האָט זיך פער־שפּרייט צווישען די אידען, וועלכע זיינען געווען צוזייהט אין אַלע רוימישע פּראָווינצען אין אַזיען און אַפריקע. די אידען האָבען איבעראַל פערהאַסט די רוימער, אַלס די צושטערער פון ירושלים און דעם בית־המקדש. זיי האָבען געהאָפט אַז אין גיכען וועט קומען משיח, דאָס הייסט, דער אויסלייזער, וועלכער וועט צונויפ־זאַמלען דאָס צוזייהטע פאָלק קיין ארץ־ישראל און וועט אויפשטע־לען דאָרט אַ נייע, פרייע און שטאַרקע אידישע מלוכה. אין קליין־

די פּראָצעסיע פון די אידישע געפאַנגענע טראָגענדיג די כלים פון בית־המקדש, אויף „טיטוס'עס טויער" אין רוים.

אזיען, אויפ'ן אינזעל ציפערן און אין מצרים, האָבען זיך די אידען גענומען פאר די וואַפען און פלעגען הרג'ענען זייערע היידנישע אונטערדריקער (116). האָט טראַיאַנוס ארויסגעשיקט געגען די מורדים דעם קריעגספיהרער טורבאָ, וועלכער האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד מיט דער גרעסטער אכזריות. די אידען פון אלעקסאנדריען האָבען אויך געליטען; זייער פראַכטפולע, גרויסע שוהל, וועלכע איז געווען בעריהמט נאָך פון די צייטען פון די תלמי'ס, איז צושטערט געוואָרען ביז'ן גרונד. אין ארץ־ישראל האָבען זיך אויך בעוויזען סמנים פון פאָלקס־אונרוהען, און טראַיאַנוס האָט געשיקט אהין אלס פּראָקוראַטאָר דעם גרויזאַמען קריעגספיהרער קוויעטוס, און האָט איהם איבערגעגעבען צו האַלטען די אידען אין צאַם. אין גיכען נאָכדעם איז טראַיאַנוס געשטאָרבען און אויפ'ן רוימישען טראָהן איז ארויף דער קיסר האדריאן (117).

האדריאן האָט מורא געהאַט פאַר'ן אידישען אויפשטאַנד אין דעם מאָמענט ווען אין גאַנצען מזרח זיינען געווען מהומות און ער האָט פון אנפאנג זיך ארויסגעוויזען דוקא פריעדליך. ער האָט צוריקגערופען פון ארץ־ישראל דעם גרויזאַמען קוויעטוס און ער האָט אפילו צוגעזאָגט אויפצושטעלען צוריק דאָס חרב'ע ירושלים און דעם בית־המקדש. די אידען האָבען געגלויבט די הבטחות און האָבען זיך בערוהיגט. זיי האָבען ניט פערשטאַנען האדריאנ'ס אמת'ע כונה. האדריאן האָט געוואָלט אָבבויען ירושלים ניט פון זייערטוועגען, נאָר פאר די געצענדיענער. זיי האָבען באַלד פערשטאַנען זייער טעות. דער קיסר האָט זיך ניט געאיילט צו דערפילען זיין צוזאָג. די לעגענדע דערצעהלט, אז ער האָט פאָרגע־שלאָגען די אידען אויפצובויען זייער בית־המקדש ניט אין ירושלים, נאָר אין אן אנדער אָרט. אָבגענאַרט אין זיינע ערוואַרטונגען, האָט דאָס פאָלק ווידער אָנגעהויבען ווערען אונרוהיג. א גרויסע מאַסע בעוואָפענטע אידען האָבען זיך צונויפגעקליבען אין בית־רמון און האָבען זיך גענומען גרייטען צו אן אָנפאַל אויף די רוימער.

דער אויפשטאַנד וואָלט זיך געווען גיך צופלאַקערט, ווען עס זאָל זיך ניט נעווען אריינמישען דער גרויסער תנא רבי יהושע בן־חנניה, וועלכער איז נאָכ'ן טויט פון רבי גמליאל דעם צווייטען געווען דער נשיא פון סנהדרין. יהושע האָט פאָראויסגעזעהן, אז דער

אויפשטאַנד פון די אידען וועט זיך ענדיגען מיט אַ נייעם אומ־גליק, און ער האָט אַוועקגעאיילט קיין בית־רמון. דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די מורדים מיט אַ רעדע און האָט זיי דערצעהלט דעם פאָלגענדען משל: דער לייב, דער קעניג פון די חיות, האָט איינמאָל געגעסען זיין רויב און האָט זיך פּלוצלינג גענומען וואר־גען מיט אַ ביין. האָט ער אָנגעהויבען רופען צו הילף, צוזאָגענדיג אַ גרויסע בעלוינונג יענעם, וואָס וועט איהם ארויסציהען די ביין פון האלז. איז געקומען צופליהען אַ שטאָרך, וועלכער האָט אריינ־געדרוקט זיין לאַנגען שנאָבעל דעם לייב אין מויל, און האָט ארויס־גענומען די ביין. דאַן האָט דער שטאָרך גענומען פאָדערען ביים לייב די צוגעזאָגטע בעלוינונג. נאָר דער לייב האָט מיט אַ גע־לעכטער געזאָגט: „געה דיר, און זיי צופריעדען וואָס דו האָסט ארויסגענומען דיין קאָפּ גאַנץ פון מיין מויל". אזוי איז מיט אונז — האָט רבי יהושע געענדיגט; מיר דארפען זיין צופריעדען, וואָס אריינפאָלענדיג אין די הענד פון די רוימער, זיינען מיר ניט איינגאַנצען פערניכטעט געוואָרען דורך זיי. דאָס פאָלק האָט גע־פאָלגט און איז זיך צוגאַנגען אַהיים.

§47. רבי עקיבא. נאָכ'ן טויט פון דעם פריעדליכען יהושע האָט אויף די אידען אַ שטאַרקען איינפלוס געקראָגען דער גרויסער תנא רבי עקיבא בן־יוסף, וועלכער האָט דוקא געוואָלט ברענגען דאָס פאָלק צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד געגען די רוימער. דאָס לעבען פון דיזען מערקווירדיגען מענשען איז געווען פול מיט אויסערגעוועהנליכע פאַסירונגען. אין זיין יוגענד איז רבי עקיבא געווען זעהר אָרים און האָט געדיענט אַלס פּאַסטוך ביים ירושלים'ער גביר כלבא־שבוע. די טאָכטער פון זיין בעל־הבית, רחל, האָט ליעב געקראָגען דעם פּאַסטוך און האָט איינגעשטימט צו ווערען זיין ווייב בתנאי ער זאָל זיך ווידמען צום לערנען. רחל'ס פאָטער, וועלכער האָט ניט געוואָלט דעם שדוך, האָט ארויסגעטריבען זיין טאָכטער פון הויז. רחל האָט געלעבט מיט איהר מאַן אין גרויס נויט. עקיבא האָט זיך גענומען צום לערנען מיט גרויס פלייסיג־קייט. ער האָט זיך געשיידט מיט זיין געליעבטע פרוי און איז אומגעגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט און האָט אין פערשיידענע ישיבות געלערנט תורה. אין דער צייט ווען רבי עקיבא איז געווען

נע־ונד האָט רחל אזוי געליטען נויט, אז זי האָט איינמאָל געמוזט אָבשניידען איהרע פּראַכטפולע האָר און עס פאַרקויפען, כדי צו האָבען אויף אַ שטיקעל ברויט. נאָר פונדעסטוועגען האָט זי גע־דולדיג געוואַרט אויף איהר מאַן, זייענדיג זיכער אין זיין ערפאָלג. און ווירקליך אין פיעל יאָהר אַרום האָט זיך רבי עקיבא אומגע־קערט אַ היים, אַלס בעריהמטער תנא, בעגלייט פון אַ גרויסער צאָל תלמידים. די געטרייע פרוי האָט איהם בעגעגענט מיט פרייד, און אפילו זיין שווערער האָט זיך מיט איהם איבערגעבעטען.

ר' עקיבא האָט זיך געדעכענט פאַר'ן גרעסטען תנא ביי אי־דען נאָך הלל'ן. וועגען איהם פלעגט מען זאָגען, אז „אויף יעדען פינטעל פון דער תורה האָט ער אָנגעהאָנגען בערג מיט דינים", דאָס הייסט, פון די דינים פון דער תורה, האָט ער אויסגעפיהרט אַ סך אַנדערע געזעצען און דינים. אזוי ווי אין יענער צייט האָט זיך שוין אָנגעקליבען אַ סך דינים און טראַדיציעס בעל־פה, האָט זיי רבי עקיבא צונויפגעזאַמעלט און געבראַכט אין אָרדנונג. די דאָזיגע זאַמלונג פלעגט מען לערנען אין די ישיבות און זי האָט געהייסען „משניות דרבי עקיבא".

אָבער רבי עקיבא איז ניט געוועזען בלויז אַ גייסטיגער פיהרער. ער האָט אויך געוואָלט זיין אַ טהוער אין די מלוכה ענינים, און אַ קעמפּפער פאַר דער פרייהייט פון זיין פאָלק. ער האָט געהאַסט די רוימער אַלס די שונאים פון דער אידישער אומה, און האָט זיין גאַנץ לעבען געטרוימט, אז די אידען זאָלען בעפרייט ווערען פון רוימישען יאָך און אז דער בית־המקדש זאָל צוריק אויפגע־בויט ווערען. נאָך אין דער צייט פון דאָמיציאַנ'ס קעניגען איז ער מיט נאָך דריי תנאים געגאַנגען קיין רוים צו בעטען דעם קיסר ער זאָל אָבשאַפען איינינע שווערע גזירות, וואָס זיינען אַרויסגע־געבען געוואָרען געגען די אידען. ווען די תנאים זיינען אונטער־געקומען צו רוים און האָבען פון ווייטענס דערהערט דעם טומעל פון דיזער בעלעבטער און פרעהליכער שטאָדט, האָבען עקיבא'ס חברים זיך צעוויינט: עס האָט זיך זיי דערמאָנט ווי אזוי זייער איינענע הויפּטשטאָדט ירושלים איז פערוויסט, פערלאָזען, אין דער צייט ווען די הויפּטשטאָדט פון זייער שונא בליהט. נאָר עקיבא האָט געזאָגט צו זיינע חברים: צו־וואָס דאָס וויינען?

אויב נאָט גיט אַזוי פּיעל גוטס צו די יעניגע וואָס טהוען ניט זיין ווילען, וויפיעל זשע וועט ער שוין בעצאָלען שפּעטער די יעניגע וואָס דערפילען יאָ זיין רצון!" אַן אַנדער מאָל איז רבי עקיבא און זיינע חברים געגאַנגען אין דער אומגעגענד פון דער פערוויס־טער ירושלים. צוקומענדיג צום הר־הבית האָבען זיי דערזעהן ווי פון די חורבות פון בית־המקדש איז אַרויסגעלאָפען אַ שאַקאַל, די חיה פון מדבר. רבי עקיבא'ס חברים האָבען זיך ביטער פאַנאַנ־דערגעוויינט, דערזעהענדיג דעם גרויסען חורבן; ער אָבער, פאַר־קערט, האָט געשמייכעלט. „וואָס שמייכעלסטו?" האָבען זיי איהם פערוואונדערט געפרעגט. און רבי עקיבא האָט זיי געענט־פערט: „אויב עס זיינען מקוים געוואָרען די רייד פון אונזערע נביאים, אַז ציון וועט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ מדבר, וועט אויך אַמאָל מקוים ווערען זייער נבואה, אַז ציון וועט צוריק אויפגע־שטעלט ווערען". די האָפנונג פון דער אידישער בעפרייאונג האָט עקיבא'ן קיינמאָל ניט פערלאָזען. די אונרוהען פון פאָלק אין די צייטען פון טראיאַנוס און האַדריאַן האָבען פערשטאַרקט אין איהם די דאָזיגע האָפנונג. ער איז אומגעפאָהרען איבער פערשיידענע שטעדט אין ארץ ישראל און קליין־אַזיען, און האָט געוועקט די אידען צו אַן אויפשטאַנד געגען די רוימער.

§48. דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא. אין דער צייט ווען אין ארץ־ישראל האָט מען זיך געגרייט צום אויפשטאַנד, האָט זיך בעוויזען אַ מאַן, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פון פאָלק. דאָס איז געווען שמעון בר־כוזיבא (פון דער שטאָדט כוזיב), וועל־כער האָט געקראָגען דעם צונאָמען „בר־כוכבא" (דער זוהן פון די שטערען). בר־כוכבא איז געווען אַ מוטיגער קריעגער און האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקע גבורה. דער גייסטיגער פיהרער פון די אידען, רבי עקיבא, האָט אַנערקענט בר־כוכבא'ן אַלס דעם קריעגס־פיהרער און האָט זיך פעראייניגט מיט איהם צו אַרבייטען צוזאַ־מען. רבי עקיבא האָט געגלויבט, אַז בר־כוכבא איז יענער בע־פרייער פון אידישען פאָלק, וועגען וועלכען עס ווערט פאָראויסגע־זאָגט אין דעם נביא'ס רייד: „עס וועט אויפגעהן אַ שטערען פון יעקב'ס שטאַם". פּיעל אידען האָבען נאָכגעטהאָן זייער גרויסען רבי'ן און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן בר־כוכבא'ן.

פון אלע רוימישע פּראָווינצען אין אזיען האָבען צעהנדליגע טויזענדע אידישע קעמפּפער גענומען שטראָמען צו דער פאָהן פון דעם נייעם פיהרער. בר־כוכבא האָט שטאָלצירט מיט דער דאָזי־גער ארמיי און האָט געזאָגט : „גאָט, אויב דו ווילסט ניט העלפען אונז, דאַן העלף האָטש אויך ניט אונזערע שונאים, ווייל דעמאָלט וועלען מיר אויך געווים זיעגען". די ערשטע צייטען האָבען די אידען ווירקליך אָבגעהאַלטען גלענצענדע נצחונות. דער רוימי־שער פּראָקוראטאָר רופוס און זיין קליינער חיל, וואָס איז גע־שטעלט געוואָרען צו בעוואַכען די שטעדט אין פּאַלעסטינא, האָבען ניט געקענט ביישטעהן געגען דער גרויסער ארמיי פון די מורדים. אונטער דער פיהרערשאַפט פון בר־כוכבא האָבען די אידישע קריע־גער גענומען איין פעסטונג נאָך דער אנדערער, און האָבען פאַר־טריבען די רוימער פון כמעט אַלע שטעדט אין ארץ־ישראל. אין די אידישע הענד האָבען זיך אין גיכען געפונען פופציג פעסטונגען און ארום טויזענד שטעדט און דערפער (132—133). איידער נאָך די נייעס פון דעם אויפשטאַנד איז אָנגעקומען צו האדריאַנ'ען, זיינען שוין די רוימער אין יהודה געוועזען איבעראַל צוקלאַפּט. דאָס צווייטע חיל וואָס דער קיסר האָט געשיקט רופוס'ן צו הילף האָט געהאַט דעם זעלבען סוף. בר־כוכבא איז געוואָרען הערשער אין יהודה און האָט שוין אַפילו געהייסען גיסען מטבעות מיט זיין נאָ־מען. דער צענטער פון זיין ארמיי איז געוועזען אין דער בערגיגער פעסטונג ביתר, נאָהנט צו ירושלים.

דער אימפּעראַטאָר, דערשרעקענדיג זיך שטארק פאַר די אי־דישע נצחונות, האָט גליך אָוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל דעם גרעסטען רוימישען קריעגספיהרער פון יענער צייט, יוליוס סע־ווערוס. אזוי ווי די אידישע ארמיי האָט פאַרנומען א זעהר גוטע פּאָזיציע, האָט סעווערוס פון אָנהויב זיך אָבגעהאַלטען פון אַן ענטשיידענדער שלאַכט, און פלעגט נאָר אָנפאַלען אויף בעזונדערע אבטיילונגען אין פערשיידענע ערטער און זיי צושלאָגען. ענדליך האָט סעווערוס געבראַכט די מורדים דערצו, אז זיי האָבען געמוזט אָבטרעטען צו ביתר, וואו בר־כוכבא און זיין חיל האָבען זיך בע־פעסטיגט. א גאַנץ יאָהר האָבען די רוימער בעלאַגערט ביתר. די גרויסע מאַסע אידען, וואָס איז געוועזען פערשפּארט אין דער קליינער

שטאָדט, האָט זיך מוטיג פערטיידיגט; אָבער אויך די בעלאַגערער האָבען געאַרבייט מיט אויסערגעוועהנליכער פלייסיגקייט. אין דער צייט פון דיזער בעלאַגערונג האָבען זיך די אידען ענטוישט אין זייער כלומר'שטען משיח בר־כוכבא. ער איז ניט געווען געגוג פרום, און צייטענווייז פלעגט ער זיין צו גרויזאַם און זעלבסט־הערשעריש. ער האָט בעפעהלען צו טויטען יעדען איינעם, וואָס איז געווען פערדעכטיגט אין פריינדשאַפט צו די רוימער. איינ־מאָל האָט בר־כוכבא מיט זיינע אייגענע הענד גע'הרג'עט אַ גע־וויסען בעריהמטען צדיק מיט'ן נאָמען ר' אליעזר פון מודיעין, אַן אַלטער מאַן, וועלכען עמיץ האָט פער'מסר'ט פאַר איהם. דער דאָזיגער זקן האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער בעלאַגערונג ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין פאַר דעם אידישען חיל; דאָס פאָלק, וואָס האָט געגלויבט אין דעם כח פון זיינע תפלות, האָט שטאַרק בעדויערט זיין טויט. — ענדליך האָבען זיך אויסגעלאָזט די כחות פון די בעלאַגערטע, און סעוועררוס האָט איינגענומען די שטאָדט אין יאָהר 135. די רוימער האָבען געמאַכט אין ביתר אַ שרעק־ליכע שחיטה. צעהנדליגע טויזענדע אידען זיינען אומגעקומען אין דיזער מלחמה. אומגעקומען איז אויך דער פיהרער פון דעם אויפ־שטאַנד, בר־כוכבא. אַ סך אידען, וואָס זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען, זיינען פאַרקויפט געוואָרען פאַר קנעכט. דאָס איז געווען דער טרויעריגער סוף פון דעם לעצטען קאַמפף פון אידישען פאָלק פאַר זיין פרייהייט.

§49. **האַדריאַנ'ס רדיפות.** אַז דער גרויסער אויפשטאַנד אין ארץ־ישראל איז איינגעשטילט געוואָרען, האָט האַדריאַן אָנ־געהויבען גרויזאַם צו פערפאָלגען די אידען, וואָס זיינען געבליבען פון דער מלחמה. אַזוי ווי אַנטיוכוס עפיפאַנעס אַזוי האָט האַד־ריאַן אויך געגלויבט, אַז כל־זמן עס וועט עקזיסטירען די אידישע אמונה וועלען די אידען ניט שלום מאַכען מיט דער אויבערהער־שאַפט פון די געצענדיענער. דעריבער האָט האַדריאַן בעשלאָסען אויסצוראָטען דעם אידישען גלויבען. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ גזרה, אַז די אידען זאָלען ניט אָבהיטען דעם שבת און אַנדערע וויכטיגע דינים פון יודענטום; זיי האָבען אויך ניט געטאָרט געבען זייערע קינדער לערנען אָדער זיך אַליין פערזאַמלען צו לער־

נען תורה. דער פּראָקוראַטאָר רופוס האָט שטרענג אבטונג געגעבען, אז די דאָזיגע גזרות זאָלען אָבגעהיט ווערען, און די אידען האָבען איהם א נאָמען געגעבען „רשע". ער האָט אָנגעשטעלט רוימישע שפּיאָנען צו נאָכשפּירען די יעניגע אידען, וואָס האָבען בשתיקה אָבגעהיט זייער גלויבען און געלערענט תורה, און זיי איבערגעגעבען אין די הענד פון דער רעגירונג צו בעשטראָפען. א סך זיינען דעמאָלט געפאַלען אלס מארטירער פאר זייער גלויבען. א בעזונדערע שטארקייט האָבען ארויסגעוויזען די תנאים.

אז רבי עקיבא האָט פערלאָרען די האָפנונג אויף דער גיכער אויפלעבונג פון דער אידישער מלוכה, האָט ער זיך מיט גרויס איבערגעבענקייט גענומען ווייטער צו טהאָן זיין גייסטיגע ארבייט. ער פלעגט אָפען צוזאַמענגעהמען זיינע תלמידים און פלעגט זיי לערנען תורה, צו להכעיס דעם קעניגליכען בעפעהל. איינער פון זיינע חברים האָט איהם געפרעגט: האָסטו ניט קיין מורא פאר די רוימישע בעאמטע צו „לערנען תורה"? דערויף האָט רבי עקיבא געענטפערט מיט דעם פאָלגענדען משל: איינמאָל איז א פוקס געשטאַנען ביים ברעג פון טייך און האָט דערזעהן ווי פישעלעך לויפען אום אין וואסער צושראָקענע הין און הער. „פון וועמען אנטלויפט איהר?" האָט געפרעגט דער פוקס. „מיר אנטלויפען פון די נעצען, וואָס די מענשען האָבען פארשפּרייט אונז צו פאנגען", האָבען די פישעלעך געענטפערט. האָט דער פוקס געזאָגט: „אויב אזוי, טאָ קומט ארויס אויף דער טרוקעניש און מיר וועלען לעבען צוזאַמען, אזוי ווי עס האָבען געלעבט אונזערע עלטערען". נאָר די פישעלעך האָבען אָבגעענטפערט: „מען זאָגט וועגען דיר, פוקס, אז דו ביסט א קלוגע חיה, נאָר עס זעהט אויס אז ס'איז ניט אמת. אויב מיר האָבען מורא פאר א געפאהר אין וואַסער, אין דעם איינציגען אָרט וואו מיר קענען לעבען, — טאָ ווי זאָלען מיר ניט מורא האָבען אויף דער ערד, וואו מיר וועלען באַלד שטארבען?" „אזוי איז אויך מיט די אידען — האָט רבי עקיבא ווייטער געזאָגט, — אזוי ווי די פיש אָהן וואסער, אזוי קענען מיר ניט לעבען אָהן אונזער הייליגער תורה. און אויב ווען מיר לערנען יאָ זיינען מיר אין סכנה, וואָס זשע וועט שוין זיין ווען מיר וועלען ניט לערנען און די תורה פערלאָזען?

אין גיכען האָבען די רוימער רבי עקיבא'ן געכאפּט און איהם אריינגעוואָרפען אין תפיסה. רופוס האָט בעשלאָסען צו בעשטראָפען דעם גייסטיגען פיהרער פון די אידען, אלס א ביישפּיעל פאר אנדערע. אויפ'ן עשאַפאָט האָט ער בעפעהלען דעם תליון צו רייסען שטיקער פון רבי עקיבא'ס לייב, מיט אייזערנע צוואַנגען. אָבער רבי עקיבא האָט מיט א וואונדערליכער קראפט אריבערגעטראָגען די שרעקליכע ליידען. אונטער די הענד פון דעם תליון האָט ער ניט אויפגעהערט צו ווידערהאָלען די ווערטער: שמע ישראל ד' אלהינו ד' אחד. דערזעהענדיג ווי זיינע תלמידים וויינען, האָט רבי עקיבא צו זיי געזאָגט: „איך האָב זיך שטענדיג מצער געווען, לייענענדיג אין דער תורה דעם געבאָט: ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, (זאָלסט ליעב האָבען דיין גאָט מיט'ן גאַנצען הארצען, מיט דער גאַנצער נשמה און מיט דיין גאַנצען פערמעגען). צוויי פּונקטען פון דיזען געבאָט האָב איך געקענט מקיים זיין: איך האָב ליעב געהאט גאָט מיט'ן גאַנצען הארצען און האָב געאָפּפערט פאר איהם מיט מיין פערמעגען; נאָר מיט איין זאַך האָב איך איהם ניט געדיענט: איך האָב ניט אוועקגעלעגט מיין זעלע פאר גאָט. איצט אז איך בין אימשטאַנד צו דערפילען דיזען חוב, זאָל איך זיך ניט פרעהען?" און דער גרויסער לעהרער האָט ארויסגעלאָזט זיין לעצטען אָטהעם מיט'ן אויסגעשריי: „ד' אחד!" רבי עקיבא איז געווען איינער פון צעהן תנאים־מארטירער אין דער צייט פון האדריאַן (די עשרה הרוגי מלכות). זיין חבר חנינא בן־תרדיון איז געכאפּט געוואָרען ווען ער האָט געהאלטען פונאַנדערגעוויקעלט א תורה אין די הענט און געלערענט דעם פאָלק ווי צו לעבען עהרליך. די רוימישע סאָלדאטען האָבען איינגעוויקעלט חנינא'ן אין דער ספר תורה און האָבען איהם אריינגעוואָרפען אין פייער. אויף זיין ברוסט האָבען זיי אוועקגעלעגט נאַסע שוואָמען כדי ער זאָל אויסברענען לאַנגזאַם. זיין טאָכטער, וועלכע איז געשטאַנען ביים פייער און געוויינט, האָט עם געטרייסט מיט די ווערטער: „דער וואָס וועט זיך אָבּרעכענען פאר דער הייליגער תורה, וועט זיך אָברעכענען פאר מיר אויך".

נאָך דעם ווי האדריאַן האָט אונטערדריקט דעם אידישען

אויפשטאנד, האט ער געקענט פערווירקליכען זיין אלטען וואונש: צו פערוואנדלען ירושלים אין א היידנישער שטאדט. ער האט געהייסען אבבויען א נייע שטאדט אויפ'ן פלאץ פון דער אלטער צושטערטער הויפט־שטאדט און גרינדען דארט א רוימישע „קאלא־ניע". די דאזיגע קאלאניע האט געדארפט בעשטעהן פון אויס־געדינטע סאלדאטען און פרייע איינוואנדערער — רוימער, גריכען און סירייער, און בכלל מענשען פון אלע פעלקער, אויסער אידען. די נייע שטאדט האט געקראגען דעם נאמען „עליא־קאפיטאלינא", לכבוד דעם קיסר עליא־האדריאן און יופיטער קאפיטאליוס. דער הר־הבית איז אבגערייניגט געווארען פון די חורבות וואס האבען איהם פערשאטען נאך פון טיטוס'עס צייטען; פון אויבען האט איהם רופוס געהייסען אויפגראבען מיט אן אקער אייזען, כדי אבצעווישען יעדען שפור פון דעם אמאליגען היילינגטום פון יהודה. אויפ'ן ארט וואו עס איז אמאל געשטאנען דער אידישער בית־המקדש, איז אויפגעשטעלט געווארען א טעמפעל צו יופיטער'ן. דא איז אויך געשטאנען א סטאטוע פון האדריאנ'ען. ירושלים האט געקראגען דעם אויסזעהן פון א גריכישער שטאדט — מיט א טהע־אטער, צירקען, טעמפלען און אבגעטער. לויט א קריסטליכער לע־גענדע, איז אויפ'ן ארט פון קריסטוס'עס קבר אויסגעבויט געווארען א טעמפעל צו דער געטין ווענוס. אויפ'ן דרום־טויער, אויפ'ן וועג קיין בית־לחם, איז געשטאנען דאס בילד פון א חזיר. די אידען איז פערווערט געווען אפילו זיך צו ווייזען אין שטאדט, פאר איי'ן בערטרעטען דיזען בעפעהל איז געקומען טויט־שטראף.

אכטער קאפיטעל.

די נשיאים און ישיבות אין ארץ ישראל ביז דער שליסונג פון דער משנה

(138—200)

§50. רבי מאיר. דער אויפשטאנד פון בר־כוכבא און האדריאנ'ס רדיפות נאכדעם האבען געבראכט יהודה צו פאלשטענ־דיגען חורבן. די בעפעלקערונג וואס איז גאנץ געבליבען פון שווערד

און געפּאַנגענשאַפט איז שטאַרק פּעראַרימט געוואָרען; אַ סך זיינען אַנטלאָפען אין אַנדערע לענדער, איבערהויפּט קיין בבל. צווישען די עמיגראַנטען זיינען אויך געווען תנאים, וועלכע האָבען ניט געוואָלט האָבען דעם זעלבען סוף, ווי רבי עקיבא און זיינע מאַרטירער־חברים. דרום־פּאַלעסטינא (דאָס הייסט דאָס אמת'ע יהודה), וואָס איז געווען די הויפּט־סצענע פון דער מלחמה, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ טרויעריג בילד פון פערוויסטונג. אַ בע־דייטענדער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג פון דרום־יהודה האָט אריבערגעוואַנדערט קיין צפון, אין דעם וועניגער פערוויסטע־טען גליל. דאָ האָט זיך צוריק איינגעשטעלט דאָס אידישע געזעל־שאַפטליכע לעבען, נאָכדעם ווי די רדיפות האָבען אויפגעהערט. האַדריאַנ'ס נאָכפאָלגער, דער קיסר אַנטאָניוס פּיוס (138—161) האָט בטל געמאַכט האַדריאַנ'ס אונמענשליכע גזרות געגען די אי־דען, בלויז דער פערבאָט אריינצוקומען קיין ירושלים איז געבליבען אין קראַפט. די חכמים און די פּאַטריאָטען וואָס זיינען אַנטלאָפען פון האַדריאַנ'ס רדיפות אין אַנדערע לענדער, האָבען אָנגעהויבען זיך אומקערען צוריק צו זייער פאַטערלאַנד. צווישען די זיינען געווען עטליכע פון רבי עקיבא'ס תלמידים. אייגער פון זיי איז געווען דער בעריהממטער רבי מאיר, וועלכען דאָס פאָלק האָט גע־רעכענט ראוי צו פערנעהמען רבי עקיבא'ס פּלאַץ. ווען די מהומות האָבען אויפגעהערט האָבען די תנאים אָבגעהאַלטען אַן אסיפה אין דער שטאָדט אושא אין גליל. דאָ איז בעשלאָסען געוואָרען צו אויפלעבען אויף דאָס נייע די אַרבייט פון סנהדרין און עפענען צו־ריק די געשלאָסענע ישיבות. אַלס נשיא פון סנהדרין און עלטסטער פון די אידען איז אויסגעקליבען געוואָרען שמעון דער דריטער, דער זוהן פון דעם געוועזענעם נשיא גמליאל דעם צווייטען (140). אָבער דער הויפּט־תנא אויף רבי עקיבא'ס פּלאַץ איז געוואָרען זיין תלמיד רבי מאיר.

דער נאָמען „מאיר“ מיינט — לייכטענדער, און די מענשען פון זיין צייט פלעגען זאָגען, אַז רבי מאיר איז געווען דאָס גייסטיגע ליכט פון זיין פאָלק. נאָך ווען זיין לעהרער רבי עקיבא האָט גע־לעבט האָט רבי מאיר אָלעמען ערשטוינט מיט זיין גרויסען וויסען און חכמה. ער פלעגט זעהר ליעב האָבען צו פיהרען טיעפע וכוחים

און שארפזיניגע פלפולים. „ווער עס פלעגט זעהן רבי מאיר׳ן אין דער ישיבה אין דער צייט פון געלעהרטע וכוחים פלעגט מיינען אז ער קערט איבער בערג" — דריקט זיך אוים די לעגענדע. זיין בעגייסטערונג איז אויך אריבער אויף זיינע תלמידים און רבי מאיר׳ס ישיבה איז געווען איבערפילט מיט צוהערער. כדי ניט צו פערמאטערן די לערנער מיט שווערע חקירות פלעגט רבי מאיר אפט בענוצען אין זיין לערנען אנציהענדע מעשות, משלים און פאבלען, אין וועלכע די הויפט־ראלע האט געשפיעלט דער כיטרער פוקס. פאר זיין ארבייט אלס לעהרער האט רבי מאיר ניט גענומען קיין בעלוינונג און זיין חיונה פלעגט ער ציהען פון איינפאכער אר־בייט: ער האט געהאט א שעהנע האנדשריפט און פלעגט זיך בע־שעפטיגען מיט איבערשרייבען ספרים.

רבי מאיר׳ס ווייב איז געווען ברוריה, א געלערנטע און קלוגע פרוי, די טאכטער פון דעם מארטירער חנינא בן־תרדיון. די לע־גענדע דערצעהלט זעהר פיעל וועגען דעם שטארקען גייסט און די איידעלקייט פון דיזער פרוי. איינמאל שבת — דערצעהלט די אגדה — איז רבי מאיר געזעסען אין בית מדרש און געלעהרנט. אין דער היים האט ער געלאזט זיין ווייב און צוויי קראנקע זיהן, ביז ער איז געקומען פון שול, זיינען די קינדער געשטארבען. (דאס איז געווען אין דער צייט פון א מגפה.) ניט וועלענדיג פערשטערען איהר מאן די שבת־רוה, האט ברוריה צוגעדעקט די טויטע מיט א ליילאך, און אליין איז זי ארויסגעגאנגען צו איהר מאן א רוהיגע און פריעדליכע, בעהאלטענדיג איהר טרויער טיעף אין הארצען. דעם גאנצען טאג האט זי בעהאלטען פון איהר מאן דעם שרעקליכען אמת, און מיט פערשיידענע תרוצים האט זי איהם ניט אריינגע־לאזט אין דעם חדר, וואו די קינדער זיינען געלעגען. ווען עס איז געווארען נאכט און רבי מאיר האט שוין אבגעמאכט הבדלה, איז ברוריה צוגעגאנגען צו איהם און האט געזאגט: „רבי, איך וויל דיר פרעגען א שאלה: ניט לאנג צוריק האט מיר עמיץ געגעבען עפים צו בעהאלטען, און איצט איז ער געקומען און מאהנט עס צוריק; בין איך מחויב עס איהם אבצוגעבען, אדער ניט?" „פער־שטעהט זיך, אז יא", האט רבי מאיר גענטפערט. דאן האט ברוריה אריינגעפיהרט איהר מאן אין צימער, וואו עס זיינען געלעגען די

טויטע קינדער און האָט אַרונטערגענומען פון זיי דעם צודעק. רבי מאיר האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט. נאָר זיין ווייב האָט איהם געזאָגט: „רבי, האָסטו דען נישט ערשט געזאָגט, אַז ווער עס נעהמט אַ זאַך צום היטען מוז זי אומקערען ווען דער בעל־הבית פאָדערט זי? גאָט האָט אונז די קינדער געגעבען און גאָט האָט זיי איצט צוגענומען. געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען!"

מיט רבי מאיר'ס נאָמען איז אין דער אידישער לעגענדע פערבונדען די עראיינערונג וועגען אַ גרויסען און אומגליקליכען פריידענקער פון יענער צייט, אלישע בן־אבויה. אלישע איז פון אָנהויב געוועזען אַ חבר פון רבי עקיבא און האָט בעלאָנגט צום קרייז פון די גרעסערע תנאים; נאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען צו שטודירען די גריכישע פילאָזאָפיע און האָט אָנגעהויבען זיך וואַקלען אין זיין אמונה. דאָס פאָלק האָט איהם געהאַלטען פאַר אַן אַנטרונענעם און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „אחר" (אַן אַנדערער, אַן איבערגעביטענער). מען האָט גערעדט, אַז ער פלעגט בלמורשט אַבריידען אידישע קינדער פון דעם אידישען גלויבען און האָט זיך געפריינדעלט מיט די שונאים פון פאָלק, די רוימער. זיינע חברים און תלמידים האָבען איהם פערלאָזען; נאָר רבי מאיר, וועלכער איז אַמאָל געוועזען זיין תלמיד, האָט איהם ניט פערלאָזען. ווען מען האָט רבי מאיר'ן איינמאָל געפרעגט, ווארום ער פריינדעלט זיך מיט דעם אפיקורס, האָט ער געענטפערט: „איך האָב געפונען אַ מילגרוים, די פרוכט האָב איך אויפגעגעסען און די שאָלעכץ האָב איך אוועקגעוואָרפען" (רבי מאיר רמון מצא, תוכו אכל, קלפתו זרק), ד. ה. איך נעהם ביי איהם דאָס וואָס איז אמת, אָבער איך פערוואַרף זיינע פאַלשע מיינונגען. ניט איינמאָל האָט רבי מאיר זיך בעמיהט אומצוקערען אלישע'ן אויפ'ן וועג פון גלויבען, אָבער אומזיסט. איינמאָל איז אלישע געפאָהרען רייטענדיג אום שבת, און רבי מאיר איז איהם נאָכגעגאַנגען צו־פוס כדי צו הערען זיינע דרשות. פלוצלינג האָט זיך אלישע אָבגעשטעלט און געזאָגט: „מאיר, קעהר זיך אום אהיים, ווארום דו ביזט שוין אָבגעגאַנגען מעהר ווי אַ תחום־שבת". און רבי מאיר האָט אויסגערופען: „קער זשע זיך דו אויך אום (אויפ'ן גלייכען

וועג), רבי!" „ניין — האָט געענטפערט אלישע — איך קען זיך שוין ניט אומקערען, ווארום איך האָב שוין לאַנג געהערט גאָט'ס קול: טהוט תשובה, אַלע פערבלאָנדזעטע, אויסער אחר'ן, וועלכער האָט דערקענט מיין קראַפט, און האָט מיך דאָך פערוואָרפען!"

אין איין צייט מיט ר' מאיר'ן האָט געלעבט און געווירקט נאָך א תנא פון ר' עקיבא'ס ישיבה, שמעון בן־יוחאי. אין דער צייט פון די האַדריאַנישע מהומות איז רבי שמעון פער'משפט גע־וואָרען צום טויט פאַר עפּיס אַ שאַרפען אויסדרוק געגען דער רוימישער רעגירונג, נאָר ער איז אַנטלאָפען בעצייטענס. עטליכע יאָהר האָט ער זיך אויסבעהאַלטען אין אַ הייהל און האָט זיך קוים דערהאַלטען ביים לעבען מיט גרינסען און וואַסער. ווען די רדיפות אין יהודה האָבען זיך געענדיגט, איז שמעון אַרויס פון זיין בע־העלטעניש און האָט זיך בעזעצט אין טבריה. ביז'ן טיעפען עלטער איז ער געווען איינער פון די גרעסטע גייסטיגע פיהרער פון די אידען אין ארץ־ישראל. ער האָט ניט ליעב געהאַט די שאַרפ־זיניגע פּלפּולים, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען אין רבי מאיר'ס ישיבה, נאָר ער האָט געזוכט צו פערטייטשען איינפאַך דעם געדאַנק און די בעדייטונג פון יעדען געזעץ אין דער תורה. די שפּעטערע לעגענדעס זאָגען, אַז שמעון בן־יוחאי האָט אין דער צייט פון זיין לעבען אין הייהל פערפאַסט אַ געהיימען הייליגען ספר („זהר") און איז געוואָרען אַ בעל־מופת. נאָך ביז היינטיגען טאָג וואַלט מען אָן אויף רבי שמעון'ס קבר נעבען צפת אין גליל, וואוהין עס קומען יעדען יאָהר מאַסען פרומע מענשען מתפלל צו זיין.

§51. **דער נשיא רבי שמעון דער דריטער און רבי יהודה הנשיא.** נאָך דעם ניט־געלונגענעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא, האָט דער סנהדרין אין אושא געאַרבייט אַזוי ווי דער סנהדרין אין יבנה נאָך דער צושטערונג פון ירושלים דורך טיטוס'ן. דער צוועק פון דעם נייעם סנהדרין איז אויך געווען צו פעראייניגען מיט אַל־געמיינע געזעצען אַלע אידען, וואָס זיינען צוזייהט איבער פערשיי־דענע לענדער. דער נשיא רבי שמעון דער דריטער האָט, אַזוי ווי זיין פאָטער גמליאל, געשטרעבט צו פערשטאַרקען די מאַכט פון סנהדרין ניט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין חוץ לארץ. אין

דער צייט ווען האַדריאַן האָט געבושעוועט אין פּאַלעסטינאַ האָבען די אידען אין בבל געגרינדעט אַן אייגענעם סנהדרין, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט זיין אָבהענגיג פון זייערע ברידער אין פּאַלעסטינאַ. נאָר ווען עס איז געוואָרען וויעדער רוהיג, האָט דער נשיא רבי שמעון דער דריטער געשיקט שלוחים קיין בבל מיט דער פאָדערונג, אַז די דאָרטיגע אידען זאָלען פערמאַכען זייער סנהדרין, און זאָלען זיך וויעדער אונטערוואַרפען צו דער גייסטיגער הערשאַפט פון די תנאים אין ארץ ישראל. די שלוחים האָבען זיי דערמאָנט, אַז אין די היילינע שריפטען ווערט געזאָגט: „מציון תצא תורה", און ניט „מבבל תצא תורה", דאָס הייסט פון ציון וועט קומען די תורה און ניט פון בבל. זיי האָבען אויך אָנגעוויזען אויף דער געפאַהר וואָס שרעקט דער גאַנצקייט פון אידישען פאָלק, ווען די גייסטיגע הערשאַפט וועט זיין צוטיילט. דאַן האָבען זיך די בבלשע אידען אונטערגעגעבען און האָבען וויעדער אָנערקענט איבער זיך די הערשאַפט פון דעם סנהדרין אין ארץ־ישראל.

רבי שמעון האָט אויך, ווי זיין פאָטער, געוואָלט אוועקשטעלען די מאַכט פון דעם נשיא העכער ווי די מאַכט פון די אַנדערע תנאים און האָט דעריבער געהאַט מיט זיי אָפטע צוזאַמענשטויסען. רבי שמעון'ס העלפער אין סנהדרין זיינען געווען רבי מאיר און נאָך אַ תנא מיט'ן נאָמען נתן הבבלי, אַ זוהן פון דעם „ריש־גלותא" (פּאַטריאַרך) אין בבל. שמעון האָט געמאַכט אַ געזעץ, אַז מען זאָל איהם, אַלס נשיא, אָבגעבען אַנדערש כבוד, ווי זיינע חברים, נעמליך: ווען דער נשיא קומט אַריין אין אַן אסיפה דאַרפען אַלע פערזאַמעלטע אויפשטעהן, אָבער ווען עס קומען אַריין דעם נשיא'ס חברים, דאַרף בלויז אַ טייל פון די פערזאַמעלטע אויפשטעהן. דאָס האָט שטאַרק בעליידיגט רבי מאיר'ן און רבי נתנ'ען, וועלכע זיינען אין געלעהרנטקייט געשטאַנען אַ סך העכער פון דעם נשיא. האָבען זיי אָבגערעדט צווישען זיך, אַז אויף דער קומענדער פערזאַמלונג פון די תנאים זאָלען זיי שטעלען רבי שמעונ'ען אַזעלכע שווערע קשיות אַז ער זאָל ניט קענען ענטפערען; אויף אַזאַ אופן האָבען זיי געוואָלט ערנידעריגען דעם שטאָלצען נשיא. אָבער רבי מאיר און רבי נתן זיינען דערפאַר אויסגעשלאָסען געוואָרען פאַר אַ צייט פון בית־מדרש.

נאָכ'ן טויט פון רבי שמעון דעם דריטען (170) איז דער עלטסטער און נשיא פון סנהדרין געוואָרען זיין זוהן רבי יהודה. דער נייער נשיא, דער זיבעטער פון הלל'ס שטאַם, איז געווען אַ גוטער פיהרער און אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט אויפגעהאַלטען גוטע בעציהונגען מיט די רוימישע הערשער און האָט מיט ערפאָלג פערטיידיגט די אינטערעסען פון זיין פאָלק. אויב מען זאָל גלויבען די טראַדיציע איז ער געווען שטאַרק בעפריינדעט מיט איינעם פון די רוימישע קיסרים, וואַרשיינליך מיט דעם פילאָזאָף מאַרקוס אַרעליוס. האָבענדיג אַ גרויסען גע'ירש'עטען פערמעגען, האָט רבי יהודה געפיהרט אַ פירשטליכען שטאַט: דאָס האָט געפאָדערט זיין אַמט אַלס פאָרשטעהער פון אידישען פאָלק פאַר דער רוימישער רעגירונג. די זעלבע אַכטונג פאַר זיין אַמט האָט רבי יהודה געפאָדערט פון אַלע תנאים און מיטגליעדער פון סנהדרין. אין זיין צייט האָט דער סנהדרין כמעט דערגרייכט זיין אַמאָליגע גרויסקייט און האָט געהאַט די גאַנצע צאָל מיטגליעדער (70), אַזוי ווי אין דער צייט פון דעם בית־המקדש. אין אָנהויב פלעגט זיך דער סנהדרין פערזאַמלען אין אושא, און דערנאָך אין די גליל'שע שטעדט טבריה און צפורי, וואו יהודה הנשיא האָט געלעבט די מעהרסטע צייט. דער נשיא פלעגט אַליין האָבען די מאַכט צו בעשטימען ריכטער און לעהרער אין די אידישע קהילות, און ער פלעגט אויך צולאָזען די געלערנטע פאַר'ן סנהדרין. ביי זיין גאַנצער שטרענגקייט האָט זיך יהודה דאָך אויסגעצייכענט מיט גוטהערציגקייט און פרייגיביגקייט. אַ גרויסען טייל פון זיין פערמעגען האָט ער אָבגעגעבען אויף אויסצוהאַלטען אָרימע געלערנטע און שטיצען תלמידים. אַ סך בתי־מדרשים זיינען אויסגעהאַלטען געוואָרען אויף די מיטעל פון דעם פרייגיביגען נשיא. אפילו פון בבל פלעגען קומען יונגע לייט וואָס האָבען געדורשט נאָך תורה און דאָ אין ארץ־ישראל פלעגען זיי דערגרייכען אַ הויכע שטופע צווישען די געלערנטע דורך דער הילף פון רבי יהודה הנשיא.

§52. **די שליסונג פון דער משנה.** דער וויכטיגסטער אויפטהו פון יהודה הנשיא איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט מיט דער הילף פון זיינע געלערנטע חברים צונויפגעזאַמעלט און נעבראַכט אין פולער אָרדנונג די גאַנצע הלכה (געזעצגעבונג) שבעל

פּה, וואָס די אידישע חכמים האָבען אויסגעאַרבייט אַלס הוספה צו די געשריבענע געזעצען פון דער תורה. רבי יהודה האָט מורא געהאַט, אַז די תורה שבעל־פּה, וועלכע פלעגט איבערגעהן מינדליך פון דור צו דור, זאָל מיט דער צייט ניט פערגעסען אָדער שלעכט אויסגעטייטשט ווערען. כדי אויפצוהיטען גאַנץ דיזע תורה האָט מען זי געמוזט פעראייביגען אין שריפט. די דאָזיגע אַרבייט, וועל־כע האָט זיך נאָך אָנגעהויבען אין די צייטען פון רבי עקיבא און רבי מאיר, האָט רבי יהודה הנשיא גענומען פלייסיג פאָרטצוזעצען ביז ער האָט זי אינגאַנצען פערענדיגט. די ריעזיגע אַרבייט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס עס זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין איין זאַמלונג אַלע דינים, מיינונגען און מסורות, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דעם זכרון פון די געלערנטע אין פערלויף פון עטליכע יאָהרהונדערטען. די דאָזיגע זאַמלונג האָט געקראָגען דעם נאָמען „משנה", ד. ה. צווייטע תורה, אָדער אַ צוגאָב צו משה'ס ערשטער תורה. פון אָנהויב איז די משנה צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרען אַלס אַ וועגווייזער פאַר די ישיבות און געלערנ־טע, נאָר מיט דער צייט איז זי געוואָרען אַ הייליגטום ביים פאָלק און מען האָט אויף איהר געקוקט ווי אויף אַ גלייכער פאָרטזעצונג פון תורת משה.

די משנה בעשטעהט פון זעקס טייל אָדער „סדרים" אונ־טער די פאָלגענדע נעמען מיט די פאָלגענדע אינהאַלטען: 1) זרעים (וואַקסונגען) — אַלע דינים וועגען דער ערד און זייהען וועגען פּאה, שמיטה, מעשר א. אז. וו. אין אָנהויב פון דיעזען סדר געפינט זיך די מסכתא (אַבטיילונג) „ברכות", וואָס בע־האַנדעלט אַלע תפלות און ברכות אין שוהל און אין הויז; 2) מועד (יום־טוב) — די דינים וועגען שבת, וועגען אַלע ימים טובים און תעניתים; 3) נשים (פרויען) — אַלע געזעצען וועגען חתונות, גט'ן און אַנדערע ענינים פון דער פאַמיליע; 4) נזיקין (בעשעדיגונגען) — אַלע דינים וועגען דאָס צוזאַמענלעבען צווי־שען מענשען; צו דיעזען סדר איז צוגעגעבען „פּרקי אבות", וועלכע ענטהאַלטען אין זיך מאָראַלישע לעהרען פון דער גאַנצער צייט פון די אנשי כנסת הגדולה ביז יהודה הנשיא; 5) קדשים (הייליגקייטען) — די דינים פון קרבנות און די צערעמאָניעס



א חרב'ע שוהל אין מירום.

פון בית חמקדש, וועגן שחיטה, כשר און טרפה א. אז. וו.;
6) טהרות (ריינקייט) — די דינים פון ריינקייט פאַר די כהנים און פאַר'ן אַלגעמיינעם פאָלק. — יעדער „סדר" (טראַקטאַט) ווערט צוטיילט אויף „מסכתות" (אָבטיילונגען), יעדע מסכתא אין פרקים, און יעדער פרק אין „משניות" (משנה אין ענגען זין). די שפראַך פון דער משנה איז העברעאיש, אָבער איהר סטיל איז אַראַמעאיש, מיט אַ צומיש פון גריכישע און לאַטייניש ווערטער. די משנה איז צונויפגעשטעלט אויף אַן אייגענאַרטיגען אופן. צוזאַמען מיט די דינים ווערען אויך אוועקגעשטעלט די וכוחים (שקלא וטריא), וואָס די חכמים האָבען געפיהרט וועגען די דאָזיגע דינים. דערביי ווערט געוועהנליך ניט אַרויסגעזאָגט וועלכע מיינונג איז די ריכטיגע, ווייל די משנה איז געמיינט געוואָרען פאַר געלערנטע און לערנער, וועלכע האָבען אַליין געדאַרפט אורטיילען, וועלכע דעה איז די ריכטיגערע. דערפון זיינען נאָכהער אויסגעוואַקסען זעהר פיעל ערקלערונגען צו דער משנה, וועלכע זיינען שפּעטער אַריין אין ת ל מ ו ד.

רבי יהודה איז געווען נשיא אַרום פערציג יאָהר (ביז'ן יאָהר 210). פאַר'ן טויט האָט ער איבערגעגעבען דעם אַמט צו זיין עלטסטען זוהן גמליאל. ווען עס האָט זיך פערשפּרייט די ידיעה, אַז רבי יהודה האַלט ביים שטאַרבען האָט זיך אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק אוועקגעלאָזט קיין צפּורי געוואָהר צו ווערען וואָס דער חולה מאַכט. ווען רבי יהודה איז געשטאָרבען, האָט זיך קיינער ניט געקענט ענטשליסען אויסצוזאָגען דעם פאָלק דעם שרעקליכען אמת. דעמאָלט איז רבי יהודה'ס געטרייער תלמיד, בר־קפּרא, אַרויס צום פערזאַמעלטען עולם אין טרויער־קליידער און האָט געזאָגט: „מלאכים און שטערבליכע האָבען זיך געראַנגעלט פאַר'ן ארון־קדש; די מלאכים האָבען געזיעגט און דער הייליגער ארון איז צוגענומען געוואָרען!" דאָס פאָלק האָט פערשטאַנען דעם פערשטעלטען מיין פון די דאָזיגע ווערטער — און אַ ביטערער געוויין האָט פערהילכט צפּורי און די גאַנצע סביבה. דער גאַנצער וועג פון צפּורי ביז בית־שערים, וואו מען האָט מקבר געווען דעם נשיא, איז געווען בעדעקט מיט מענשען. אין די שוהלען האָט מען געהאַלטען

הספדים וועגען די פערדיענסטען פון דעם גרויסען רבי'ן, וועלכער האט פעראייביגט די „תורה שבעל פה". מען האט איהם שפעטער טאקי גערופען בלויז „רבי", אויסלאזענדיג זיין נאמען, ווייזענדיג דערמיט, אז ער איבערשטייגט אלע איבעריגע גזועץ-לעהרער. יהודה הנשיא איז געווען דער לעצטער פון די חכמים, וועלכע האבען זיך גערעכענט אלס די פערפאסער פון דער משנה, און האבען זיך גערופען תנאים (לעהרער). אזעלכע תנאים, פון יוחנן בן־זכאי ביז יהודה הנשיא, זיינען געווען ביז הונדערט און צוואנציג. אבער די שפעטערע חכמים האבען זיך שוין גערופען ניט „תנאים" נאר א מ ו ר א י ם (ערקלערער, אויסטייטשער).

די נאהנטסטע תלמידים פון רבי יהודה הנשיא האבען פערענדיגט דאס וואס זייער גרויסער רבי האט קיין צייט ניט געהאט צו ענדיגען. רבי חייא, רבי הושעיא און אנדערע האבען צונויפגעזאמעלט די דינים און מיינונגען פון די תנאים, וואס זיינען נאך ניט געווען אריינגענומען אין דער משנה און האבען זיי פערשריבען אין צוגעגעבענע זאמלונגען, וועלכע האבען זיך גערופען „בריתות" און „תוספתות". אויסערדעם זיינען ענטשטאנען ספרים, וואס זיינען געווען פירושים אויף דער תורה, און דורך די דאזיגע פירושים האט מען געזוכט צו פערבינדען די משנה מיט דער תורה. דיזע זיינען 1) די מ כ י ל ת א —א פירוש אויפ'ן צווייטען ספר פון חמוש (שמות); 2) ס פ ר א אדער ת ו ר ת כ ה נ י ם — ערקלערונגען אויפ'ן דריטען ספר פון חומש (ויקרא), וואס ענטהאלט די דינים וועגען די קרבנות; 3) ס פ ר י — ערקלערונגען וועגען די דינים פון די לעצטע צוויי ספרים פון חומש (במדבר און דברים).

ניינטער קאַפּיטעל.

די אידען אין ארץ ישראל ביז'ן סוף פון דער הערשאַפט פון די נשיאים.

(200—425)

§53. די נשיאים און די ערשטע אמוראים. נאָך רבי יהודה הנשיא זיינען שוין אין ארץ־ישראל מעהר ניט געווען אַזעל־כע נשיאים ווי ער, וועלכע זאָלען פעראייניגען אין זיך שטאַרקע מאַכט מיט גרויסער לומדות. רבי יהודה'ס זוהן און נאָכפאָלגער, גמליאל דער דריטער (210), האָט זיך מיט גאָרניט בעריהמט גע־מאַכט. רבי יהודה'ס אייניקעל יהודה־נשיאה דער צווייטער, איז געווען נשיא מעהר ווי פופציג יאָהר (230—286). ער האָט זיך געפיהרט אַזוי ווי אַ וועלטליכער הערשער און האָט זיך גע'חבר'ט מיט די רוימישע בעאַמטע. דער דעמאָלטיגער רוימישער קיסר אלכסנדר סעווערוס האָט זיך פערהאַלטען זעהר פריינדליך צו די אידען און האָט געאַכט די אידישע אַמונה. אין די צימערען פון זיין פּאַלאַץ האָט זיך צוזאַמען מיט די בילדער פון די גריכישע אָבגעטער און העלדען געפונען אויך דאָס בילד פון אברהם, דעם פאָטער פון אידישען פאָלק. אויפ'ן אַריינגאַנג פון דעם קייזער־ליכען פּאַלאַץ זיינען געווען אויסגעקריצט די ווערטער פון דעם אידישען חכם הלל: „דעלך סני לחברך לא תעביד“, — וואָס דיר איז ניט ליעב טהו ניט דיין חבר. אין דער צייט ווען יהודה דער צווייטער איז געווען נשיא האָט זיך דער סנהדרין אַריבערגעצויגען פון צפורי קיין טבריה. דיזע שעהנע שטאָדט, וועלכע איז גע־שטאַנען אויפ'ן פראַכטפולען ברעג פון דעם ים כנרת, איז פון דעמאָלט אָן געוואָרען דאָס שטענדיגע וואוינאָרט פון די נשיאים און דער גייסטיגער צענטער פון די פּאַלעסטינישע אידען. דאָרט האָט זיך געפונען אַ גרויסער בית־מדרש, אין וועלכען עס האָבען געלערענט די גרעסטע חכמים.

די חכמים וועלכע האָבען געלעבט נאָך דער אָבשליסונג פון דער משנה, האָבען זיך גערופען „אמוראים“, ד. ה. ערקלערער. דער ערשטער פון זיי איז געווען יוחנן בן נפחא, וועלכער האָט אין

זיין פריהער יוגענד געלערנט אין דעם בית־מדרש פון רבי יהודה הנשיא. יוחנן האָט געגרינדעט אין טבריה אַ נייע ישיבה, וואוהין עס פלעגען זיך ציהען לערנער ניט נאָר פון ארץ ישראל נאָר אפילו פון בבל. אין דער דאָזיגער ישיבה האָט מען זיך פערנומען מיט אויספאָרשען די דינים וואָס זיינען אויפגעקליבען אין דער משנה, מען האָט בעטראַכט די מיינונגען פון די פריהערדיגע לעהרער, די תנאים, און מען האָט בעשטימט וועלכע מיינונג איז די ריכטיגע און דאַרף אָנגענומען ווערען. צווישען די נייע חכמים זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבען געהאַלטען די משנה פאַר אַ צווייטען תנ"ך און האָבען געזאָגט אַז מען טאָר ניט אָבטרעטען פון איהרע ווערטער אויף אַ האָר. נאָר יוחנן האָט געהאַלטען אַז געזעצען דאַרפען זיך בייטען און ענטוויקלען און ניט שטעהן אויף איין אָרט. דעריבער האָט ער און זיינע חברים געמאַכט הוספות צו דער משנה, וועלכע איז אַליין אַ הוספה צום תנ"ך. דאָס איז געווען דער גרונדשטיין פון דער גמרא (תלמוד). יוחנן'ס מיטהעלפער אין דער דאָזיגער ארבייט איז געווען ריש־לקיש. דאָס לעבען פון דיזען אמוראי איז געווען רייך מיט פאַסירונגען. אין זיין יוגענד האָט זיך ריש־לקיש אומגעוואָגעלט און איז געווען זעהר אָרים. איינמאָל האָט איהם די נויט געצוואונגען אוועקצואוואַרפען דאָס לערנען און אריינטרעטען אין אַ צירק אַלס גלאַדיאַטאָר. דאַן האָט רבי יוחנן, וועלכער איז געווען ריש־לקיש'עס שול־חבר, איהם אַרויסגענומען פון נויט און פון נע־ונד זיין. ער האָט איהם חתונה געמאַכט מיט זיין שוועסטער, און ריש־לקיש האָט זיך גענומען צוריק צום לערנען, און איז אין גיכען בעריהמט געוואָרען פאַר'ן גרעסטען חריף צווישען די אמוראים. ניט זעלטען פלעגט ער בייקומען אין וכוחים אפילו זיין געלערנטען שוואָגער.

נאָכ'ן טויט פון דיזע צוויי ערשטע אמוראים (אין יאָהר 280) זיינען די ישיבות אין ארץ־ישראל אַלץ מעהר און מעהר געפאַלען. די פיהרער פון דער ישיבה אין טבריה זיינען נאָך זיי געוואָרען רב־אמי און רב־אַסי. נאָר אין זייער צייט האָט די ישיבה שוין מעהר ניט צוגעצויגען צו זיך אַזאַ גרויסע צאָל לערנער ווי פריהער. אַ סך געלערנטע פלעגען פערלאָזען ארץ־ישראל און אוועק קיין בבל, וואו עס האָבען דעמאָלט געבליהט אַ סך בעריהמטע ישיבות.

§54. די קריסטליכע קיסרים פון רוים. אין די ערשטע דריי הונדערט יאָהר פון קריסטענטום זיינען די רוימישע קיסרים נאָך אַלץ געבליבען געצענדיענער און פלעגען אָפט שטאַרק פער־פאָלגען די קריסטען. ערשט אין אָנהויב פון דעם פיערטען יאָהר־הונדערט האָט דער רוימישער קיסר קאָנסטאַנטין דער גרויסער אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צום קריסטענטום. ער האָט גענומען אונ־טער זיין שוץ די פערפאָלגטע קריסטען און האָט פון אָנפאַנג ניט גע'רודפ'ט ניט די געצענדיענער און ניט די אידען. אין יאָהר 313 האָט ער אַרויסגעלאָזט אין מילאַן אַ בעפעהל, אַז אַלע רעליגיאָנען אין דער רוימישער אימפעריע זאָלען געניסען דיזעלבע פרייהייט. נאָר שפּעטער איז קאָנסטאַנטין אונטערגעפאַלען אונטער דער וויר־קונג פון די קריסטליכע גייסטליכע, און האָט בעשלאָסען צו מאַכען דאָס קריסטענטום פאַר דער הערשענדער רעליגיאָן, און די אַנדע־רע זאָלען זיין אונטערוואָרפען אונטער איהר. פון דעמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבען פערפאָלגען די אידען. מען האָט זיי פאַרבאָטען צו מגייר זיין געצענדיענער אָדער קריסטען, מען האָט בעגרענעצט זייערע בירגער־רעכט און אַרויפגעלעגט אויף זיי בעזונדערע, שווערע שטייערען. אין יאָהר 325 האָט קאָנסטאַנטין פעררופען אין ני־צעא, אין קליין־אַזיען, אַ גרויסע קירכליכע אסיפה, וואו עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַז די קריסטען זאָלען פייערען זייער פסח ניט אין איין צייט מיט די אידען, נאָר אין אַן אַנדער צייט, וואָס די קירכע וועט בעשטימען. פון דעמאָלט אָן האָט זיך די קריסט־ליכע אמונה אָנגעהויבען אַלץ מעהר צו אונטערשיידען פון דער אידישער, און די קריסטען האָבען זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון די אידען.

אין דער צייט פון קאָנסטאַנטינ'ס יורש, דעם קיסר קאָנס־טאַנציוס, זיינען פערבאָטען געוואָרען שידוכים צווישען אידען און קריסטען. מען האָט אָנגעהויבען שטערען די אידען צו לערנען זייער תורה אין די ישיבות און דעריבער האָבען אַ סך געלערנטע געמוזט פערלאָזען ארץ־ישראל און זיך בעזעצען אין בבל. אין איי־ניגע שטעדט אין ארץ־ישראל (צפורי, טבריה, לוד) זיינען די אי־דען אַרויס פון געדולד, האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד און זיינען בעפאַלען די רוימישע סאָלדאַטען וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען.

אָבער דער רוימישער קאָמאַנדיר אורסיצינוס האָט דעם אויפשטאַנד דערשטיקט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט (352).

§55. דער קיסר יוליאַן און רבי הלל הנשיא דער צווייטער. אַ האַפנונג אויף בעסערע צייטען האָט אויפגעשיינט פאַר די אידען אין דער צייט פון קאָנסטאַנטינ'ס פּלימעניק יוליאַן, וועלכען די קריסטען האָבען אָנגערופען „אַפּאָסטאַט“, אָדער אפּיקורס. אין דער יוגענד האָט יוליאַן פערלאָזען דאָס קריסטענטום, און ווען ער איז געוואָרען קיסר האָט ער בעשלאָסען אויפצושטעלען צוריק אין דער רוימישער מלוכה דעם אַלטען רוימישען געצענדיענסט און די אַלטע גריכשע בילדונג. זייענדיג אַליין אַ זעהר געבילדעטער מענש האָט יוליאַן ניט אונטערדריקט די קריסטען, אָבער ער האָט זיי אויך ניט ערלויבט צו אונטערדריקען די אנהענגער פון אַן אַנדער גלויבען. מיט אַ בעזונדערען מיטלייד האָט זיך דער נייער קיסר פערהאַלטען צו די אידען, וואָס זיינען פערפאָלגט געוואָרען פון די פריהעריגע קיסרים. ער האָט צוריקגעגעבען די אידען אַלע בירגערליכע רעכט און האָט זיי בעפרייט פון די איבעריגע שטייערען. ניט בענוגענדיג זיך דערמיט האָט יוליאַן זיך געווענדעט מיט אַ בריעף צו די אידישע קהילות און האָט זיי מודיע געווען, אַז ער איז גרייט אויף זיינע הוצאות אָבצובויען פון זייערטוועגען די הייליגע שטאָדט ירושלים (362). אין דעם דאָזיגען בריעף האָט יוליאַן אָנגערופען דעם דעמאָלדיגען נשיא, הלל דעם צווייטען, זיין „ברודער“. יוליאַן האָט ניט געזאַמט צו ערפילען זיין צוזאָג: ער האָט אוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל אַ בעאַמטען ער זאָל צוגרייטען אַלץ פאַר דער אויפבאויאונג פון ירושלים. עס איז שוין געווען צוגעגרייט דאָס בוי־מאַטעריאַל, עס זיינען שוין געווען געדונגען אַרבייטער און מען האָט שוין אָנגעהויבען אָבצוראַמען די אַלטע חורבות, וואָס האָבען פערוואַלגערט די גאַסען פון דער הייליגער שטאָדט; נאָר דאָ איז געשעהן אַן אומגליק: ווען די אַרבייטער האָבען אָנגעהויבען גראָבען דעם פונדאַמענט אויפ'ן פּלאַץ וואו דער אַלטער בית־המקדש איז געשטאַנען, האָט זיך פון דער טיעף פון דער אויפגעגראָבענער ערד אַרויסגעריסען אַ פלאַם און האָט אָבגעברענט עטליכע אַרבייטער. דאָס פאָלק האָט דערזעהן דערין אַ שלעכטען צייכען פון גאָט און

דאָס בויען האָט זיך אָבגעשטעלט. אין גיכען איז קיין ירושלים אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה אַז יוליאַן איז אומגעקומען אין אַ מלחמה געגען די פּערסיער (363), און צוזאַמען מיט איהם איז אונטערגעגאַנגען די לעצטע האָפנונג פון די אידען אויף דער וויעדער־אויפבויאונג פון ירושלים און דעם בית־המקדש.

אין דער צייט פון די ערשטע קריסטליכע קיסרים אין רוים איז דער נשיא פון די אידען אין ארץ־ישראל געווען דער דערמאָנטער הלל דער צווייטער. צוליעב די רדיפות געגען די ניט־קריסטען האָבען אַ סך אידען פערלאָזען ארץ־ישראל און האָבען אַריבערגעוואַנדערט קיין בבל און אַנדערע פּערסישע לענדער. די מאַכט פון דעם נשיא און פון דעם סנהדרין איז אַלץ שוואַכער געוואָרען. אין די פריהערדיגע צייטען פלעגט דער פּאַלעסטינישער סנהדרין יעדען חודש בעאָבאַכטען דעם צושטאַנד פון דער לבנה (די אידען רעכענען די מאָנאַטען און די יאָהרען נאָך דער לבנה, און ניט נאָך דער זון) און פלעגט דורך שלוחים אָנזאָגען די קהילות אין ארץ־ישראל און אין די שכנישע לענדער, אין וואָסער טאָג עס פאַלט אוים דער אָדער אַן אַנדער יום־טוב.

נאָר ווען אין ארץ־ישראל זיינען געבליבען ווייניג אידען, און אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען צושפּרייט איבער ווייטע לענדער, איז אַזאַ אָרדנונג געוואָרען אונפּראַקטיש. דעריבער האָט הלל הנשיא דער צווייטער צוזאַמענגעשטעלט דעם ערשטען אידישען לוח, לויט וועלכען די אידען פון אַלע לענדער זאָלען אַליין קענען בעשטימען די טעג פון יעדען חודש און פון יעדען יום־טוב, ניט וואַרטענדיג אויף דער ידיעה פון דעם סנהדרין אין ארץ־ישראל, (359). אויף אַזאַ אופן איז איבערגעריסען געוואָרען די לעצטע פאָדים, וואָס האָט פאַרבונדען די צוזייהטע אידען אין פאָדער־אַזיען מיט די חכמים אין פּאַלעסטינא.

§56. די לעצטע נשיאים; דער תלמוד ירושלמי. די רוימישע קיסרים נאָך יוליאַנ'ען האָבען אײנגאַנצען בעפעסטיגט די קריסטליכע אמונה אין זייער מדינה. קריגענדיג די מאַכט אין זייערע הענד האָבען די קריסטליכע גלחים אין דער רוימישער אימפּעריע אונטערדריקט די מענשען פון אַנדערע גלויבענס און בעזונדערס די אידען. דער קריסטליכער המון, אויפגערייצט דורך די

דרשות פון זייערע גייסטליכע, פלעגט אנפאלען אויף די אידישע שוהלען און זיי חרוב מאכען. דער קיסר טהעאָדאסיוס דער גרויסער פלעגט נאָך אמאָל פערטיידיגען די אידען געגען אזעלכע אנפאלען; אָבער נאָך זיין טויט (395), ווען די רוימישע מלוכה איז צופאלען געוואָרען אויף צוויי טייל, די מזרח'דיגע אָדער ביזאנטיען, מיט דער הויפטשטאָדט קאָנסטאנטינאָפאָל, און די מערב'דיגע, די איטאליענישע, מיט דער הויפשטאָדט רוים, איז קיינער ניט געווען וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאר די פרעמדגלויביגע. די ביזאנטישע אָדער מזרח'דיגע קיסרים זיינען אינגאנצען אונטערגעפאלען אונטער דעם איינפלוס פון די עפיסקאָפען און אַנדערע קירכען-בעאמטע, וועלכע האָבען געקוקט אויף די אידען ווי אויף אונגלויביגע. טהעאָדאָסיוס דער צווייטער (408—450) האָט אונטער דער ווירקונג פון די גייסטליכע פארבאָטען די אידען צו בויען נייע שוהלען, צו פארנעהמען רעגירונגס-שטעלען און האלטען אין זייערע הייזער קריסטליכע בעדיענער.

אין די טעג פון טהעאָדאסיוס דעם צווייטען האָט געלעבט דער לעצטער אידישער נשיא אין ארץ-ישראל, גמליאל דער זעקסטער. פון אנפאנג האָט דער קיסר בעשטעטיגט גמליאל'ן אין זיין אמט און האָט איהם געגעבען דעם נאָמען „פערפעקט פון די אידען". נאָר ווען דער נשיא האָט זיך ערלויבט איבערצוטרעטען דעם קייזערליכען בעפעהל, וואָס האָט בעגרענעצט די רעכט פון די אידען, (דער נשיא האָט אליין ערלויבט די אידען צו בויען נייע שוהלען) האָט טהעאָדאָסיוס ביי איהם צוגענומען דעם עהרען-טיטעל, און נאכער אינגאנצען אָבגעשאפט דעם אמט פון נשיא אין ארץ-ישראל (425). אזוי האָט זיך געענדיגט די הערשאפט פון די פאלעסטינישע נשיאים פון רבי הלל'ס שטאם, וועלכע האָט געדויערט דריי הונדערט יאָהר. דער טיטעל נשיא אָדער פאטריארך איז אריבערגעגאנגען צום עפיסקאָפ פון ירושלים, דעם העכסטען פארשטעהער פון דער קירכע פון דער מזרח-אימפעריע.

אין דער זעלבער צייט האָבען אויך אָנגעהויבען פאלען די ישיבות אין ארץ-ישראל. אין ארץ-ישראל זיינען שוין געבליבען זעהר ווייניג תלמידי חכמים, נאָכפאָלגער פון די ערשטע אמוראים. די דאָזיגע איבערגעבליבענע אמוראים האָבען בעשלאָסען צונויפ-

צוזאַמלען און פערשרייבען אַלע הלכות און ערקלערונגען צו דער משנה, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין די אַמאָליגע ישיבות, כדי זיי זאָלען ניט פערלאָרען ווערען איבערגעהענדיג פון מויל צו מויל. דיזע זאַמלונגען זיינען צוגעגעבען געוואָרען צו דער משנה אונטער'ן נאָמען „גמרא ירושלמית“ (גמרא מיינט — פערענדיגונג און אויך לעהרע). די משנה און די גמרא צוזאַמען האָבען צולעצט געקראָגען דעם נאָמען „תלמוד“ (לעהרע). דער תלמוד אין יענער פאָרמע ווי ער איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין ארץ־ישראל ווערט גערופען „תלמוד ירושלמי“, צו אונטערשיידען פון דעם שפּעטערען „תלמוד בבלי“. די צייט פון דער שליסונג פון „תלמוד ירושלמי“ פאַלט זיך צוזאַמען אונגעפעהר מיט דער עפּאָכע פון די לעצטע נשיאים.

צעהנטער קאַפּיטעל.

די אידען אין בבל ביז דער שליסונג פון תלמוד בבלי

(200—500)

§57. די אידען אין בבל אונטער דער הערשאַפט פון ניי־פּערסיען. אין בבל האָבען די אידען געלעבט פון די עלטסטע צייטען אָן. נאָכ'ן „גלות בבל“ אין דער צייט פון כורש'ן, האָבען זיך ניט אַלע פערטריבענע צוריקגעקערט קיין יהודה, אַ סך זיינען געבליבען אין בבל און האָבען דאָרט געלעבט אין בעזונדערע קהילות, זיך ניט אויסמישענדיג מיט דער אַרומיגער היידנישער בעפעלקערונג. כל־זמן דער בית־המקדש אין ירושלים איז געשטאַנען האָבען די באַבילאָנישע אידען אויפגעהאַלטען שטענדיגע פערבינדונגען מיט זייערע ברידער אין ארץ־ישראל. זיי פלעגען שיקען קרבנות אין בית־המקדש און אַנדערע פלעגען אַליין קומען (עולה רגל זיין) קיין ירושלים אויף די גרויסע ימים־טובים. נאָר ווען ירושלים איז חרוב געוואָרען דורך די רוימער, איז דער באַנד צווישען די באַבילאָנישע און פּאַלעסטינישע אידען אויפגעהאַלטען גע־

וואָרען דורכדעם וואָס סיי די, סיי יענע, האָבען אנערקענט איבער זיך די הערשאַפט פון דעם סנהדרין און פון די לעהרער פון די ישיבות אין ארץ־ישראל. אין דער צייט פון ר׳בי יהודה הנשיא פלעגען א סך יונגע־לייט קומען פון בבל קיין ארץ־ישראל צו לערנען אין די דאָרטיגע גרויסע בתי־מדרשים. אָבער נאָכ׳ן טויט פון רבי יהודה הנשיא, ווען די טהעטיגקייט פון די נשיאים און סנהדרין אין דעם הייליגען לאנד האָט אָנגעהויבען צו פאַלען, האָט זיך צווישען די אידען אין בבל בעוויזען א שטרעבונג צו א זעלבסטשטענדיגען גייסטיגען לעבען. די רדיפות פון די קריסטליכע קיסרים אין רוים אויף די פאַלעסטינישע אידען האָט געצוואונגען א סך אידען ארויסצואוואנדערען קיין בבל — און אויף אזא אופן האָבען זיך דאָ געמעהרט די אידישע קהילות, צו וועלכע עס איז ביסלעכווייז אריבערגעגאנגען די בכורה פון פאַלעסטינישען יודענטום.

נאָך די פאַרצייטיגע פערסיער, וועלכע האָבען איינגענומען בבל אין די טעג פון כורש, האָבען איבערן לאנד א לאנגע צייט געהערשט די קריעגערישע פּאַרטיער. נאָר אין יאָהר 226 איז געקומען א סוף צו דער הערשאַפט פון די פּאַרטיער. די פערסיער האָבען געמאַכט אַן אויפשטאנד געגען דעם פּאַרטישען קעניג ארשטאַבאַן דעם פיערטען, האָבען איהם ארונטערגעזעצט פון טראָהן און האָבען אויסגעקליבען פאַר א קעניג זייער פיהרער ארדאשיר (ארתחשסתר), פון דער דינאַסטיע סאַסאַנידען. ארדאשיר האָט געגרינדעט אין פאָדער־אַזיען א שטאַרקע ניי־פערסישע מלוכה, אין וועלכער עס איז אויך אריינגעגאנגען בבל. די דאָזיגע איבערקערעניש האָט פון אָנפאַנג פערשאַפט די באַבילאנישע אידען א סך צרות. דער נייער קעניג האָט איינגעפיהרט צוריק די אַלטע פערסישע רעליגיע וואָס איז בעשטאַנען פון דיענען צום פייער. די פערסישע פריסטער אָדער „מאַגיער" האָבען אָנגעהויבען אונטערדריקען אַלע פרעמד־גלויביגע. די אידען איז פאַרבאָטען געוואָרען אָנצוצינדען פייער אין זייערע הייזער אין די פערסישע ימים־טובים, ווען די היידען האָבען געדיענט צו דעם גאָט פון ליכט הורמיז. אָבער די דאָזיגע גזרות האָבען ניט לאַנג געדויערט. דער נאָכפאָלגער פון ארדאשיר, דער קריגערישער קעניג שאַבור דער ערשטער (241—272) האָט צוריקגעגעבען די אידען די פרייהייט פון גלוי־

בען און פון אינערליכער פערוואַלטונג. פאַר איהם און זיינע נאָכ־פאָלגער האָבען די אידישע קהלות אין בבל אויפגעבליהט.

די גרעסטע און רייכסטע קהלות האָבען זיך געפונען אין די שטעדט נהרדעא, סורא, פומבדיתא און מחוזא. בראש פון אַלע אידישע קהלות איז געשטאַנען אַ פיהרער פון צווישען די אידען, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „ריש־גלותא“, אָדער „עקזילאַרך“, ד. ה. דער „האַר פון די פאַרטריבענע“. די עקזילאַרכען האָבען גערעכענט זייער יחוס פון דוד המלך אַזוי ווי די נשיאים פון פּאַ־לעסטינא. זייער הערשאַפט איז איבערגעגאַנגען פון פאָטער צו זוהן. דער עקזילאַרך האָט זיך גערעכענט פאַר'ן העכסטען ריכ־טער און פערוואַלטער פון די אידען אין בבל. דורך זיינע בעאַמ־טע פלעגט ער צונויפקלייבען פון די אידען שטייערען פאַר די פערסישע מלכים; ער פלעגט אָנשטעלען אויפזעהער אכטונג צו געבען אויף דער אָרדנונג אין די שטעדט, וואָס זיינען געווען בע־זעצט פון אידען, און אויך דיינים צו משפט'ן דאָס פאָלק. געלעבט האָבען די עקזילאַרכען זעהר רייך, אַרומגערינגעלט מיט אַ סך האַ־רען און דיענער. די פערסישע מלכים פלעגען בעשטעטיגען יעדען נייעם עקזילאַרך אין זיין אמט, און ער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די העכסטע פערסישע האַרען. אויף אַזאַ אופן האָ־בען די אידען אין בבל געהאַט אַזוי ווי אַמאָל אין זייער אייגען לאַנד, זייער אייגענע אינערליכע פערוואַלטונג און האָבען געקענט לעבען פריי לויט זייער אמונה. דיזע אינוועניגסטע פרייהייט (אויטאָנאָמיע) האָט אַרויסגערופען צווישען זיי אַ גרויסע געזעל־שאַפטליכע טהעטיגקייט און גייסטיגע שאַפונג.

§58. רב און שמואל. די ערשטע גרויסע ישיבות אין בבל זיינען אויפגעקומען באַלד נאָך דער שליסונג פון דער משנה. פאַר זייערע גרינדער ווערען גערעכענט: אבא אריכא, וועלכער ווערט אָנגערופען רב, און שמואל ירחינאי. אין זייער יוגענד זיינען די צוויי חכמים אַוועק פון בבל קיין ארץ־ישראל, כדי זיך דאָרט צו פערפאָלקאָמען אין לערנען אין דער ישיבה פון רבי יהודה הנשיא. דורך זייערע גלענצענדע פעהיגקייטען האָבען אבא און שמואל פער־נומען דעם ערשטען פּלאַץ צווישען די תלמידים פון רבי יהודה הנשיא און זיי זיינען אין גיכען דערהויבען געוואָרען צום טיטעל

רבי. נאָכדעם זיינען זיי אוועק צוריק קיין בבל מיט דעם בעשלוס צו ווידמען זייערע כחות צו פערשפרייטען די תורה אין זייער גע־בורטסלאַנד. רבי אבא אָדער רב האָט געעפענט אין סורא אַ ישיבה, אַזוי ווי די ארץ־ישראל'דיגע ישיבות. די נייע ישיבה האָט צו־געצויגען אַ סך לערנער; זייער צאָל פלעגט אמאָל דערגרייכען ביז צוועלף הונדערט. זייענדיג אַ רייכער מאַן, פלעגט רב אויסהאַל־טען אָרימע לערנער אויף זיין אייגענעם חשבון. כדי צו געבען די מעגליכקייט צו לערנען אויך צו פאַמיליען־לייט אָדער בעשעפטיגטע, וואָס פלעגען ניט קענען אריינטרעטען אין דער ישיבה אַלס שטענ־דיגע תלמידים, האָט רב בעשטימט צוויי חדשים אין יאָהר, אדר און אלול, ווען עס פלעגען אָבגעהאַלטען ווערען גרויסע אסיפות צו לערנען תורה. דיזע אסיפות זיינען געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „ירחי דכלה" (פערזאַמלונגס־חדשים). אויף די דאָזיגע אסיפות, וואו עס פלעגען זיין די שטענדיגע תלמידים פון דער ישיבה און אַ סך זייטיגע צוהערער, פלעגט מען אין קורצען איבער־געבען אַלץ וואָס איז דורכגעלערנט געוואָרען אין דער ישיבה דורכ'ן זמן. די לעצטע וואָך פון פערזאַמלונגס־חודש, ד. ה. ערב פסח און ערב סכות, פלעגען געהאַלטען ווערען לייכטע דרשות פאַר'ן פאָלק. אין דער וואָך (שבתא דריגלא) פלעגט דער אָנגעלאָף פון מענשען פון פערשיידענע שטעדט פון בבל זיין אַזוי גרויס, אַז אין סורא פלעגט ניט קלעקען קיין דירות פאַר אַלע אָנגעפהאָרענע, און אַ סך פון זיי פלעגען שלאָפען אונטער'ן אָפענעם הימעל אויפ'ן ברעג פון דעם סורא'ער טייך. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו פערשפרייטען די תורה צווישען אַלע טיילען פון פאָלק.

רב איז געווען בעריהמט אַלס גרויסער תלמיד חכם און ערש־טער אמוראי אין בבל. ער האָט אויך פערפאַסט תפלות פאַר שבת און יום־טוב. רב האָט ליעב געהאַט ערד־ארבייט און האָט זי גע־שטעלט העכער פאַר האַנדעל. ער האָט אַליין געהאַט גרויסע פעל־דער ארום סורא און האָט אַליין אכטונג געגעבען אויף זייער בע־אַרבייטונג. זיין זוהן פלעגט רב לערנען אַזוי: „בעסער אַ קליין שטיקעל ערד, איידער אַ גרויסער שפייכלער סחורה" („כבא מארעא ולא כורא מאגרא"). רב האָט געפיהרט די ישיבה אין סורא ארום דרייסיג יאָהר און איז געשטאָרבען אין יאָהר 242. אָנגעהויבען האָט

ער זיין אַרבייט אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון די פּאַרטיער און געענדיגט האָט ער זי אין דער צייט פון די ניי־פּערסישע מלכים. ווען רב איז געשטאָרבען האָבען אַלע אידען פון בבל געטרויערט אַ יאָהר צייט.

רב׳ס חבר, רבי שמואל, האָט געפיהרט די ישיבה אין זיין געבורטס־שטאָדט נהרדעא. די דאָזיגע ישיבה איז געוועזן נאָך פון פריהער, אָבער ערשט אין רבי שמואל׳ס צייטען איז זי בעריהמט געוואָרען און איז געוואָרען דער וויכטיגסטער צענטער פון אידישער חכמה. שמואל האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע אמוראים דערמיט וואָס ער פלעגט זיך פערנעהמען ניט נאָר מיט רעליגיעזע זאכען נאָר אויך מיט וועלטליכע חכמות: מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסענשאַפט און מעדיצין. אַלס דאָקטאָר האָט רבי שמואל גע־האַלטען אַז די מעהרסטע קראַנקהייטען קומען פון שלעכטער לופט. זיין בעליעבטעסטע בעשעפטיגונג איז געוועזן די אַסטראָנאָמיע און קאַלענדאַרישע אויסרעכנונגען. „די וועגען פון הימעל — פלעגט ער זאָגען — זיינען מיר פּונקט אַזוי בעקאַנט ווי די וועגען פון נהרדעא“. רבי שמואל האָט אָוועקגעשטעלט אַ געזעץ, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר די אידען, וואָס זיינען געווען צושפּרייט צווישען אַנדערע פעלקער. ער האָט געלערנט, אַז אַלע אידען זיינען מחויב אָבצוהיטען די געזעצען פון די לענדער, וואו זיי וואוינען (דינא דמלכותא דינא). דאָס האָט געהייסען, אַז די דינים לויט וועלכע די אידען פיהרען זיך אין זייער אינער־ליכען לעבען, טאָרען ניט זיין געגען די געזעצען פון דער מלוכה, וואו זיי וואוינען. די לעגענדע דערצעהלט, אַז דער פּערסישער קעניג שאַבור דער ערשטער איז געווען אַ פּערזענליכער פריינד פון רבי שמואל און האָט איהם שטאַרק געשעצט.

§60. די אַמוראים פון בבל. רב און שמואל, וועלכע האָ־בען געבראַכט מיט זיך פון ארץ־ישראל די משנה, זיינען געווען די ערשטע אַמוראים פון בבל. פון די ישיבות וואָס זיי האָבען גע־גרינדעט זיינען אַרויסגעגאַנגען אַ סך בעריהמטע חכמים, וועלכע האָבען שפּעטער אַליין געעפענט ישיבות און אַרויסגעגעבען אַ סך געלערנטע. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגע צייט. אַ דורשט פון וויסען האָט אַרומגעכאַפּט די אידען פון בבל. די ישיבה האָט

זיך גערעכענט טייערער פון אלץ. די געזעלשאפט האט אבגעגעבען כבוד ניט דעם רייכען נאר דעם געלעהרטען. צו קענען די משנה און א סך ערקלערונגען צו איהר בעל פה איז געווען א פליכט פאר יעדען געבילדעטען אידען. די אידישע חכמה, וועלכע האט פערלארען איהר באדען אין ארץ־ישראל, האט זיך אויפגעהויבען צוריק און זיך צובליהט אין בבל. די הויפט ישיבות פון בבל זיינען צו־ערשט געווען די ישיבות פון סורא און נהרדעא. נאר נאך שמואל׳ם טויט איז אויף נהרדעא געקומען אן אומגליק: אדענאט, דער קעניג פון פאלמירא (תדמור) האט אין א מלחמה מיט די פערסיער איינגענומען די דאזיגע שטאדט און האט זי חרוב געמאכט (259). דעמאלט איז די ישיבה פון נהרדעא אויף א צייט אריבערגעפיהרט געווארען קיין פומבדיתא.

בראש פון דער ישיבה אין סורא איז נאך רב׳ם טויט גע־שטאנען רבי הונא. אין דער יוגענד איז רבי הונא געווען אן איינפאכער ערד־ארבייטער; אפילו ווען ער איז שוין געווארען געלערנט האט ער נאך אלץ אליין בעארבייט זיינע פעלדער; אפט פלעגט מען איהם זעהן צוריק־קעהרענדיג פארנאכט פון פעלד, מיט א גראב־אייזען און א לאפאטע אויף די אקסעל. שפעטער איז ער רייך געווארען און האט זיך איבערגעגעבען צום לערנען, און האט געקראגען דעם גרויסען נאמען ראש ישיבה פון סורא. אזוי ווי רב, האט הונא אויך אויפגעהאלטען אויף זיין חשבון ניט־פערמעג־ליכע לערנער. דער פיהרער פון דער ישיבה אין פומדיתא איז געווען רב יהודה בר־יחזקאל. ער איז געווען זעהר שארפזיניג און ער פלעגט אפטמאל אבהאלטען אין זיין ישיבה חריפות׳דיגע וכוחים כדי צו ענטוויקלען די גייסטיגע פעהיגקייטען פון די תלמידים. די חכמים פון פומבדיתא האבען געקראגען א נאמען פאר גרויסע בעלי־פלפול; וועגען זיי פלעגט מען זאגען אז זיי קענען אין זייערע וכוחים „דורכפיהרען א העלפאנד דורך דעם אויער פון א נאדעל“. אין יענער צייט האט די ישיבה פון פומבדיתא געקראגען א גרעסערע בעדייטונג ווי די ישיבה אין סורא. נאך רבי יהודה איז איהר ראש־ישיבה געווען רבה בר־נחמנו, וועלכער האט פאר זיין היציגקייט אין געלערנטע וכוחים געקראגען דעם נאמען „עוקר הרים“ — וואס רייסט אויס בערג.

אין זיין צייט פלעגען זיך צו די פאָלקס־פערזאמלונגען ערב די ימים טובים אין פומבדיתא צונויפקומען אַרום צוועלף טויזענד צוהערער. די פערסישע רעגיערונג האָט פערבאָטען די אידען צו מאַכען אַזעלכע גרויסע פאָלקס־פערזאמלונגען און רבה׳ן האָט זי געהייסען אריינזעצען אין תפיסה. רבה האָט געמוזט לויפען פון פומבדיתא און ער איז אויפ׳ן וועג געשטאָרבען.

די ישיבה פון פומבדיתא איז בעזונדערס בעריהמט געוואָרען אין דער צייט פון איהר גרויסען פיהרער אַביי. דער נאָמען פון דיזען אַמוראָי בעגעגענט זיך אָפט אין תלמוד, צוזאַמען מיט׳ן נאָמען פון זיין חבר רבאָ (300־350). אביי איז געווען ראָש ישיבה אין פומבדיתא און רבא — אין מחוזא. צווישען די צוויי געלעהרטע פלעגען פאָרקומען שטענדיגע מחלוקות אין לערנען. אָפט פלעגען די מחלוקות אין זייערע ישיבות געפיהרט ווערען ניט כדי קלאָר צו מאַכען עפּיס אַ דין, נאָר כדי צו שאַרפען די מחות פון די תלמידים. אַביי און רבאָ האָבען שטאַרק געזאָרגט צו פערשפּרייטען עלעמענטאַרע בילדונג אין פאָלק; זיי האָבען אַכטונג געגעבען אַז אין יעדער שטאָדט זאָל זיין אַ שולע פאַר קינדער. נאָך אַביי׳ס טויט זיינען די מעהרסטע תלמידים פון פומבדיתא אַריבער קיין מחוזא, צו רבאָ. אָבער ווען רבאָ איז געשטאָרבען איז די ישיבה אין מחוזא אויך געפאַלען אין גרויסקייט. אין גיכען איז אויף מחוזא געקומען אַ שווער אומגליק: אין דער צייט ווען קיסר יוליאַנוס איז געגאַנגען אויף פערסיען איז דיזע שטאָדט צושטערט געוואָרען פון דעם רוימישען חיל.

§61. **רב אַשי און דער תלמוד בבלי.** עס זיינען אַריבער צוויי הונדערט יאָהר פון יענער צייט ווען רב און שמואל האָבען אַריבערגעפלאַנצט קיין בבל די אידישע חכמה פון פאַלעסטינאַ. אין פערלויף פון דער דאָזיגער צייט האָבען הונדערטע אמוראים אין בבל געאַרבייט אויסצופאָרשען און אויסצוברייטען די אידישע רעליגיעזע דינים, געזעצלעהרען און מאָראַל. די מיינונגען און בעשלוסען פון די אמוראים פלעגען אומגעהן פון מויל צו מויל, אָדער פלעגען פערשריבען ווערען שטיקלעכווייז. אויף אַזאַ אופן האָט זיך נאָך דער אָבשליסונג פון דער משנה אָנגעקליבען אַ מאַסע נייע הלכות און מסורות, וועלכע עס איז שוין שווער געווען אויפצו־

האַלטען אין זכרון. עס איז געוואָרען נויטיג צונויפצוקלייבען און ברענגען אין אָרדנונג אַט דיזע אַלע מינדליכע טראַדיציעס און נאָכער זיי פערשרייבען, כדי זיי זאָלען ניט פערגעסען ווערען, אַזוי ווי עס איז געטהאָן געוואָרען אין ארץ־ישראל (תלמוד ירושלמי). דעם אָנהויב דערצו האָט געמאַכט דער גרויסער אמוראי רב אשי (370—427).

רב־אשי איז געשטאַנען בראש פון דער ישיבה אין סורא. אין זיין צייט האָט די ישיבה ווידער אָנגעהויבען צו בליהען און רב־אשי איז געוואָרען בעריהמט אַלס דער גרעסטער אמוראי אין בבל. זיין גאַנצע לאַנגיעהריגע טהעטיגקייט האָט רב־אשי געווידמעט צו בלויז איין צוועק — צונויפצוזאַמלען די תורה שבעל־פה, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט אין די ישיבות אין בבל, אַלס ערקלערונגען אויף דער משנה. די אַלע צונויפגעזאַמעלטע טראַדיציעס האָבען געקראָגען דעם נאָמען „גמרא בבלית". כדי צו דערגרייכען זיין צוועק פלעגט רב־אשי אין דער צייט פון די גרויסע פאָלקס־פער־זאַמלונגען אין סורא לייענען פאַר'ן עולם פרקים פון משנה צוזאַמען מיט די פירושים פון די אמוראים, ד. ה. גמרא. אויף אַזאַ אופן איז ער אין פערלויף פון דרייסיג יאָהר דורכגעגאַנגען די גאַנצע משנה צוזאַמען מיט דער גמרא. רב אשי האָט אַלזאָ צוזאַמענגע־קליבען און מסדר געווען די גאַנצע תורה שבעל־פה, וואָס האָט זיך אויפגעקליבען אין בבל, וועלכע איז שפּעטער פערשריבען גע־וואָרען און געקראָגען דעם נאָמען „תלמוד בבלי".

פאַר זיינע גרויסע פערדיענסטען האָט רב־אשי זוכה געווען צום העכסטען עהרען־נאָמען „רבנו" (אונזער לעהרער); די שפּעטערע דורות האָבען איהם געשטעלט אין איין שורה מיט רבי יהודה הנשיא, דעם מסדר פון דער משנה. אין דער צייט ווען ער איז געווען דער פיהרער פון דער סורא'ער ישיבה איז סורא געוואָרען דאָס וואוינ־אָרט פון די אידישע נשיאים, וועלכע האָבען פריהער געוואוינט אין נהרדעא און פומבדיתא. יעדען יאָהר, נאָך די הערבסטליכע ימים טובים פלעגט מען מאַכען אין סורא אַ בעזונדערען פאָלקס־יום טוב לכבוד דעם „ריש־גלותא".

§62. די שליסונג פון תלמוד (חתימת התלמוד). נאָכ'ן טויט פון רב־אשי איז די לאַגע פון די אידען אין בבל פערערגערט

געוואָרען. אין דער צייט פון קעניג איזדאַגערד דעם צווייטען (438־457) האָבען זיך אין דער נײַ־פּערסישער מלוכה אָנגעהויבען ווידער שטאַרקע רדיפות געגען די אָנהענגער פון אַנדערע גלויבענס, וואָס האָבען ניט געוואָלט אַנערקענען זאָראָאַסטער'ס אמונה פון דעם פייער־גאָט. אונטער דעם איינפלוס פון די פּערסישע מאַגיער האָט דער קעניג פערפאָלגט די אידען און די קריסטען, וועלכע האָבען געלעבט אין זיין לאַנד. די אידען איז פערבאָטען געוואָרען אפילו אָבצוהיטען שבת. דיזע פערפאָלגונגען זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרען אין די צייטען פון פּירוז, וועלכער האָט געהערשט נאָך איזדאַגערד'ן. די אידען האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „רשע". אין דער שטאָדט איספאַהאַן איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען די מכשפים און די אידען, און צוויי מכשפים זיינען גע'הרג'עט געוואָרען. דערפאַר האָט פּירוז בעפעהלען אויסצוקוילען אַ העלפט פון דער אידישער בעפעלקערונג פון איספאַהאַן און די אידישע קינדער אַריינגעבען אין די פּערסישע טעמפּלען, וואו מען זאָל זיי לערנען צו דיענען דעם גאָט פון פייער. דער ראָש־הגולה פון די באַבילאָנישע קהילות הונאַ־מאַרי און צוויי אמוראים זיינען פערשפּאַרט געוואָרען אין תפיסה און דערנאָך האָט מען זיי געטויט (470). די אידישע ישיבות אין בבל זיינען פערמאַכט געוואָרען און זייערע יונגע תלמידים האָט מען מיט גוואַלד אַריינגעבראַכט אין דער פּערסישער רעליגיאָן. דעמאָלט האָבען די אידען אָנגעהויבען מאַסענווייז אויסצוואַנדערען פון בבל. אַ סך האָבען זיך בעזעצט אין דעם שכני'שען אַראַביען, וואו עס האָט פון אוראַלטע צייטען געלעבט אַ אידישער קריגערישער שבט, וועלכער האָט געפיהרט אַ וואַנדער־לעבען; פון דאָרט האָבען אַ טייל פון די אידען אַריינגעדרונגען אין דעם ווייטען אינדיען.

אין דער דאָזיגער שווערער צייט האָבען די אידישע חכמים, וואָס זיינען געבליבען אין בבל, בעשלאָסען צו פערשרייבען די גאַנצע תורה שבעל־פה וואָס האָט זיך אָנגעקליבען נאָך דער משנה, און וואָס רב־אשי האָט צונויפגעזאַמעלט און אויסגעשטעלט אין אָרדנונג. רב־אשי האָט די אַרבייט אָנגעהויבען און צו פערענדיגען זי איז בעשערט געווען די אמוראים, וועלכע האָבען געלעבט צום סוף פון פינפטען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכ־

נונג. צום גליק האָבען אין דיזער צייט, נאָכ'ן טויט פון דעם גרויזאַ־מען פירוז אויפגעהערט די גזרות אויף די אידען אין בבל און די ישיבות אין סורא און פומבדיתא האָבען זיך צוריק געעפענט. דער ראָש ישיבה פון דער ערשטער איז געווען רבינא, וועלכער ווערט אָנגערופען דער לעצטער אמוראי. אונטער זיין השגחה זיינען די חכמים צוגעטראָטען צוזאַמענצושטעלען די באַבילאָנישע גמרא. אַלע מינדליכע פירושים און הוספות צו דער משנה וואָס זיינען שוין פריהער צוזאַמענגעקליבען געוואָרען, האָבען זיי פערשריבען אין איין אַלזייטיגען, רעליגיעזען און בירגערליכען קאָדעקס, און האָבען ערקלערט דאָס דאָזיגע ווערק פאַר „געחתמ'עט", ד. ה. זיי האָבען פערבאָטען צוצוגעבען אָדער ענדערען עטוואָס דערין. די באַבילאָ־נישע גמרא איז אויסגעשטעלט געוואָרען לויט דער אָרדנונג פון דער משנה, אזוי אז נאָך יעדער מסכתא פון דער משנה זיינען געקו־מען די פירושים און וכוחים פון דער גמרא, וועלכע געהערען צו איהר. די משנה און די באַבילאָנישע גמרא, וועלכע זיינען אויף אזא אופן פעראייניגט געוואָרען צוזאַמען, האָבען פאַרגעשטעלט מיט זיך א גרויסען געשריבענעם מאָנומענט, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „תלמוד בבלי", צו אונטערשיידען איהם פון דעם קירצערען „תלמוד ירושלמי". אויף אַזאַ אופן האָט רב־אשי אָנגעהויבען די צוזאַמענ־שטעלונג פון דעם תלמוד, און רבינא האָט עס געענדיגט, אין 75 יאָהר ארום. רבינא רעכענט זיך פאַר'ן לעצטען אמוראי; ער איז גע־שטאָרבען אין 499 יאָהר. דעריבער ווערט דאָס יאָהר 500 פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג אָנערקענט פאַר'ן יאָהר אין וועלכען דער תלמוד איז געשלאָסען געוואָרען, (דאָס 430טע יאָהר נאָך דער צו־שטערונג פון ירושלים דורך טיטוס'ן).

§63. **דער אינהאַלט פון תלמוד.** דער תלמוד איז א גרוי־סע זאַמלונג, וועלכע בעשטעהט פון פופציג גרויסע און קליינע טראַקטאַטען (מסכתות. אין דרוק קומען זיי געוועהנליך אין 12 ביז 20 גרויסע בענדער). דאָ איז צונויפגעקליבען דער גרעסטער טייל דערפון, וואָס דער אידישער געדאַנק האָט בעשאַפען זינט דער שליסונג פון תנ"ך ביז צום סוף פון פינפטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג. דאָס איז נ'ט קיין ווערק פון איינעם אָדער עטליכע געלערנטע לייט, נאָר דער סך־הכל פון



קברים פון אידישע מלכים.

דעם וואָס דער אידישער גייסט האָט געשאַפען אין פערלויף פון זיבען הונדערט יאָהר. דער תלמוד איז ניט עהנליך צו די געוועהנליכע „געזעצביכער“, ווייל חוץ די רעליגיעזע און בירגערליכע דינים ענטהאַלט ער אויך אַ מאַסע ידיעות פון אנדערע צווייגען פון וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און מאָראַל. אפילו די דינים זעלבסט ווערען איבערגעגעבען אין דער גמרא ניט אַלס פעסטגעשטעלטע בעשלוסען, נאָר אַלס פערהאַנדלונגען און וכוחים צווישען די חכמים. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער תלמוד איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען לכתחילה ניט נאָר אַלס געזעץ־בוך, אַ הוספה צום תנ״ך נאָר אויך אַלס לערן־בוך, אין וועלכען יעדער איד האָט געקענט לערנען און שאַרפען זיין מוח. און דאָס בעטייט טאַקי דער נאָמען „תלמוד“, וואָס מיינט לעהרע. צוזאַמען דערמיט האָט דער תלמוד געדאַרפט דיענען פאַר׳ן פאָלק אַלס קוואַל, וואו זיי האָבען געקענט שעפּען אַלגעמיינעם וויסען און מאָראַל, זייט ביי זייט מיט די רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע דינים בעגעגענען זיך אין תלמוד ידיעות איבער אַסטראָנאָמיע, מעדיצין און נאַטור־וויסענשאַפט, און אָפטער פון אַלץ — מאָראַל־לעהרען, פילאָזאָפישע געדאַנקען, היסטאָרישע ערצעהלונגען און פאָלקס־לעגענדען.

יעדער ספר פון תלמוד בעשטעהט פון צוויי טייל, וואָס זיינען צונויפגעגאָסען אין איינעם: „הלכה“ און „אגדה“. אין דער הלכה ווערען אויספיהרליך בעשפּראָכען און ערקלערט די דינים פון דער משנה און עס ווערט אָנגעוויזען ווי אַזוי זיי זיינען פערבונדען מיט די געזעצען פון דער תורה. אין דער אגדה פערנעהמען דעם הויפּט־אָרט מוסר, שמועסען וועגען פערשיידענע ערשיינונגען פון לעבען, און היסטאָרישע טראַדיציעס. דער וואָס לערנט תלמוד און ער ווערט פערמאַטערט פון די האַרבע וכוחים און פלפולים פון דער הלכה, רוהט זיך אָב ביי דער אגדה, וואו ער געפינט אַנגענעהמע און אָנציהענדע לעזעשטאָף. דאָ, צווישען די פּראַכטפולע ערצעהלונגען און טראַדיציעס, זיינען צוזאַמענגעוואָרפען קלוגע משלים און שפּריכווערטער, וואָס ענטהאַלטען אין זיך די העכסטע מאָראַלישע אמת׳ן, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען נאָך דעם תנ״ך. שפּעטער אַז מען האָט אָנגעהויבען דעם תלמוד צו לערנען אין די ישיבות און בתי־מדרשים האָט יעדער איינער גע־

פונען אין איהם רייכע שפּייז פאַר זיין מוח: דער געלערנטער פלעגט זיך פערטיעפען אין די שאַרפזיניגע וכוחים פון דער הלכה, און דער מיטעלער מענש פלעגט מיט ענטציקען לייענען די שעהנע מעשה׳לעך און ד קלוגע משלים פון דער אגדה.

מיט׳ן תלמוד האָט זיך געענדיגט די ענטוויקלונג פון דער אַלטער ביבלישער געזעצלעהרע. צו די דינים פון תורת־משה זיינען צוגעקומען זעהר אַ סך נייע דינים און מנהגים, וועלכע דער איד דאַרף אָבהיטען אין זיין היימישען, געזעלשאַפטליכען און גייסטיגען לעבען. יעדער געבאָט אין דער תורה האָט זיך פאַנאַנדערגעצווייגט אין תלמוד אויף אַ סך געבאָטען. צום ביישפּיעל, די תורה זאָגט אָן, אַז מען זאָל רוהען אום שבת פון די געוועהנליכע ארבייטען. אָבער דער תלמוד פערוועהרט צו טהאָן אום שבת אפילו אזעלכע מלאכות, וועלכע בעלאַנגען ניט צו די שווערע ארבייטען (ווי טראָגען קליינע זאַכען, אָנצינדען פייער, אָברייסען אַ בלום א. אַז. וו.). צו די מינים שפּייז, וואָס די תורה פערוועהרט האָט דער תלמוד צוגעגעבען אַ סך נייע. ניט גרינג איז אָנגעקומען דעם אידען אָבצוהיטען די דאָזיגע אַלע דינים און מנהגים; אָבער זיי זיינען געווען נויטיג צוליעב דער בעזונדערער לאַגע פון דעם אידישען פאָלק: די אידען זיינען געווען צושפּרייט אין אַלע טיילען פון דער וועלט; כדי זיי זאָלען זיין איין פאָלק און ניט קענען זיך אויסמישען מיט די אַרומיגע פעלקער, איז נויטיג געווען, אַז די אידען זאָלען איבעראַל שטרענג אָבהיטען די דינים פון זייער אמונה און אופהאַלטען זייערע נאַציאָנאַלע מנהגים, וועלכע האָבען זיי אונטערשיידט פון אַנדערע פעלקער. צום דאָזיגען צוועק זיינען אָנגעווענדט אַלע געזעצען פון תלמוד. אין די דאָזיגע געזעצען איז ווירקליך געלונגען אויפצוהאַלטען די אידישע נאַציאָן גאַנץ, צו להכעים אַלע רדיפות, וואָס די אידען האָבען געמוזט אויסשטעהן אין פערשיידענע לענדער פאַר זייער גלויבען און נאַציאָן.

דער תלמוד בבלי שטימט מיט׳ן תלמוד ירושלמי נאָר דערמיט, וואָס זיי ענטהאַלטען דיזעלבע משנה; אָבער די גמרא איז ביי זיי פערשיידען: אין דעם תלמוד בבלי איז די גמרא אַ סך ברייטער און פולער. אָט דעריבער האָט זיך עס שפּעטער בעזונדערס שטאַרק פערשפּרייט דער תלמוד בבלי. די שפּראַך פון

דעם תלמוד בבלי איז א געמיש פון העברעאישע און אראמעאישע ווערטער (כאלדייאיש). אין דער משנה, וועלכע איז צוזאמענגע־שטעלט געווארען אין ארץ ישראל, זיינען דא מעהר העברעאישע ווערטער און שפראך־פארמען; אבער אין דער גמרא הערשט מעהר די אראמעאישע שפראך, וועלכע איז געוועזען זעהר שטארק נאהענט צו דער דעמאלטיגער אומגאנגס־שפראך פון די באַ־בילאנישע אידען.

עלפטער קאפיטעל.

די אידען אין מזרח ביז'ן סוף פון דער עפאכע פון די גאונים

(500 — 1040)

§64. **מהומות אין פערסיען; די סבוראים.** נאך דער אבשליסונג פון תלמוד האבען די אידען אין פערסישען בבל אי־בערגעלעבט שטירמישע צייטען. זיי האבען שטארק געליטען פון דעם בייזען ווילען פון די סאטראפען (שטאטהאלטער פון פראווינצען) און פון די פאנאטישע מכשפים, די פריסטער פון דעם גאט פון פייער. אין אנהויב פון זעקסטען יאהר־הונדערט זיינען די ליידען פון די אידען דערגאנגען אזוי וויט, אז א טייל פון זיי האט מורד געוועזען געגען דער פערסישער רעגירונג. בראש פון די מורדים איז געשטאנען דער יונגער אידישער „עקזילארך“ מר־זוטרא. דער קריי־געדישער עקזילארך האט ארויסגעטריבען די פערסיער פון דער שטאדט מחוזא און האט זיך דארט בעפעסטיגט מיט זיין חיל אלס זעלבסטשטענדיגער אידישער פירשט. זיבען יאהר איז אר־זוטרא געבליבען פירשט, נאר נאכער האט דער פערסישער חיל איינגענומען די שטאדט מחוזא, האט גענומען געפאנגען מר־זוט־רא'ן און איהם אויפגעהאנגען נעבען בריק פון מחוזא (ארום יאהר 520). די אידען האט מען נאך שטארקער אנגעהויבען צו פער־פאלגען און אונטערדריקען.

אין פערלויף פון זיבעציג יאהר נאך דער געשיכטע, האט זיך די לאגע פון די אידען אונטער דער פערסישער הערשאפט געבי־

טען דאָ צום בעסערען, דאָ צום ערגערען, לויט דעם וואָס פאַר אַ קעניג עס האָט געהערשט. אָרדנונג און רוה האָבען זיך איינגע־שטעלט אין אידישען לעבען ערשט אין דער צייט פון דעם לעצ־טען פערסישען קעניג חזראי דער צווייטער (590־628), וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט אַלס קריעגספיהרער און קלוגער הער־שער. אין זיין צייט האָבען די אידישע קהילות אין בבל ווידער אָנגעהויבען צו פערוואַלטעט ווערען דורך זייערע אייגענע וועלט־ליכע בעאַמטע, עקזילאַרכען, און זייערע אייגענע גײַסטיג־לעהרער, וועלכע זיינען געשטאַנען בראָש פון ישיבות.

די גײַסטיג־לעהרער פון יענער צייט האָבען זיך שוין ניט גערו־פען „אמוראים" ווי פריהער, נאָר „סבוראים", דאָס הייסט, די וואָס דריקען אויס אַ מיינונג. אַזוי ווי דער תלמוד איז שוין געווען גע־שלאָסען האָט מען מעהר ניט געטאָרט צוגעבען צו איהם קיין נייע דינים, נאָר מען האָט בלויז געקענט לערנען און ערקלערען די דינים וואָס ער ענטהאַלט. דאָס האָבען געטהאָן די סבוראים. זיי האָבען געשטודירט דעם געשריבענעם טעקסט פון דעם תלמוד, האָבען פער־ריכט זיינע גרייזען, אָפטמאָל אריינגעשטעלט זייערע קורצע ערקלע־רונגען און האָבען אויסגעשטעלט די אבטיילונגען אין אַ בעשטימטער אָרדנונג. די וויכטיגסטע ישיבות האָבען זיך געפונען ווי פריהער אין די צוויי בבל'ישע שטעדט סורא און פומבדיתא.

§65. די אידען אין סיריען און פאַלעסטינאַ אונטער דער הערשאַפט פון ביזאַנטיען. ווען די גרויסע רוימישע אימפעריע איז זיך צופאַלען אויף צוויי האַלבע, די מזרח'דיגע אָדער ביזאַנ־טיען, און די מערב'דיגע אָדער איטאַליען (אויבען 56§), זיינען סי־ריען און ארץ ישראל אַריבער צו ביזאַנטיען. דאָ איז די לאַגע פון די אידען געווען נאָך ערגער ווי אין פערסיען, ווארום די קריסט־ליכע ביזאַנטען האָבען בכלל אונטערדריקט די פרעמדע גלויבענס. די קריסטליכע גייסטליכע האָבען געהאַסט די אידען דערפאַר, וואָס זיי זיינען געבליבען ביי זייער אַלטען גלויבען, און זיי האָבען אָנ־גערייצט די מלכים ארויסצוגעבען גזרות געגען די אידען. ביי די אידען האָט מען ביסלעכווייז אָבגענומען זייער רעליגיעזע פרייהייט און אַנדערע בירגערליכע רעכט, אָבער מען האָט זיי געצוואונגען צו ערפילען אַלע בירגערליכע פליכטען און צאָהלען שווערע שטייע־

רען צו דער רעגירונג. דער ביזאנטישער קיסר יוסטיניאן (527—656) האָט געשריבען אין זיין בעפעהל געגען די אידען אזוי: „זאָלען דיזע מענשען קרעכצען אונטער דער לאַסט פון זייערע פליכטען, אָבער זיי זאָלען ניט פארנעהמען קיינע חשוב'ע שטעלען; זיי דארפען בלייבען אין דער זעלבער פעראַכטעטער לאַגע, אין וועל־כער זיי אליין לאָזען איבער זייערע נשמות". אין „יוסיטיניאנ'ס קאָדעקס" זיינען אריין אַ סך שווערע געזעצען געגען אידען. זעהענדיג די הילפלאָזיגקייט פון די אידען, פלעגט דער פראסטער המון זיי אָפט בעפאַלען, זיי בערויבען און הרג'ענען.

איבערהויפט זיינען די אידען אונטערדריקט געוואָרען אין זייער אמאָליגען פאטערלאנד, אין ארץ־ישראל. די ביזאנטיער האָ־בען דאָ געבויט פאר זיך קירכען און מאָנאסטירען, און די אידען האָבען זיי פארוועהרט צו בויען נייע שוהלען אויף דעם אָרט פון די אַלטע, וואָס זיינען צופאַלען געוואָרען. אין אייניגע פלעצער האָט מען זיי אינגאנצען פארבאָטען זיך צו בעזעצען. מען האָט זיי אפילו ניט אריינגעלאָזט אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים. אַ בעדייטענדע אידישע קהילה איז געבליבען נאָר אין דער שטאָדט טבריה, וואו עס האָבען אמאָל געוואוינט די אידישע נשיאים. אַ סך אידען האָבען געלעבט אויך אין סיריען, איבערהויפט אין דער גרויסער שטאָדט אנטיוכיה, וועלכע איז געווען בעזעצט פון קריסט־ליכע גריכען.

די נגישות און בעליידיגונגען פון די ביזאנטישע קריסטען פלעגען שטארק אויפרייצען די אידען און פלעגען זיי אָפטמאָל ברענגען צו אן אָפענעם אויסברוך. אין אנטיוכיה איז צווישען זיי און די גריכען געקומען צו אַ בלוטיגען צוזאמענשטויס. דאָס מאָל האָבען די אידען מנצח געווען: זיי האָבען גע'הרג'עט זייערע שונאים, געוואָרפען זיי אין פייער און האָבען געטויט אפילו דעם פאטריארך פון אנטיוכיה, אנאסטאַסיוס. אָבער אין גיכען איז דיזער אויפשטאנד דערשטיקט געוואָרען; אַ סך אידען האָט מען הינגעריכט אָדער ארויסגעטריבען פון לאנד, אויפ'ן בעפעהל פון קעניג פאָקי (608).

אין עטליכע יאָהר ארום האָבען די אידען ווידער אויסגע־נוצט די געלעגענהייט צו נעהמען נקמה פון זייערע אונטערדריקער.

אין יענער צייט איז געווען אַ מלחמה צווישען דעם פּערסישען קעניג חזראי דעם צווייטען און דעם ביזאַנטישען קיסר הע־ראַקליוס. די פּערסיער זיינען אריינגעטראָטען אין סיריען און האָבען זיך דערנעהנטערט צו פּאַלעסטינאַ. זיינען די אידען צוגע־שטאַנען צו זיי צו קעמפּפען צוזאַמען מיט זיי געגען די פערהאַסטע ביזאַנטיער. דער רייכער בנימין פון טבריה האָט געגעבען דאָס געלט אויף בעוואָפּענען זיינע ברידער. אין יאָהר 614 האָבען די פּערסען, מיט דער הילף פון דעם אידישען חיל, גענומען מיט שטורם ירושלים, וואו פריהער איז די אידען געווען שטרענג פערבאָ־טען צו וואוינען. פון דאַנען האָבען די זיעגער זיך געלאָזט אין אַנדערע שטעדט פון פּאַלעסטינאַ, און האָבען איבעראַל אויס־גע׳הרג׳עט די מאָנאַכען און פערניכטעט קירכען און מאָנאַסטירען מיט דער זעלבער גרויזאַמקייט, מיט וועלכער דער ביזאַנטישער המון האָט פריהער צושטערט אידישע שוהלען און בתי־מדרשים. ארום פערצעהן יאָהר האָט געדויערט די הערשאַפט פון די פּערסיער אין פּאַלעסטינאַ. נאָר ווען חזראי איז ארונטערגעזעצט גע־וואָרען פון טראָהן און אין פּערסיען האָבען זיך אָנגעפאַנגען מהומות (628), זיינען די ביזאַנטיער ווידער שטאַרק געוואָרען. הערואַקליוס האָט ווידער בעזיעגט פּאַלעסטינאַ און האָט גרויזאַם בעשטראָפט די אידען פאַר זייער בונד מיט די פּערסיער. אַ סך אידען זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען, און אַ סך זיינען אַנטלאָפען קיין מצרים.

אָבער ניט לאַנג האָבען די ביזאַנטיער אָנגעהאַלטען זייער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. אין יענער צייט האָט זיך אין מזרח אָנגעהויבען גיך צו פערשפּרייטען די רעליגיאָן פון מאַחמעד; די קריעגערישע אראַבער, וועלכע האָבען איבערגענומען די דאָזיגע רעליגיאָן, האָבען צוגענומען אין אַזיען די הערשאַפט סיי פון די היידנישע פּערסיער, סיי פון די קריסטליכע ביזאַנטיער.

§66. די אידען אין אַראַביען און מאַחמעד. אויפ׳ן אראַ־בישען האַלב־אינזעל האָבען אידען געלעבט נאָך פון אוראַלטע צייטען. אַ טייל פון זיי האָט זיך דאָרט בעזעצט נאָך אין דער צייט ווען די אידישע מלוכה האָט עקזיסטירט; אַ סך זיינען אהין אנט־לאָפען שפּעטער פון די ביזאַנטישע און פּערסישע לענדער. די אראַבער האָבען געקוקט אויף די אידען ווי אויף אַ קרוב׳ישען פאָלק

ווארום די אראבער האָבען גערעכענט זייער אָבשטאַמונג פון ישמעאל, דעם זוהן פון אברהם, דעם פאָטער פון אידישען פאָלק. און ווירקליך,ביידע פעלקער האָבען בעלאַנגט צו דער סעמי־טישער ראַסע און האָבען גערעדט אויף אַן ענליכער שפּראַך. די אראבישע אידען האָבען זיך אויך מיט זייער אַרט לעבען וועניג אונטערשידען פון די אראבער. זיי האָבען געלעבט אין קליינע שבטים, וועלכע פלעגען זיך רופען אויפ׳ן נאָמען פון דעם פאָטער (צום ביישפּיעל: בנו־קיינוקאַא, בנו־נאַדיר, ד. ה. די קינדער פון קיינוקאַא און פון נאַדיר). דער עלטסטער פון שטאַם איז אויך געווען דער פיהרער. די אידען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פיה־צוכט, נאָר פיעלע האָבען אויך געפיהרט האַנדעל מיט אינדיען, פערסיען און ביזאַנטיען. אזוי ווי די אראבער, האָבען זיי זיך אויס־געצייכענט מיט אַ קריעגערישען גייסט. בלויז אין דער רעליגיאָן האָבען זיי זיך אונטערשיידט פון די אראבער, וועלכע זיינען נאָך געווען געצענדיענער. נאָר אין דעם 6טען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג האָט זיך די אידישע אמונה אָנגעהויבען פערשפּרייטען צווישען די אראבער. גאַנצע שבטים פלעגען נאָכ־טהאָן זייערע עלטסטע און אָננעהמען די אידישע רעליגיאָן. דער אריבערגאַנג צום יודענטום איז פאַר די אראבער געווען גרינגער דערמיט, וואָס פון די עלטסטע צייטען אָן איז ביי זיי געווען איינ־געפיהרט צו מל זיין די אינגלעך.

אין אָנהויב פון 6טען יאָהרהונדערט איז אין דרום־אראביען אָדער תימן געגרינדעט געוואָרען אַ קליינע מלוכה, וואו די אי־דישע רעליגיאָן איז געווען די הערשענדע. דער תימנ׳ער קעניג אבו־קאַריבאַ, בעקענענדיג זיך מיט די אידישע חכמים האָט אָנ־גענומען דאָס יודענטום און האָט אויך מגיר געווען פיעלע אראַ־בער (500). זיין טראָן־פאָלגער, דער יונגער יוסף דו־נאָוואַס איז געווען אַן איבערגעבענער אָנהענגער פון יודענטום און איז געווען אַ הייסער פערטיידיגער פון זיינע גלויבענס־ברידער. ווען יוסף האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע אונטערדריקען די קריסטליכע מלכים און גייסטליכע די אידען, האָט ער בעשלאָסען צו אָבצאָהלען דערפאַר די קריס־טען, וואָס האָבען געלעבט אין זיין מדינה. ער האָט געהייסען

כאַפּען די ביזאַנטישע סוחרים, וואָס זיינען געפאָהרען קיין אינדיען דורך תימן און זיי הענגען. ער האָט ארויפגעלעגט שווערע שטייערען אויף די קריסטען פון זיין מלוכה און האָט זיי אונטערדריקט אזוי ווי די ביזאַנטישע קיסרים האָבען אונטערדריקט זייערע אידען. דערמיט האָט דו־נאָוואס אויפגעוועקט נעגען זיך דעם צאָרן פון די קריסטליכע מלכים. זיי צו הילף איז געקומען דער קעניג פון דער נאָהנטער עטיאָפּיען (אביסיניען), עלעסבאַא, וועלכער איז געווען א קריסט. די מחנות פון עטיאָפּיען האָבען זיך אריינגעריסען אין תימן און האָבען זיך גענומען צו פערוויסטען דאָס לאַנד. דאָס אראַבישע און אידישע חיל פון דו־נאָוואס האָט ניט געקענט ביישטעהן געגען זיי. זעהענדיג זיין אונפערמיידליכען סוף איז דו־נאָוואס ארויפגעשפרונגען רייטענדיג אויף זיין פערד צום שפּיץ פון א הויכען באַרג און האָט זיך אַרונטערגעוואָרפען אין ים אריין (530). אזוי איז געפאַלען די אידישע מלוכה אין אַראַביען.

דער שטענדיגער פאַרקער פון די אידען מיט די אַראַבער האָט צוגעגרייט די לעצטע אָנצונעמען דאָס גלויבען אין אן איינציגען גאָט. אין אָנהויב פון 7טען יאָהרהונדערט איז ערשינען אין אַראַביען דער גרינדער פון א נייער רעליגיאָן, וועלכע איז אזוי ווי דאָס קריסטענטום געווען געגרינדעט אויפ׳ן אידישען תנ״ך. דאָס איז געווען דער אַראַבישער נביא מאַחמעד. אין זיין יוגענד האָט מאַחמעד פאַרקערט צווישען אידען און האָט זיך דורך זיי בעקאַנט מיט׳ן תנ״ך און מיט די יסודות פון אַן איינציגער גאָטהייט. דיזע רעליגיעזע געדאַנקען האָט ער שפּעטער פעראייניגט מיט די אַראַבישע טראַדיציעס און האָט בעשאַפען א נייע רעליגיאָן — דעם „איסלאַם“ („איבערגעבענהייט צו גאָט“). ער האָט זיך ערקלערט פאַר א נביא, וועלכען גאָט האָט געשיקט צו ענדערען די „אמונה פון אברהם“. דער ערשטער גרונד פון זיין רעליגיאָן זאָגט: עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער (דעם איינציגען) גאָט, און מאַחמעד איז זיין נביא“. א סך אַראַבער האָבען אָנגענומען דעם נייעם גלויבען און ערקלערט מאַחמעד׳ן פאַר א נביא. פון אָנהויב האָט מאַחמעד געפּרובט צוצוציהען צו זיין לעהרע די אידען, אָבער זיי, אויסער איניגע, האָבען איהם ניט געוואָלט אָנערקענען פאַר גאָט׳ס

שליח, וואָס שטעהט העכער פאר די נביאים פון תנ"ך. דעריבער ווען מאַחמעד האָט זיך בעפעסטיגט אין דער שטאָדט מעדינא (622) און האָט געקראָגען די מאַכט איבער א מאַסע „גלויביגע" אראַבער, האָט ער אָנגעהויבען א קאַמפף מיט די אידען. פאַרשפרייטענדיג זיין רעליגיאָן מיט'ן שווערד איז מאַחמעד און זיינע קריעגער בעפאַלען די אידישע שבטים בענו־קיינוקאַא און בענו־נאַדיר. די אידען האָבען ארויסגעוויזען א העלדישען ווידערשטאַנד, אָבער זיי האָבען ניט געקענטביישטעהן געגען די אַראַבישע קריעגער; פיעלע פון זיי זיינען אַנטלאָפען אין אַנדערע לענדער, און די וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען האָט מען געטויט אויפ'ן בעפעהל פון דעם „נביא". איינע פון די געפאַנגענע אידישע פרויען, די שעהנע זיינאַב האָט דער נביא גענומען פאַר א ווייב. דיזע העלדישע פרוי האָט בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון דעם שונא פון איהר פאָלק און האָט איינמאָל דערלאַנגט מאַחמעד'ן א שטיקעל פלייש מיט סם. איינער פון דעם נביא'ס קרובים, וועלכער האָט פערזוכט פון דעם פלייש, איז געשטאָרבען, אָבער מאַחמעד אליין האָט בעוויזען אויסצושפייען דעם סם און ער איז געבליבען לעבען. ווען מאַחמעד האָט איהר געפרעגט פאַרוואָס האָט זי עס געטהאָן, האָט זי געענטפערט: „דו האָסט פערשאַפט מיין פאָלק שווערע ליידען, און איך האָב דעריבער געטראַכט, אז אויב דו ביסט נאָר א געוועהנליכער קריעגספיהרער וועל איך, פער'סמ'ענדיג דיך, ברענגען מיין פאָלק רוה; אויב אָבער דו ביסט ווירקליך א נביא, וועט דיר גאָט מודיע זיין פון מיין טהאַט און דו וועסט בלייבען אונבעשעדיגט. מאַחמעד האָט געהייסען זי טויטען.

דערפון קומט עס וואָס אין „קאָראַן" — דאָס הייליגע בוך פון די מאַחמעדאַנער — געפינען זיך א סך פיינדליכע אויסדריקען געגען יודענטום. פון אָנפאַנג איז די אידען ווירקליך אויסגעקומען א סך צו ליידען פון דער רעליגיעזער פיינדשאַפט פון די מאַחמעדאַנער; אָבער אין די שפּעטערע צייטען איז די שנאה צווישען די צוויי קרובי'שע רעליגיאָנען שוואַכער געוואָרען און די אידען האָבען געקענט לעבען אין די מאַחמעדאַנישע לענדער רוהיגער ווי אין די קריסטליכע.

§67. די ערשטע קאַליפען; די נייע נשיאים. פאַר'ן

טויט האָט מאַחמעד איבערגעלאָזט אַ צוואה צו די אַראַבער זיי זאָ־לען פאַרשפּרייטען זיין רעליגיאָן איבער דער גאַנצער וועלט מיט דער מאַכט פון געוועהר. אַזוי שנעל ווי מאַחמעד איז געשטאָרבען (632), האָבען די קריעגערישע אַראַבער זיך ארייגעריסען אין אַלע לענדער פון פאָדער־אַזיען, מיט'ן אויסרוף: „עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט, און מאַחמעד איז זיין נביא". די ערשטע אַראַ־בישע קאַליפען (שטעלפאַרטרעטער פון דעם נביא) זיינען געווען אויסגעצייכענטע קריעגספיהרער. בראש פון זייער חיל האָבען זיי איינגענומען סיריען, פאַלעסטינאַ, פערסיען און מצרים. איבער־הויפּט איז בעריהמט געוואָרען דער צווייטער קאַליף, דער העלדי־שער אָמאַר. אין יאָהר 638 האָט ער אָבגענומען ארץ ישראל ביי די ביזאַנטיער. ווען ער האָט איינגענומען ירושלים האָט ער אויס־געבויט אַ „מעטשעט" (מאַחמעדאַנישער טעמפּעל) אויפ'ן פּלאַץ וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען. ירושלים, וועלכע איז פריהער גע־ווען אַ הייליגע שטאָדט ביי די אידען און קריסטען, איז איצט געוואָ־רען הייליג אויך ביי די מאַחמעדאַנער אָדער „מוסולמענער" (רעכט־גלויביגע). אָמאַר האָט ניט ערלויבט די אידען צו וואוינען אין דיזער שטאָדט און האָט זיי אין אַלגעמיין געדריקט, ווי אויך די קריסטען.

אין פערסיען און בבל, וואָס די אַראַבער האָבען איינגענומען, איז די לאַגע פון די אידען פאַרבעסערט געוואָרען אין דער צייט פון דעם פיערטען קאַליף אַלי (660). אַז די אַראַבער האָבען בע־זיעגט די לענדער פון פאָדער־אַזיען און צפון אַפריקאַ, האָבען זיי זיך בערוהיגט און האָבען אָנגעהויבען איינצופיהרען אָרדנונג אין די בעזיעגטע לענדער. די קאַליפען האָבען געגעבען די אידען פולע פרייהייט אין זייער אינווענינגסטער פיהרונג. די אידען אין בבל האָבען ווידער בעקומען דאָס רעכט צו האָבען אַן עלטסטען פון זייער איינענעם פאָלק. דער ערשטער פון די דאָזיגע עלטסטע, אָדער עקזילאַרך (נשיא) אונטער די אַראַבער, איז געווען בוסתנאי, אַן אָבגעשטאַמטער פון די ערשטע עקזילאַרכען, וועלכע האָבען גע־פיהרט זייער יחוס פון דוד המלך. די לעגענדע דערצעהלט פאָל־גענדעס ווי אַזוי בוסתנאי האָט דערגרייכט צו זיין הערשאַפט. איין קעניג האָט געהייסען אויס'הרג'ענען די גאַנצע משפּחה פון די אי־

דישע עקזילארכען אין בבל. דער בעפעהל איז ערפילט געוואָרען; לעבען געבליבען איז נאָר די אלמנה פון דעם גע'הרג'עטען עקזילארך חנניה, וועלכע איז געווען שוואנגער און האָט זיך אויך גערינכט אויפ'ן טויט. פלוצלינג חלומ'ט זיך דעם קעניג איין נאכט, אז ער האָט אויסגעהאקט אלע ביימער פון א פּראַכטפולען סאָד („באָסטאַן"), אָבער אז ער האָט אויפגעהויבען די האק אויף דעם לעצטען בוים האָט זיך פאר איהם בעוויזען אן אלטער מאן, וועלכער האָט איהם מיט דער האק געגעבען אזא קלאפּ אין פּנים, אז דער קעניג איז געפאלען בעגיסענדיג זיך מיט בלוט. דער קעניג האָט זיך גענומען בעטען ביים זקן ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און ער האָט געגעבען א שבועה ניט צו טשעפּען דעם לעצטען בוים, נאָר איהם אָבהיטען. דער קעניג האָט זיך אויפגעכאפּט און געפונען אויפ'ן שטערן סימנים פון בלוט. דאן האָט ער גערופען צו זיך א אידישען חכם, וועלכער האָט איהם פּותר חלום געווען אזוי: דער אויסגעהאקטער סאָד איז דער שטאם פון דוד המלך; דער איבערגעבליבענער בוים איז דאָס קינד, וואָס די אלמנה פון דעם גע'הרג'עטען עקזילארך וועט אין גיכען געבעהרען. דער קעניג האָט איצט בעפעהלען מען זאָל די אלמנה שטארק אָבהיטען און ווען זי האָט געבאָרען א זוהן האָט ער איהם א נאָמען געגעבען בוסתנאי, נאָכ'ן סאָד, אָדער „באָסטאַן", וואָס ער האָט געזעהען אין חלום. צו דער גרויסער פרייד פון אלע באבילאָנישע אידען איז בוסתנאי אויסגעוואקסען און געווען א גרויסער למדן. דער קעניג האָט ליעב געקראָגען דעם שטילען און בעשיידענעם בוסתנאי און האָט איהם געמאכט פאר עקזילארך. די אראבישע קאליפען האָבען בעשטעטיגט בוסתנאי'ן אין זיין אמט און איינער פון זיי האָט איהם געגעבען פאר א ווייב די שעהנע דאָרא, די טאָכטער פון פּערסישען קעניג, וועלכער איז גענומען געוואָרען געפאנגען, ווען די אראבער האָבען בעזיעגט פּערסיען.

§68. די עקזילארכען און די גאונים. נאָכ'ן טויט פון דעם קאליף אלי האָבען אין די לענדער פון דער אמאליגער פּערסיען געהערשט די קאליפען פון דעם אראבישען שטאם מואבי, אָדער אָמאַיאַדען (661—750). זייער הויפּטשטאָדט איז געווען אין דער וויכטיגסטער שטאָדט פון סיריען, דמשק. אין דער צייט פון די



אויפשריפטען אויף אלטע אידישע מצבות אין רוים.

דאָזיגע קאַליפֿען האָט זיך די זעלבסט-פֿערוואַלטונג פֿון די אידען אין בבל אינגאַנצען בעפֿעסטיגט. עס האָט זיך אויסגעבילדעט א צווייענדיגע פֿערוואַלטונג איבער די אידישע קהילות: א וועלט־ליכע און א גייסטליכע. די וועלטליכע הערשאַפֿט איז געווען אין די הענט פֿון די עקזילאַרכען פֿון בוסתנאַי'ס שטאַם. זיי זיינען געווען די פֿאָרשטעהער פֿון די אידען פֿאַר די קאַליפֿען און פֿאַר די אַראַבישע בעאַמטע אויף'ן אָרט. די עקזילאַרכען האָבען גע־פֿיהרט א רייך לעבען, האָבען געטראָגען טייערע קליידער, זיי האָ־בען געהאַט אָנגעזעהנע וואָך און פֿלעגען אַרויספֿאָהרען אין גרויס־אַרטיגע קאַרעטען. די הכנסה אויף אויסצוהאַלטען זיין הויף האָט דער עקזילאַרך בעקומען פֿון געוויסע בעצירקען, וואָס דער קאַ־ליף פֿלעגט פֿאַר איהם בעשטימען, און ער האָט אויך געהאַט דאָס רעכט אַרויפֿצולעגען געוויסע שטייערען אויף די קהילות, וואָס זיי־נען געשטאַנען אונטער זיין אויפֿזיכט.

די גייסטיגע פֿאָרשטעהער פֿון די באַבילאָנישע אידען זיינען געווען די פֿיהרער פֿון די צוויי הויפּט ישיבות, פֿון סורא און פּומבדיתא. די דאָזיגע פֿיהרער האָבען געקראָגען דעם נאָמען „גאונים“, ד. ה. גרויסע, דערהויבענע. דער גאון פֿון סורא איז געווען דער עלטסטער, און דער גאון פֿון פּומבדיתא איז געווען דער צווייטער נאָך איהם. צוגלייך מיט די עקזילאַרכען זיינען די גאונים געווען די הויפּט ריכטער פֿון די אידען. אָבוואָהל דער אַמט פֿון עקזילאַרך איז געווען א ירושה־זאַך אין דער בוסתנאַי־משפּחה, פֿונדעסטוועגען האָט זיך געפֿאָדערט די בעשטעטיגונג פֿון די גאונים אין דעם דאָזיגען אַמט. פֿאַר דיזען צוועק איז געווען איינ־געפֿיהרט א בעזונדער יום־טוב. אין דעם דאָזיגען יום טוב פֿלעגט זיך צוזאַמענקלייבען א גרויסער עולם פֿון פֿאָלק און די חשוב'סטע פֿאָרשטעהער פֿון די אידישע קהילות און די געלעהרטע לייט, מיט די צוויי גאונים בראש, פֿלעגען אריינפֿיהרען דעם ניי־אויסגעקלי־בענעם עקזילאַרך אין שוהל אריין. שבת אין דער פֿריה פֿלעגט מען אין שוהל אָבהאַלטען א פֿייערליכע תּפלה און דערביי פֿלעגט דער עקזילאַרך זיצען אויף א הויכער, רייך אויסגעפּוצטער בימה, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזעהן פֿון א טהורם. דאַן פֿלעגט צוערשט צוגעהן צו דער בימה דער גאון פֿון סורא, פֿלעגט אָנ־

בויגען די קניה פאר'ן עקזילארך און פלעגט זיך זעצען גלייך מיט איהם, פון דער רעכטער זייט; דאס זעלבע פלעגט נאכער טהאן דער גאון פון פומבדיתא און ער פלעגט זיך זעצען צו דער לינקער זייט פון דעם פירשט. נאכהער פלעגט דער עקזילארך אליין לייענען אין דער תורה און דערנאך האלטען א געלעהרטע דרשה; אויב אבער ער האט אליין ניט געקענט האלטען קיין דרשה, פלעגט פאר איהם ריידען דער גאון פון סורא. צום שלום פלעגט מען זאגען א בעזונדערע תפלה (יקום פורקן) אלס ברכה פאר'ן עקזי־לארך, פאר די גאונים, פאר אלע חכמים און געלעהרטע און פאר אלע קהילות, וואס האבען געשטיצט די ישיבות מיט זייערע נדבות. דער יום־טוב פלעגט פארענדיגט ווערען מיט א גרויסער פראצע־סיע פון שוהל צום פאלאץ פון עקזילארך, וואו עס פלעגט געגעבען ווערען א מאלצייט פאר די געלעהרטע און חשוב'ע לייט, און אויך פאר די אראבישע בעאמטע.

אין דעם אינווענינסטען לעבען פון די אידען האבען די גאונים געהאט נאך א גרעסערע בעדייטונג ווי די עקזילארכען. די אידישע קהלות האבען זיך אין יענער צייט געפיהרט לויט זייערע אייגענע געזעצען פון דער תורה און תלמוד. אבער די הויפט קע־נער פון די דאזיגע געזעצען זיינען געווען די גאונים, וועלכע האבען דעריבער געהאט א גרויסען איינפלוס אויפ'ן לעבען פון פאלק. די ישיבות, וועלכע זיי האבען פערוואלטעט, זיינען געווען איבערפילט מיט געלעהרטע און לעהרנער. דא האט מען געלעהרענט תלמוד און ערקלערט זיינע דינים. די חכמים פון פערשיידענע ערטער פלעגען זיך צוזאמענקומען אהער צוויי מאל א יאהר, אין פריהלינג און אין הערבסט, און אונטער דער פיהרערשאפט פון די גאונים פלעגען זיי בעשפרעכען אלע ענינים, וואס האבען געהאט א שייכות צום גייסטיגען און געזעלשאפטליכען לעבען פון די אידען. ניט נאר פון בבל, נאר אויך פון אנדערע לענדער פלעגט מען זיך ווענ־דען צו די גאונים צו ערקלערען שווערע רעליגיעזע פראגען, און די גאונים פלעגען געבען זייערע ערקלערונגען, און אויף אזא אופן זיינען זיי געווארען די געזעצגעבער פאר די אידען פון אלע לענ־דער, וואו עס האבען געהערשט די אראבער. די אידישע קהילות פון פערסיען, סיריען, ארץ־ישראל און מצרים האבען געהאט שטענ־

דינג פערבינדונגען מיט די באבילאָנישע קהילות. אלע זיינען זיי געווען פעראייניגט אונטער דער אלגעמיינער גייסטיגער הערשאפט פון די גאונים. איינער פון די באבילאָנישע גאונים, אחאי, האָט זיך אריבערגעקליבען קיין ארץ־ישראל און האָט דאָרט אָנגעשריבען זיין בעריהמטען ספר „שאלות", וועלכער ערקלערט די דינים פון תלמוד. דורך דער טהעטיגקייט פון די גאונים איז דער תלמוד פערשפרייט געוואָרען צווישען די אידען, און אויף אזא אופן איז ער געוואָרען דער הייליגער ספר פון אידישען פאָלק.

§69. דער קאַליפאַט פון באַגדאַד; די סעקטע פון קאַראימען. אין דעם אכטען יאָהרהונדערט האָבען זיך אין דעם מזרח'דיגען קאליפאט אָנגעהויבען מהומות, וועלכע האָבען געבראכט די דינאסטיע פון די אָמאיאדען און דמשק צום אונטערגאנג. דער לעצטער קאליף פון דמשק איז אומגעקומען אין דעם קאמפף, און די קעניגליכע מאכט איז אריבער צו א נייער דינאסטיע — אבאסידען. דער אבאסידישער קאליף אל־מאנסור (754) האָט אריבערגעטראָגען די הויפטשטאָדט פון דער אראבישער מלוכה פון דמשק קיין באגדאד אין בבל. דערפון האָט די גאנצע מלוכה געקראָגען דעם נאָמען דער „באגדאדישער קאליפאט". דיזער קאליפאט האָט ארומגענומען פערסיען, בבל, ארמעניען, סיריען, ארץ־ישראל און עגיפטען. אויף אזא אופן זיינען די אידען פון דיזע אלע לענדער געשטאנען אונטער איין מלוכה. זייער וויכטיגסטער גייסטיגער צענטער איז ווי פריהער געבליבען בבל; דאָרט האָבען זיך געפונען זייערע עקזילארכען און גאונים, וועלכע האָבען פערוואלטעט אלע אידישע קהילות.

אין דער דאָזיגער צייט איז צווישען די אידען פאָרגעקומען א רעליגיעזע שפאלטונג. א סך זיינען געווען אונצופריעדען דערמיט, וואָס דער תלמוד איז געוואָרען פונקט אזוי הייליג ווי דער תנ"ך. זיי האָבען געהאלטען, אז די שטרענגע דינים פון תלמוד זיינען א צו שווערע לאסט, און האָבען ניט געוואָלט זיי אָבהיטען. אזוי ווי אמאָל זיינען די צדוקים ארויס געגען דער „תורה בעל־פה", אזוי איז יעצט אויפגעשטאנען א פארטיי, וועלכע האָט געטענה'ט, אז בלויז די דינים פון דער תורה קומען פון גאָט און ניט די דינים פון תלמוד. בראש פון דער דאָזיגער פארטיי האָט זיך

געשטעלט אנן בן־דוד, וועלכער האָט געשטאַמט פון די באַבילאָ־
נישע עקזילאַרכען.

ארום דעם יאַהר 760 איז געשטאָרבען איין עקזילאַרך, וועל־
כער האָט נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט קיין קינדער. צווישען זיינע
צוויי קרובים, די ברידער ענן און חנניה, האָט זיך צופלאַקערט אַ
מחלוקה: יעדער פון זיי האָט געוואָלט ווערען עקזילאַרך. די
חכמים פון די ישיבות פון סורא און פומבדיתא, און די דאָרטיגע
גאונים, האָבען פערשטויסען ענן אלס פריידענקער, און האָבען אויס־
געקליבען זיין ברודער פאַר׳ן עקזילאַרך. די מחלוקות זיינען דער־
גאַנגען צום קאַליף אל־מאַנסור. דער קאַליף האָט זיך געשטעלט
אויף דער זייט פון דעם עקזילאַרך וואָס די גאונים האָבען אויס־
געקליבען און ענן האָט ער געהייסען אריינזעצען אין תפיסה אלס
דעם פיהרער פו די מורדים. ווען ענן איז בעפרייט געוואָרען פון
געפענגנים האָט ער פערלאָזען בבל און איז אוועק מיט זיינע אָנ־
הענגער קיין ארץ־ישראל. זייענדיג פערביטערט געגען די גאונים
איז ענן אָפען אַרויסגעטראָטען געגען דעם תלמוד׳ישען יודענטום.
ער האָט געגרינדעט פון זיינע נאָכפאָלגער אַ בעזונדער קהילה, אָדער
סעקטע. אזוי ווי די אמאָליגע צדוקים אזוי האָט ער אויך געהאַל־
טען, אַז נאָר די געזעצען פון דער תורה שטאַמען פון גאָט. אָבער
אַלע רעליגיעזע דינים, וועלכע האָבען זיך אויסגעאַרבייט אונטער
דעם נאָמען פון „תורה שבעל־פה“ נאָך פון עזרא׳ס צייטען אָן און
וואָס זיינען אריין אין תלמוד, האָט ער בעטראַכט אלס די שאַפונג
פון מענשען. די תורה בעל־פה איז נאָך ענן׳ס מיינונג ניט קיין
מוז; פאַרקערט, עס איז נאָך אַן עבירה געגען דער תורה, וועלכע
זאָגט בפירוש, אַז צו משה׳ס חוקים טאָר מען גאָרניט צוגעבען און
גאָרניט אראָבנעהמען.

די אָנהענגער פון דער דאָזיגער שיטה האָבען זיך פון אָנפאַנג
גערופען „ענאַניטען“, נאָכ׳ן נאָמען פון זייער לעהרער; אָבער
שפּעטער האָבען זיי זיך אַ נאָמען געגעבען "קאַראַימען", ד. ה.
„בני מקרא“ (תורה). זייערע געגנער האָבען זיי אָנגערופען
„רבנים“, ד. ה. נאָכפאָלגער פון די תלמודישע לעהרער, וועלכע
האָבען געהייסען „רבנים“. מורא האָבענדיג פאַר פערפאָל־
גונגען אין בבל, וואו די מאַכט פון גאונים איז געווען שטאַרק, זיי־

נען די קאַראַימער אַריבער קיין ארץ־ישראל. די מסורה'ה דערצעהלט, אַז ענן האָט אויסגעבויט אַ בעזונדערע שוהל אין ירושלים פאַר זיין כתה. זיין לעהרע האָט ענן פאַרשריבען אין אַ ספר פון וועלכען עס זיינען נאָר געבליבען אייניגע שטיקלעך.

די יעניגע דינים און מנהגים, וואָס די קאַראַימען האָבען יאָ אָנגענומען האָבען זיי אויך אָבגעהיט אַנדערש ווי די תלמודיסטען. דעם שבת האָבען זיי אָבגעהיט זעהר שטרענג. זיי האָבען זיך געהאַלטען אַזוי גענוי צום בוכשטאַב פון דער תורה, אַז זיי האָבען ניט אָנגעצונדען קיין פייער אַפילו ערב שבת, און זיי פלעגען פאַר־ברענגען דעם פרייטאָג־צו־נאַכטס אין דער פינסטער; זיי האָבען ניט געברויכט קיין הייסע שפייזען אום שבת, זיי פלעגען ניט פער־לאָזען זייערע הייזער, זיי פלעגען ניט טהאָן קיין שום אַרבייט אפילו פאַר געפעהרליכע חולאים, א. ז. וו. (די שפּעטערע קאַראַימישע לעהרער האָבען געמוזט ווייכער מאַכען די דאָזיגע שטרענגקייטען). דעם אידישען לוח, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרען אין דער צייט פון דעם נשיא הלל דעם צווייטען, האָבען די קאַראַימען אָבגעשאַפט און האָבען ווידער איינגעפיהרט דעם פאַרצייטיגען מיטעל צו בע־שטימען די ימים־טובים לויט דער לבנה. שבועות פלעגען זיי פייערען דעם פופציגסטען טאָג נאָכ'ן ערשטען שבת אין פסח, וואָס דאָס פלעגט שטענדיג אויספאַלען זונטאָג. מצה פלעגען זיי באַקען דוקא נאָר פון גערשטענע מעהל, כדי צו דערמאָנען אָן די „לחם עני", ווי עס ווערט געזאָגט אין חומש. אים סכות פלעגען די קאַראַימען ניט בענוצען קיין אתרוג און לולב ביים דאַווענען, נאָר זיי פלעגען דערמיט אויספוצען זייערע סכות. חנוכה האָבען זיי אינ־גאַנצען ניט געפייערט, ווייל וועגען די חשמונאים איז גאָר ניטאָ אין תנ"ך; אָבער פורים פלעגען זיי פייערען צוויי טעג. דעם תענית פון תשעה באב האָבען זיי אַריבערגעטראָגען פון דעם 9טען טאָג אין אב אויפ'ן צעהנטען. די קאַראַימען האָבען אויך איבערגעביטען דעם אינהאַלט און די אָרדנונג פון די תפלות, די דינים פון שפייז און שחיטה; ביי זיי זיינען פערבאָטען שידוכים אַפילו צווישען ווייטע קרובים. אייניגע רעליגיעזע דינים האָבען די קאַראַימען אָב־געהיט נאָך אַ סך שטרענגער ווי די תלמודיסטען.

דער גרינדער פון דער קאַראַימער סעקטע איז לויט דער מסורה

געשטאָרבען אין פּאַלעסטינא. די קאַראימען האָבען איהם געהאַל־טען פאַר אַ היילינגען; אָבער די תלמודיסטען האָבען איהם פער־שאָלטען ווי אַ כופר בעיקר. די שנאה צווישען די קאַראימער און תלמודיסטען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען זיך ניט משדך געווען איינע מיט די אַנדערע, און פלעגען ניט עסען צוזאַמען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען פון צוויי פערשיידענע רעליגיאָנען. ביסלעכווייז האָבען זיך די קאַראימען אינגאַנצען אָבגעטיילט פון דעם רוב פון אידישען פאָלק, און זיינען געוואָרען ווי אַ בעזונדערע פעלקערשאַפט, ווי אַמאָל די שומרונים. ענן'ס תלמידים און נאָכ־פאָלגער האָבען שפּעטער פּיעלעס געענדערט און צוגעגעבען צו זיין לעהרע.

§70. דאָס גייסטיגע לעבען אין דער צייט פון די גאונים. אין דעם קאַליפאַט פון באַגדאַד, וועלכער האָט עקזיס־טירט אַרום 200 יאָהר, האָבען די אַראַבער דערגרייכט די העכ־סטע שטופע פון זייער קולטורעלער ענטוויקלונג. אין דער דאָ־זיגער גרויסער מלוכה האָבען געבליהט האַנדעל און ארבייט, האָבען זיך ענטוויקעלט די וויסענשאַפטען און קונסטען. צו פערשפּרייטען די בילדונג האָבען געהאָלפען די געלערנטע קאַלי־פען, צום ביישפּיעל האַרונא־אַל־ראַשיד אָדער אַל־מאַמון (786—833), וואָס זייערע נעמען זיינען בעריהמט געווען אי־בער דער גאַנצער וועלט. די אידען זיינען ניט אָבגעשטאַנען אין גייסטיגער ענטוויקלונג. חוץ די יעניגע, וואָס האָבען זיך אָב־געגעבען מיט'ן תלמוד און מיט די היילינגע ספרים, זיינען צווי־שען די אידען געווען אויך געלערנטע: אַסטראָנאָמען, דאָק־טוירים, מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געשרי־בען זייערע ווערק אויף אַראַביש.

אין יענער צייט פלעגען די תלמודיסטען דאַרפען אָפט פיהרען וכוחים מיט די קאַראימען וועגען דעם ריכטיגען טייטש פון די אָדער יענע ווערטער אין תנ"ך. די דאָזיגע וכוחים האָ־בען געפיהרט דערצו, אַז די אידישע געלעהרטע האָבען אָנגעהויי־בען צו פאָרשען די ביבלישע שפּראַך און איהר גראַמאַטיק. (די אידען אין מזרח האָבען דעמאָלט גערעדט און געשריבען אויף אַראַמיש אָדער אַראַביש). פריהער פון אַלץ איז נויטיג געווען

פעסטצושטעלען דאָס ריכטיגע לייענען (די קריאה) פון תנ"ך. די הייליגע ספרים האָבען זיך פון די אַלטע צייטען אָן געשריבען אָהן נקודות. די כללים צו לייענען דיזען ריזיגען טעקסט, וואָס איז בעשטאַנען פון איינע קאָנסאָנאַנטען, זיינען איבערגאַנגען פון מויל צו מויל און האָבען זיך גערופען „מסורות" (טראַדיציעס). זיי זיינען געוועזען בעקאַנט צו די געניטע לעזער, צו די איבער־שרייבער פון תנ"ך (סופרים) און בכלל געלעהרנטע מענשען. אָבער פאַר'ן פאָלק איז געוועזען זעהר שווער צו לייענען דעם תנ"ך אָהן וואָקאַלען. אויסער דעם פלעגען אין אזא לעזען פאָרקומען זעהר אָפטע גרייזען. איין און דאָס זעלבע וואָרט האָבען פערשיי־ענע טייטשען, עס ווענדט זיך וועלכע וואָקאַלען עס וועט רען צו איהם צוגעשטעלט, ד. ה. ווי אַזוי דאָס וואָרט ווערט ארויסגעזאָגט. און דעריבער האָבען אין דעם אכטען יאָהרהונ־דערט די אידישע געלעהרנטע אין בבל און פאַלעסטינא אויס־געאַרבייט די נקודות, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף און אונטער די אותיות פון תנ"ך, און געוויזען ווי אַזוי מען דאַרף לייענען יעדעס וואָרט. אין ווערטער, וואָס האָבען זיך גע־קענט לייענען אויף פערשיידענע אופנים, האָט מען פעסטגע־שטעלט איין בעשטימטע „קריאה", לויט דער אַלטער טראַדיציע אָדער מסורה. די געלעהרטע וואָס האָבען זיך אָבגעגעבען דער־מיט האָבען געקראָגען דעם נאָמען „בעלי־המסורה".

אז מען האָט אָנגעהויבען לערנען העברעאיש, האָט זיך אויך אויפגעוועקט א חשק צו שרייבען העברעאיש. מען האָט פאַר־פאַסט תפלות און רעליגיעזע שירים אין אייגענאַרטיגע פער־זען. די דאָזיגע שירים האָבען זיך גערופען „פיוטים", און זייערע פערפאַסער — „פייטנים" (פּאָעטען). א סך פון דיזע שירים פלעגט מען לייענען אין די שוהלען צוזאַמען מיט די יום־טוב'דיגע תפלות און זיי זיינען אריין אין דעם „מחזור".

§71. סעדיה גאון. אין דער צייט פון דער אראַבישער הערשאַפט אין מזרח, האָבען די גייסטיגע פיהרער פון יודענטום — די גאונים — ארויסגערוקט פון צווישען זיך ניט ווייניג גלענצענדע מענשען. נאָר קיינער פון זיי האָט זיך ניט אַזוי בעריהמט געמאַכט, ווי דער גאון סעדיה בן־יוסף. סעדיה איז געוועזען ניט נאָר א געזעץ

לעהרער־תלמודיסט, נאָר אויך אַ גרויסער דענקער, וועלכער האָט גע־קענט אַלע וויסענשאַפטען פון יענער צייט. ער איז געבאָרען גע־וואָרען אין יאָהר 892, אין מצרים, וואו עס האָט דעמאָלט געבליהט די אַראַבישע בילדונג. האָבענדיג אויסגעלעהרנט די העברעאישע און די אַראַבישע ליטעראַטור, האָט ער נאָך אין דער יוגענד אָנגע־הייבען שרייבען ביכער. ווען ער איז אַלט געווען 23 יאָהר האָט ער פערפאַסט אַ ספר געגען די קאַראַימען. אין דעם דאָזיגען ספר בעווייזט ער מיט שטאַרקע ראיות, אז די תורה קען ניט עקזיס־טירען אָהן די מינדליכע טראַדיציעס, וואָס געפינען זיך אין תלמוד, ווייל אַ סך דינים אין דער תורה זיינען אויסגעדריקט ניט קלאָר, און אַנדערע יסודות פון דער אמונה (ווי צום ביישפּיעל שכר ועונש אויף יענער וועלט) זיינען אַפילו ניט אָנגעוויזען אין חומש. סעדיה'ס ווערק האָט אַרויסגערופען אַ שטורם צווישען די קאַראַימען. די בעריהמטעסטע קאַראַימישע געלערנטע האָבען געענטפערט דעם יונגען מחבר אין אַ גאַנצער רייהע פון ווערק, פערטיידיגענדיג זייער לעהרע. סעדיה האָט זיי געענטפערט צוריק און אין דער זעלבער צייט האָט ער געשריבען אַ העברעאישע גראַמאַטיק און האָט איבער־זעצט דעם תנ"ך און די משנה אויף אַראַביש. סעדיה'ס געלערנטע טהעטיגקייט און זיין גלענצענדער קאַמפּף מיט די קאַראַימען האָבען געמאַכט זיין נאָמען בעוואוסט איבער די גרעניצען פון מצרים.

אין יענער צייט איז געשטאָרבען דער הויפּט גאון פון סורא. די חכמים פון בבל האָבען איינגעלאַדען אויף דיזער חשוב'ער שטעלע סעדיה'ען, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז 36 יאָהר (928) סעדיה איז אָנגעקומען פון מצרים און האָט פערנומען די שטעלע אַלס פיהרער פון דער עלטסטער ישיבה אין בבל, אָבער ניט אויף לאַנג. אין גיכען האָט זיך צופלאַקערט אַ קריעג צווישען איהם און דעם דעמאָלטיגען עקזילאַרך, דוד בן־זכאי. דער עקזילאַרך האָט גע'פּסק'נט עפּיס אַ משפט וועגען ירושה ניט נאָכ'ן דין, נאָר פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען, און האָט געפאָדערט, אַז די גאונים פון סורא און פומבדיתא זאָלען זיך אונטערשרייבען אויף דעם פּסק דער גאון פון פומבדיתא האָט ערפילט דוד'ס פאָדערונג. סעדיה אָבער האָט זיך ענטזאַגט אונטערצושרייבען דעם פּסק, אַלס אונגעזעצליך. דער עקזילאַרך האָט געשיקט אַ שטרענגען בעפעהל צום האַרטנעקי־

נען גאון ער זאָל איהם פאָלגען, אויב ניט וועט ער איהם ארונטער־
ווארפען פון זיין אמט. נאָר עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. דאָן
האָט דער אויפגעבראכטער עקזילארך צוגענומען ביי סעדיה'ען דעם
טיטעל גאון, און האָט בעשטימט אן אנדער געלעהרטען אויף זיין
אָרט. אָבער סעדיה פון זיין זייט האָט ארייננעלעגט דוד'ן אין
חרם, און צוזאמען מיט זיינע נאָכפאָלגער, האָט ער ערוועהלט אן
אַנדער עקזילארך. אין בבל זיינען געוואָרען צוויי פיינדליכע פאַר־
טייען: דוד'ס און סעדיה'ס, וואָס יעדע פון זיי האָט געזוכט צו
געווינען אויף איהר זייט דעם קאַליף פון באַגדאד. מיט דער הילף
פון כאבאר האָט דוד'ס פּאַרטיי געזיעגט אין דעם באַגדאַ־
דישען הויף. סעדיה, האָבענדיג פערלאָרען זיין שטעלע, האָט גע־
מוזט פערלאָזען סורא (933). ער האָט זיך בעזעצט אין באַגדאד
און האָט דאָרט געלעבט פיער יאָהר אין פאָלשטענדיגער איינזאַמ־
קייט. ער האָט זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען צום לעהרנען און האָט
אָנגעשריבען עטליכע ווערק וועגען רעליגיאָן, פילאָזאָפיע און שפּראַ־
כען. דערווייל איז געשטאָרבען דער קאַליף, וואָס האָט ארונטער־
געזעצט סעדיה'ן פון זיין שטעלע, און די פּאַרטיי פון דעם געפאַ־
לענעם גאון האָט ווידער אויפגעלעבט. עס האָבען זיך געפונען
מענשען, וואָס האָבען געוואָלט מאכען אַ שלום צווישען דעם עקזי־
לארך און סעדיה. אין גיכען איז דער דאָזיגער שלום געשלאָ־
סען געוואָרען. סעדיה איז ווידער געוואָרען גאון אין סורא. אָבער
די איבערגעליטענע צרות און די אָנגעשטרענגטע גייסטיגע ארבייט
האָבען אונטערגעגראָבען זיין געזונט. סעדיה איז געשטאָרבען אין
יאָהר 942, אין גאַנצען פופציג יאָהר אַלט.

סעדיה'ס וויכטיגסטע ווערק, וואָס האָט אונשטערבליך גע־
מאַכט זיין נאָמען, רופט זיך „אמונות ודעות", אין ערקלערט די
יסודות פון דער אידישער רעליגיאָן. דער דאָזיגער ספר איז גע־
שריבען געוואָרען אין אראביש און איז שפּעטער איבערזעצט גע־
וואָרען אויף העברעאיש. סעדיה האָט דאָ געפּרובט צו פערענטפע־
רען די אייביגע מחלוקה צווישען גלויבען און וויסען, רעליגיאָן
און וויסענשאַפט. ער קעמפּפט פון איין זייט געגען דעם אבער־
גלויבען פון דעם המון און פון דער אַנדער זייט געגען דעם גימ־
גלויבען פון אַ סך געלעהרטע. „מיין הארץ טהוט וועה, — שרייבט

ער, — ווען איך טראכט וועגען אייניגע מינים פון דענקענדע ווע־
זענס, און מיין נשמה ציטערט פאר'ן גורל פון אונזער פאלק, די
קינדער פון ישראל. איך זעה אין אונזער צייט א סך גלויביגע מענ־
שען, וואס זייער גלויבען איז ניט ריין און זייערע מיינונגען זיינען
ניט קלאר; פון דער אנדערער זייט זיינען דא א סך אונגלויביגע,
וואס שטאלצירען דערמיט, וואס זיי לייקענען אלץ אב, זיי האלטען
זיך העכער פון די מענשען מיט איבערצייגונגען, און אין דערזעלבער
צייט בלאנדזשען זיי אליין. איך האב געזעהן ווי אייניגע טרינקען
זיך אין דעם ים פון ספקות, אנדערע זיינען פערזונקען אין דעם
אבגרונד פון טעות'ן, און עס איז ניטא קיין שווימער, וועלכער זאל
זיי ארויסציהען פון דארט". סעדיה בעווייזט, אז די הויפט יסודות
פון דער אידישער אמונה זיינען געגרינדעט אויף פאקטען און ווי־
דערשפרעכען ניט דעם פערשטאנד.

סעדיה דריקט אוים דעם תמצית פון יודענטום אזוי: גאט
האט בעשאפען די וועלט ניט פון פארטיגער מאטעריע, נאר ער האט
בעשאפען די מאטעריע אויך. דער בעשעפער פון דער וועלט איז
איינער. און ווען ער האט בעשאפען די וועלט האט ער געהאט א
קלארען, בעשטימטען ציעל. די קרוין פון דער בעשאפונג איז דער
מענש, אין וועלכען עס איז אריינגעגעבען געווארען א פערשטענדיגע
זעלע, וועלכע קען אונטערשיידען גוטס און שלעכטס און דערקענען
דעם אמת. אבער דער מענש וואלט אליין ניט געקענט געפינען דעם
אמת'ן וועג פון לעבען, ווען גאט וואלט איהם ניט געקומען צו הילף.
גאט האט זיך אנטפלעקט צו די מענשען אויפ'ן בארג סיני און האט
זיי געגעבען זיינע געבאטען און געזעצען, וועלכע זאלען פיהרען
דעם מענשען צו נאבעלע צוועקען. דעם מענשען איז געגעבען גע־
ווארען דער פרייער ווילען: ער איז פריי ענטוועדער אבצוהיטען,
אדער ברעכען די געבאטען פון בארג סיני; פון דאנען נעהמט זיך
דער בעגריף פון שכר, פיר גוטע מעשים און פיר עבירות. גוטע און
פרומע מעשים רייניגען און דערהויבען די נשמה; שלעכטע מעשים
פארשווארצען און בעפלעקען זי. די גערעכטיקגייט פאדערט, אז די
צדיקים זאלען בעלוינט ווערען מיט גוטס, און די רשעים און זינ־
דיגע זאלען ליידען דערפאר, וואס זיי זיינען אבגעטראטען פון אמת'ן
וועג. נאר אזוי ווי אויף דער וועלט איז ניט מעגליך קיין פולער

שכר, ווערט די לעצטע גערעכטיגע בעלוינונג דערגרייכט ערשט אויף יענער וועלט. דער טויט הייסט ניט דער סוף פון זיין, נאָר דער איבערגאַנג צו אַן אַנדער עקזיסטענץ. די עהרליכע נשמות הויבען זיך אויף צום אָרט פון גליק און רוה (גן־עדן), און די זינדיגע זייי־נען נע־ונד אין דער וועלט. אין אַ צייט, וואָס גאָט וועט בעשטימען, וועט פאָרקומען תחית המתים, וואָס איז פערבונדען מיט דעם קומען פון משיח׳ן. תחית המתים פערשטעהט סעדיה אַזוי ווי דער תלמוד לערנט, ד. ה. ווען עס וועלען צוריק לעבעדיג ווערען אויף די קער־פער פון די טויטע. אַז משיח וועט קומען וועט אויף דער וועלט קומען די העכסטע גערעכטיגקייט.

§72. די לעצטע עקזילאַרכען און גאונים. אין דער עפּאָ־כע פון סעדיה גאון האָט די אידישע חכמה אין דעם באַגדאַדישען קאַליפאַט דערגרייכט איהר פולסטע בליהונג. אָבער אין גיכען האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען די צופאַלונג פון דעם באַגדאַדישען קאַליפאַט; צוזאַמען דערמיט האָט אָנגעהויבען צו זינקען אויך דאָס געזעלשאַפט־ליכע און גייסטיגע לעבען פון די באַבילאָנישע אידען. די הערשאַפט פון דעם עקזילאַרך האָט פערלאָרען איהר פריהערדיגע בעדייטונג. נאָכ׳ן טויט פון דוד בן־זכאי איז דער פּאָסטען פון עקזילאַרך אַ לאַנגע צייט געבליבען לעדיג.

אין דער אייגענער צייט איז אונטערגעגאַנגען די ישיבה פון סורא. די אידען פון די שכנ׳ישע לענדער, וועלכע האָבען מיט זייערע נדבות געשטיצט דיזען קוואַל פון תלמודישען וויסען, האָבען אויפגעהערט צו שיקען געלט קיין סורא, און די ישיבה האָט זיך געשלאָסען. די אידישע קהילה אין סורא האָט געמאַכט די לעצטע אַנשטרענגונג צו ראַטעווען זייער אַלטע שולע. די מסורה דער־צעהלט, אַז פיער חכמים זיינען אַוועק אין ווייטע לענדער צו קלייבען נדבות פּאַר דער ישיבה. נאָר די שיף, אויף וועלכער זיי זיינען געפאָהרען איבער׳ן מיטלענדישען ים, איז פערכאַפּט געוואָרען פון אַראַבישע מאַטראָסען. די געפאַנגענע זיינען אַוועקגעפיהרט געוואָ־רען אין פערשיידענע לענדער: צוויי זיינען פערוואָרפען געוואָרען קיין מצרים, אין צפון־אַפריקאַ, דער דריטער — אין שפּאַניען, און דער פיערטער ווייסט מען ניט וואוהין. די דאָזיגע געלערנטע האָ־בען זיך אָבגעגעבען צו פערפלאַנצען דעם תלמוד אין יענע ערטער,

וואו דער שיקזאַל האָט זיי פערוואָרפען. דורך זייער טהעטיגקייט האָבען די אידישע קהילות אין אפריקא און אייראָפּא מעהר ניט געדארפט אזוי אָפט ווי פריהער אָנקומען צו די באבילאָנישע גאונים מיט רעליגיעזע פראגען.

נאָכ'ן אונטערגאנג פון דער ישיבה אין סורא איז געבליבען נאָר די ישיבה אין פומבדיתא, וואָס אַן איהר שפּיץ זיינען געשטאַנען די גאונים. די לעצטע גאונים אין פומבדיתא זיינען געוועזען שרירא און זיין זוהן האי. דיעזע גאונים האָבען זיך אונטערשיידט פון סעדיה גאון דערמיט, וואָס זיי זיינען געוועזען שטרענגע תלמודיסטען און האָבען זיך ניט פערנומען ניט מיט קיין וועלטליכער וויסענשאפט און ניט מיט קיין פילאָזאָפיע. פון שרירא'ס ווערק איז דאָס וויכטיגסטע זיין „אגרת רב־שרירא“, אין וועלכען ער גיט איבער בקיצור די צוזאמענשטעלונג פון תלמוד און די טעטיגקייט פון די גאונים. האי גאון האָט פערפאסט אייניגע ספרים וועגען דער אידישער געזעצלעהרע, אָבער אין פאָלק האָט זיך איבערהויפט פארשפּרייט זיין ספר „מוסר השכל“. האי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1038. אלס גאון און ראש ישיבה אויף זיין אָרט איז געוואָרען חזקיהו, דער אור־אייניקעל פון דעם געוועזענעם עקזילאַרך דוד בן־זכאי. אָבער חזקיהו האָט געהערשט ניט לאנג. צוליעב עפּיס א מסירה האָט דער קאליף פון באגדאד פלוצלינג געהייסען פאנגען דעם אידישען פירשט און איהם פערשפּארען אין געפענגניס, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1040. זיינע זיהן זיינען אנטלאָפען קיין שפּאניען.

די הערשאפט פון די עקזילארכען און גאונים האָט פערלאָרען איהר בעדייטונג, די ישיבות זיינען געפאלען, און די געלערנטע האָבען פערלאָזען דאָס היים־לאנד פון דעם תלמוד און האָבען זיך בעזעצט אין אַנדערע לענדער. דאָס אַלטע בבל, וואָס האָט פארנומען דעם ערשטען פּלאַץ אין דעם גייסטיגען לעבען פון די אידען, האָט געמוזט אָבטרעטען דעם דאָזיגען פּלאַץ צו אַנדערע לענדער, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען א ניי לעבען. די דאָזיגע לענדער האָבען זיך געפונען שוין ניט אין מזרח, נאָר אין מערב, אין אייראָפּא.

אינדעקס

א

אבא אריכא, 144—146.
אבטליון, 77.
אביי, 148
אגריפאס דער 1טער, 83—88.
אגריפאס דער 2טער, 88—92, 96, 108.
אחאי, 168.
אחר, זעה אלישע בן־אבויה.
איסלאם, 160.
אליעזר (חשמונאי), 35.
אליעזר בן־הורקנוס, 113, 114.
אליעזר בן־יאיר, 107.
אליעזר בן־עזריה, 114.
אליעזר בן־שמעון, 101.
אלישע בן־אבויה, 128—129.
אלכסנדרה, 67, 68, 69, 70, 71.
אלכסנדר ינאי, 54—57.
אלכסנדר מוקדון, 9—12.
אלעקסאנדריען, 12, 13, 42.
אלקימוס, 37, 39.
אמוראים, 135, 136.
אמי (רב), 137.
אסי (רב), 103.
אנטאניוס, 65, 66, 67, 68, 69.
אנטאניוס פיוס, 126.
אנטיגנוס דער 1טער, 48, 54, 55.
אנטיגנוס דער 2טער, 66—67.
אנטיוכוס אופאטאר, 35—37.
אנטיוכוס דער 3טער, 16—20.
אנטיוכוס סידעטעס, 45—47.
אנטיוכוס עפיפאנעס, 21—35.
אנטיפטר, 60, 63, 64.
אסיים, 49—51.
אפאקריפען, 18, 110.
אקרא, 41.
אריסתובול דער 1טער, 48, 54, 55.
אריסתובול דער 2טער, 58—64.
אריסתובול דער 3טער, 67—68.
ארכילוס, 74—76.
אשי, 148—149.

ב

בוסתנאי, 162.
ביזאנטיען, 141, 156—158.
בית־הלל, 80, 113.
ביתר, 121—122.
בית־שמאי, 80, 113.
בן־סירא, זעה יהושע בן־סירא.
בערעניקא, 88, 92, 96, 97, 108
ברוריה, 127.
בר־כוכבא, 120—122.

ג

גאונים, 166—168.
גמליאל דער 1טער, 88.
גמליאל דער 2טער, 112—114, 117.
גמליאל דער 3טער, 134—136.
גמליאל דער 6טער, 141.
גמרא, זעה תלמוד.
גערוזיא, 14.

ד

דאמיציאן, 113, 114, 115.
דעלטא, 42.
דמיטריוס סאטער, 36—39.

ה

האדריאן, 117, 121, 122, 124, 125.
האי, 177.
הונא, 147.
הורדוס, 64, 65, 66, 67—74.
הורדוס־אנטיפאס, 74, 76, 81.
הורמיז, 143.
הורקנוס, זעה יוחנן הורקנוס.
הורקנוס דער 2טער, 57—69.
הלל, 77—79.
הלל דער 2טער (נשיא), 139—140.
העלעניסטען, 22, 23, 25, 36, 37, 50, 76.
העלענער, 22.
העתקת השבעים, זעה סעפטואגינט.

ו

וועספאַסיאַנוס, 96—99, 101, 105, 108, 111.

ז

זאַראַאַסטער, 150.
זהר, 129.
זעלאָטען, 90, 92—93, 99—100, 108.

ח

חוניו דער 2טער, 15, 18.
חוניו דער 3טער, 20—24.
חוניו דער 4טער, 44.
חכמות יון, 19, 22. זעה העלעניס־טען.
חנה, 27.
חנוכה, 32—34.
חנינא בן־תרדיון, 124.
חסידים, 22, 25, 29, 37.
חשמונאים, 41.

ט

טבריה, 81.
טהעאָדאָסיוס, 141.
טיבעריוס, 81—83.
טיטוס, 96—97, 101—105.
טראַיאַנוס, 115, 117.

י

יאַזאָן, 22—24.
יאָזעפוס פלאַוויוס, 95—99, 102—103, 108—110.
יבנה, 111—112.
יהודה בן־טבאי, 58.
יהודה המכבי, 30—38.
יהודה הנשיא, 131—135.
יהודה־נשיאה, 136.
יהושע בן־חנניה, 113, 117—118.
יהושע בן־סירא, 18—19.
יודפת, 98—99.
יוחנן בן־זכאי, 110—112.
יוחנן בן־נפחא, 136—137.
יוחנן הורקנוס, 45—48, 52—54.
יונתן (חשמונאי) 38—40.
יוחנן מגוש חלב, 96, 101, 102, 105, 107.
יוליאַן אַפּאָסטאַט, 139, 140.
יוסטיניאַן, 157.
יום ניקנור, 38.
יוסף בן־גוריון, 94, 100.
יוסף בן־מתתיהו, זעה יאָזעפוס פלאַוויוס.
יופיטער, 107, 108, 125.
יעזוס קריסטוס, 83.
יתורים, 54.

כ

כורש, 10.

ל

לאַגיער, 13.
ליזיאַס, 32, 35, 36, 37.
ליזימאַכוס, 24.

מ

מאַחמער, 160—162.
מאַחמעדאַניזם, 10.
מאיר (רבי), 125—127, 130.
מאַקאַבייער, 41.
מודיעין, 28.
מחוזא, 144, 145, 148, 155.
מכילתא, 135.
מסדה, 107.
מענעלוים, 22—25, 36.
מצרים, אידען אין, 41—44, 84, 108.
מר־זוטרא, 155.
מרים, 67—70.
משנה, 78, 132—134.
משניות, 119.
מתתיהו חשמונאי, 28—30.

נ

נהרדעא, 115, 144, 146, 147.
ניקנור, 30, 37, 38.
נירון, 90, 96, 101.
נשיא 41.
נשיאים, 10, 45.
נתן הבבלי, 130.

ס

סבוראים, 156.
סורא, 144, 149, 166.
סיקאַריער, 90.
סנהדרין, 52—53, 65, 77, 95, 112—114, 126, 129, 131, 140, 143.

סנהדרין (יבנה), 112, 114.
סעדיה גאון, 172—176.
סעלייקוס, 13.
סעלייקוס דער 4טער, 20—21.
סעלייקידען, 15, 20.
סעפּטואַגינט, 15.
ספרא, 135.
ספרי, 135.

ע

עטנאַרך, זעה נשיא(ים).
ענן, 169—171.
עקזילאַרך, 10, 144.
עקיבא (רבי), 118—123.
עקילס, 115.
עשרה הרוגי מלכות, 124.

פּ

פּאָמפּעאוס, 61—64.
פּאָנטיוס פּילאַטוס, 82—83.
פּוילוס, 88.
פּומבדיתא, 144, 147, 148, 166.
פּראָקוראַטאָר, 81—82.
פּרושים, 49—50, 51, 53, 56—58.

פֿ

פֿילון, 84—85.
פֿיליפּוס, 74, 76, 81.
פֿירשט, זעה נשיא.
פֿלאַוויוס, זעה יוסיפוס פֿלאַוויוס.

צ

צדוקים, 49, 50—51, 53, 58—59.
צעאוס, 25.
צעזאַר, 63, 64.

ק

קאַליגולאַ, 83, 85, 86.
קאָנסטאַנטין, 138.
קאַראַימען, 168—171.
קאַראַן, 161.
קלאַדיוס, 86, 87, 88, 90.
קנאים, זעה זעלאָטען.
קריסטענטום, 138—141.

ר

רב, זעה אבא־אריכא.
רבא, 148.
רבה, 147—148.
רבינא, 151.
ריש־גלותא, 130, 149.
ריש־לקיש, 137.

ש

שאול פון תרשיש, זעה פּוילוס.
שומרונים, 12, 47, 48.
שלומית־אלכסנדרה, 55, 57—59.
שמאי, 77, 79, 80.
שמואל ירחינאי, 144.
שמעון בר־גיורא, 93, 102, 105, 107.
שמעון בן־גמליאל, 94.
שמעון בן־יוחאי, 129.
שמעון בן־שטח, 58.
שמעון בר־כוזיבא, זעה בר־כוכבא.
שמעון דער 3טער, 126, 129—131.
שמעון חשמונאי, 40, 45—46.
שמעיה, 77.
שרירא, 177.

ת

תורה שבכתב, 78.
תורה שבעל־פּה, 78, 132.
תלמוד, 10, 81, 134.
תלמוד בבלי, 142, 148—155.
תלמוד ירושלמי, 142, 151, 154—155.
תלמי, 46, 47.
תלמי אייערגעטעס, 15, 16.
תלמי לאַגוס, 12—14.
תלמי פֿילאַדעלפֿוס, 14—15.
תלמי פֿילאָמאַטאָר, 42, 44.
תלמי פֿילאָפּאַטאָר, 16, 17, 20.
תנאים, 135.
תרגום אונקלוס, 115.
תרגום השבעים, זעה העתקת השבעים.